STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03482

# DI IBERGANGS-GEZELSHAFT

J. Wolf

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. וואָלף

# די
# איבערגאַנגס-
# געזעלשאַפט

(די מיסיע פון עטישן מענטש)

פאַרלאַג ח. בזשאָזא — וואַרשע 1937

PRINTED IN POLAND

Copyright by H. Wolff 1937
Buenos Aires

H. Wolff: Di ibergangs-gezelszaft

*Wydawnictwo Ch. Brzoza, Warszawa*

---

***Druk. „Grafia“, Nowolipki 7.***

קאַפּיטל איינס

# די מענטשלעכע טבע

(פּסיכאָענערגיע)

I

אַלץ קומט אַרוים פונם מענטשן.

אַלץ, וואָס פּאַסירט מיטן מענטשן, סיי מיטן יחיד, סיי מיטן כלל, האָט זיין מקור אין מענטשנס אינערלעכקייט. דעם מענטשנס מעשים זענען נישט מער, ווי פאַראויסערלעכונג פון אינעווייניקסטע קרעפטן, וואָס שטייען הינטער זיי. יעדער מענטשנס טאַט און די טאַטן פון דער גאַנצער מענטשהייט צוזאַמענגענומען זענען אַן עקספּלאָזיע פון פאַרבאָרגענער קראַפט, וואָס רייסט זיך צו באַפרייען; דורך טאַט באַפרייט זי זיך.

דער מענטש איז אָנגעשפּאַנט מיט פּסיכיק; דער מענטש איז איבערגעלאָדן מיט קראַפט און גייסט. קראַפט און גייסט און פּסיכיק דאַרפן באַפרייט ווערן. טאַט איז זייער באַפרייער.

דער מענטש איז נישט פריי. דער מענטש איז אַ שקלאַף צו זיך אַליין. ער איז פאַרשקלאַפט צו זיין נאַטור. זיין נאַטור איז אַ באַשטימטע זאַך. זי איז דאָס, וואָס זי איז און אַזוי ווי זי איז.

מען האָט געמאַכט פון מענטשן אַ בעל־שכל און מען מיינט, אַז אין שכל דאַרף מען זוכן דעם שליסל צו פאַרשטיין דעם מענטשנס לעבן. דאָס איז נישט ריכטיק. וואָלט סיי דער יחיד, סיי דער כלל געלעבט מיט שכל, וואָלט נישט אַזוי אויסגעזען זייער לעבן, ווי עס זעט אויס. גלייך ווי דער מענטש עפנט זיינע אויגן, איז ער באַלד איבערפולט מיט אַן אַ שיעור גלוסטונגען צו די פאַרשידנסטע זאַכן. דידאָזיקע גלוסטונגען שטאַרקן זיך אין זיין האַרץ מיט יעדן טאָג, וואָס עס קומט צו צו זיין עלטער, ביז זיי באַהערשן זיין לעבן. וואָס איז לעבן? ליבע און האַס, פרייד און טרויער, נעזאַנג און געוויין, האָפענונג און אַנטוישונג, לוסט און אומלוסט. וואָס איז דאָס אַלץ, — שכל? ניין, דאָס איז נישט קיין שכל, דאָס איז קראַפט און גייסט.

דער מענטש ווערט געטראָגן אויף די מעכטיקע פליגל פון זיין גייסט, ווי שטויב אויף די פליגל פון אַ שטורעמווינט. יעדער טוט דאָס, וואָס ער מוז טאָן, וואָס אַן אינעווייניקסטע אומווידערשטייצלעכע קראַפט באַפעלט אים צו טאָן. קיין זאַך באַוועגט זיך נישט אָן קיין באַוועגער; קיין זאַך טוט זיך נישט אָן עפעס אַ כוח, וואָס מאַכט, אַז זי זאָל זיך טאָן. יעדע מענטשנס האַנדלונג ווערט באַוועגט פון אַ פסיכיש שטראָמעלע. וואָלט נישט געווען דאָסדאָזיקע שטראָמעלע, פונוואַנען זשע וואָלט געקומען האַנדלונג? עס איז נישט וויכטיק דער באַוווּסטזיין וועגן דעם שטראָמעלע ענערגיע, וואָס פליסט דורך און רופט אַרויס טאַט; ענערגיע איז איין זאַך און באַוווּסטזיין אַ צווייטע. מענטשן מיט אַ חוש פאַר אויטאָ־אָבסערוואַציע, וועלן שטענדיק דאָסדאָזיקע שטראָמעלע וועלן אָבסערווירן און עס קלאַסיפיצירן. דער פאַקט בלייבט פאַקט: קיין שום מענטשלעכע האַנדלונג קאָן נישט קומען אָן דעם, אַז עס זאָל נישט זיין וועלכע עס איז רעגונג, וואָס זאָל איר סטימולירן.

דער זיין דערשיינט פאַר אונז פון צוויי זייטן: איין זייט איז די רוימלעך־אויסגעשפּרייטע: מאַטעריע; די צווייטע זייט איז די ענערגעטישע, די קראַפט און דער גייסט, וואָס איז פאַרוויקלט אינם רוימלעכן זיין. יעדע מאַטעריאַליטעט מוז האָבן גייסטיקייט, פונקט

אזוי מוז יעדע גייסטיקייט האָבן א וועלכן עס איז מאַטעריעלן שורש. איינס אָן צווייטן איז פאַר אונז אומבאַגרייפלעך.

און פונקט אזוי ווי מאַטעריאַליטעט איז דעפינירט און באַשטימט און איז דאָס, וואָס עס איז און אזוי ווי עס איז, אזוי איז דער גייסט, וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן, אויך דעפינירט און באַשטימט. פונקט ווי מיר קאָנען נישט דענקען וועגן קיין פאָרמלאָזער מאַטעריאַליטעט, וואָס קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין קעגנזאַץ צו זיך אַליין, אזוי קאָנען מיר אויך נישט דענקען וועגן קיין פאָרמלאָזן גייסט, וואָס קאָן זיין אי אזוי, אי אנדערש, אי דער קעגנזאַץ פון דעם, וואָס ס'איז.

„פיל פון די, וואָס האָבן געשריבן איבער די עמאָציעס און איבער דעם לעבנספיר פון דעם מענטשן, — שרייבט שפינאָזא אין אָנהויב דריטן טייל פון זיין „עטיק", — האָבן, זעט אויס, גערעדט וועגן זיי, נישט ווי וועגן נאַטירלעכע דערשיינונגען, וואָס פאָלגן די געמיינזאַמע געזעצן פון דער נאַטור, נאָר ווי וועגן זאַכן, וואָס ליגן אויסערהאַלב דער נאַטור. עס שיינט, אַז זיי פאַסן אויף דעם מענטשן אין דער נאַטור ווי אַ מלוכה אין אַ מלוכה, מחמת זיי גלויבן, אַז ער צעשטערט מער, ווי ער פאָלגט נאָך דעם סדר פון דער נאַטור, אַז ער האָט אַן אַבסאָלוטע קאָנטראָל איבער זיינע האַנדלונגען און ער ווערט פון קיינעם נישט, אַ חוץ זיך גופא, דעטערמינירט". „...איך וועל באַטראַכטן מענטשלעכע האַנדלונגען און באַשטרעבונגען גענוי אזוי, ווי עס וואָלט געווען אַ פראַגע פון ליניעס, פלאַכן און קערפּער".

דעם מענטשן דאַרף מען תופס זיין ווי אַ זאַך, וואָס איז פאַראַן און האָט אַ באַשטימטן אופן פון זיין, סיי פיזיש און סיי פּסיכיש. פונקט ווי עס איז אוממעגלעך אונטערצוּוואַרפן דעם מענטשנס פיזיק אונטער אומבאַשטימטער עלאַסטיציטעט און פאַראַנדערונגס־מעגלעכקייט, אזוי איז דאָס אויך אוממעגלעך צו טאָן מיטן מענטשנס גייסט. פונקט ווי דעם מענטשנס פיזיק האָט זיך אַנטוויקלט און אויסקריסטאַליזירט דורך מיליאָנען לעבנס, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, ביז ער איז ענדלעך געוואָרן דאָס, וואָס ער איז, אזוי איז דאָס אויך מיטן מענטשנס גייסט.

סוף אריין אינם מענטשן און אלע פון זיין לעבן וועט דיר ווערן פארשטענדלעך; דרינג אריין אין זיינע אינעווייניקסטע ספערן, פארש דארט און לערן דארט וואס מער, און די געשיכטע פון דער מענטשהייט וועט פאר דיר ווערן אן אפן בוך. אלע מיסטעריעס און געהיימנישן וועלן פאר דיר קלאר ווערן; אלע טונקעלע אומ־ווענן וועלן באשיינט ווערן מיט א העל ליכט און דו וועסט וויסן דעם אנהויב און דעם סוף פון די מענטשנס טואונגען.

זע דאס מענטשלעכע לעבן ווי א שטורעם אין דער מדבר; זע דאס מענטשלעכע לעבן ווי אן אויפגעברויזטן ים — קראפט און סטיכיע, וואס ברויזט און בושעוועט. זע דעם מענטשן וואקסן און געבן פרוכט, ווי דו זעסט עס טאן דעם בוים אין וואלד. ווייסט דער בוים, וואס ער טוט? גיט ער זיך אפ א חשבון פון זיינע מעשים? קאן ער יא אדער נישט וועלן טאן דאס, וואס ער טוט? אזוי איז דער מענטש.

„די דערפארונג לערנט אונז נישט ווייניקער קלאר, איידער די פארנונפט, — שרייבט ווייטער שפינאזא אין אויבנדערמאנטן ציטאט, — אז די מענטשן האלטן זיך פאר פריי בלויז דערפאר, וואס זיי זענען באוווסט אויף זייערע האנדלונגען און אומבאוווסט אויף די אורזאכן, וואס דורך זיי ווערן די האנדלונגען באשטימט". „אזוי גלויבט א זויג־קינד, אז ער באגערט די מילך פרייוויליק; א קינד, וואס איז אין כעס, אז ער וויל פרייוויליק נקמה; א שרעקעדיק קינד גלויבט, אז ער באגערט פרייוויליק צו אנטלויפן; א שיכור גלויבט, אז ער רעדט אויס דעם פרייען באשלוס פון זיין גייסט, דאס, וואס ער וואלט, בעת ער איז ניכטער, פארשוויגן; אזוי אויך דער מענטש, וואס רעדט פון היץ און די פרוי, וואס איז א פלוידערזאק, דאס קינד און אנדערע פון דעמזעלבן גוס, — זיי אלע גלויבן, אז זיי רעדן אויס דעם פרייען באשלוס פון זייער גייסט, בעת אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי נישט אימשטאנד אפצוהאלטן זייער אימפולס צו רעדן".

אמת, אז דער מענטש קען זיך באהערשן; ער קען צוימען זיי־נע לײדנשאפטן, ער קען זיך קאנטראלירן. איז, ערשטנס, זעלבסט־קאנטראל, שטארקייט פון ווילן אויך גייסט און קראפט. קיינער איז

נישט פריי זיך צו מאַכן פאַר אַ כאַראַקטער־שטאַרקן. דער שוואַכ־זיניקער איז אַ שוואַכזיניקער. צווייטנס, איז דער כוח פון זעלבסטקאָנטראָל נישט מער, ווי אַן אויספיר־כוח און נישט קיין „געזעצגעבערישער", אַזוי צו זאָגן, ד"ה, אַז ער זאָגט נישט אונ־טער צו האַנדלען אַזוי אָדער אַנדערש, ער דינט נישט מער ווי דער־צו, אַז ווען איינער נעמט אָן, אונטער דער ווירקונג פון גוטן אָדער שלעכטן גייסט, אַ באַשלוס גוט אָדער שלעכט צו האַנדלען — דעמ־דאָזיקן באַשלוס אויסצופירן. כאַראַקטער־שטאַרקייט איז אַזוי גוט אין איינגעשאַפט פון טיראַנען ווי פון גרויסע מענטשן. צוליב כאַ־ראַקטער־שטאַרקייט הערט, פונדעסטוועגן, דער טיראַן נישט אויף צו זיין קיין טיראַן. נישט דער גוטער טוט גוטס בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט זיך קאָנטראָלירט גוטס צו טאָן, און נישט דער שלעכטער טוט שלעכטס בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט זיך קאָנטראָלירט שלעכטס צו טאָן. דער גוטער טוט גוטס, ווייל ער איז אַ גוטער; דער שלעכטער טוט שלעכטס, ווייל ער איז אַ שלעכטער.

אויך דענקען דענקט יעדער נאָך זיך נאָך. די געדאַנקען פונם גוטן באַוועגן זיך אַרום טוגנט; די געדאַנקען פונם שלעכטן אַרום רשעות. קיין מענטש דענקט נישט אויסער די תחומען פון זיין „איך". מיר זענען נישט דאָס, וואָס מיר טראַכטן זיך אויס, נאָר מיר טראַכטן שטענדיק, אַזוי ווי מיר זענען. ווען אין אונז קומט פאָר אַ קאַמף, צי מיר זאָלן יאָ אָדער נישט טאָן אַ געוויסע זאַך, וועלן מיר שטענדיק ווערן איבערצייגט אין דעם שטאַנדפּונקט, וואָס מיר ווילן שטאַרקער. סיי אונ־זערע מחשבות, סיי אונזערע מעשים פליסן שטענדיק פון אונז אַרויס.

דער מענטש דאַרף פריער פון אַלץ באַנומען ווערן ווי אַ גע־וויסער מין מיט אַ באַשטימטער, אייגנאַרטיקער, ספּעציפיזירטער טבע. פּונקט ווי יעדער מין פירט זיך זיין אייגנאַרטיק לעבן אין אָנקלאַנג צו זיין טבע, אַזוי טוט דאָס אויך דער מענטש. וואָלט געווען שייך אין דער וועלט פון בעלי־חיים צו רעדן וועגן אָפּ־טרעטן פון דער אייגענער טבע ביי אַ געווויסן מין, בכדי אָנהויבן צו לעבן אַן אַנדער סאָרט לעבן, ווי דאָס, וואָס איז אים געאייגנט, ווי

דאָס, וואָס איז ביי אים געוואָרן צו בלוט און צו גייסט? ניין, טאָ פאַרוואָס איז דאָס יאָ שייך צו רעדן ביים מענטשן? דער מענטש איז פונקט אַזוי ווי די חיה אין פעלד. פונקט ווי זי האַנדלט ספּאָנ־טאַן, לויט איר טבע, אַזוי טוט און האַנדלט אויך דער מענטש.

די נאַטור איז איבערפולט מיט אַן אומענדלעכער צאָל באַ־שעפענישן, וואָס יעדע לעבט אַן אייגנאַרטיקן און אָפּגעזונדערטן סאָרט לעבן. אָנהויבנדיק פון דעם מיקראָב, ביז העט אַרויף צו די גרויסע חיות, איז יעדער מין באַשעפעניש פאַרשידן פונם צווייטן און דערפילט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן זיין לעבנס־פונקציע. ווער זאָגט זיי אונטער אַזוי צו טאָן? וואָס פאַרא שכל באַפעלט זיי צו גיין אין זייער אייגנאַרטיקן לעבנסוועג? קיין שכל נישט. זיי טראָגן זייער „שכל" אויסגעקריצט אין זייער פאַראַנזיין. זייער וועזנטלעכקייט איז פאַרשידנאַרטיק אויסגעפורעמט געוואָרן אויפן לאַנגן לעבנסוועג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט און אַזוי איז זייער פיזיק און אַזוי איז זייער פסיכיק געוואָרן. זייער ספּעציפי־זירטער ווילן איז פאַראַן אין זייער ספּעציפיזירטער מאַטעריאַליטעט און זייערע מעשים זענען נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אָפּוויקלונג פון דערדאָזיקער ספּעציפיזירטער קראַפט אין זיי.

קיין מין קאָן זיך נישט באַפרייען פון זיך אַליין. יעדער מין דערפילט, מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, אַפילו די סאַמע קאָמפּליצירטסטע פונקציעס, וואָס ער האָט צו דערפילן; קאָמפּלי־צירטע פונקציעס, ווייל קאָמפּליצירט איז געווען דער לאַנגער לעבנסוועג, וואָס דערזעלבער מין האָט דורכגעמאַכט. די דערפילונג פון דידאָזיקע, אונז שיינבאַרע, קאָמפּליצירטע פונקציעס, קומט אָן מיט דערזעלבער לייכטקייט, ווי די סאַמע געוויינלעכסטע, ווייל אַלץ ווערט געטאָן פון זיך אַליין; ווייל אַלץ ווערט געטראָגן אויף כּפאַנטאַנע גייסט־שטראָמען, וואָס פליסן אין ספּעציפיזירטער מאַ־טעריע. איז דער שטראָם אַ געדריימער, דרייען זיך נאָך די לעבנס־טעטיקייטן; איז דער שטראָם אַן איינפאַכער, זענען די לעבנס־טעטיקייטן אויך איינפאַכע. אַלץ איז אָפּהענגיק פון דעם אינער־לעכן שטראָם, וואָס איז פאַרוואַקסן און פאַרוואָרצלט אינם זיין.

ד אָ ס, ו ו אָ ס ה אָ ט ג ע פ י ר ט צ ו ם ג ע ד אַ נ ק, אַ ז

דער מענטש קאָן האַנדלען אי אַזוי, אי אַנדערש, האָט זיין מקור אין דער סתירותדיקייט פון מענטשנס נאַטור. ווען דעם מענטשנס נאַטור וואָלט געווען אַזוי איינהייטלעך, ווי דאָס איז די נאַטור פון יעדן מין, וואָלט געווען אומדענקבאַר צו רעדן ביי אים וועגן אַ לעבן, וואָס איז קעגן זיין נאַטור. דאָס וואָלט געמיינט אים פאַרלייקענען, דאָס וואָלט געמיינט, אַז ער קאָן זיין דאָס וואָס ער איז נישט און קאָן נישט זיין דאָס, וואָס ער איז יאָ.

אומעטום, ווו מיר זעען לעבן און טעטיקייט, דאַרפן מיר זען אויפשוואונגען פון גייסט, דאַרפן מיר זען אויפוויקלונגען פון קרעפטן, וואָס רייסן זיך צו באַפרייען. וואָס דען קאָן מיינען לעבן, אויב נישט אָפּשפּאַנונג פון ענערגיע, וואָס איז געשפּאַנט אין מאַטעריע?! מענטשלעכע געשיכטע האָט נישט קיין אַנדער טייטש, ווי נאָר: ווילן פון מין מענטש געוועבט אויף דער קאַנווע פון סביבה און אומגעבונג. די מענטשלעכע געשיכטע איז אַזוי געשטייגערט געוואָרן, ווי עס איז געווען דער מענטשלעכער אומ־מיטלבאַרער גייסט. די געזעלשאַפטלעכע שטייגערן זענען נישט מער ווי קאָנקרעטיזאַציעס פון גייסט, צוגעפּאַסט צו תנאים פון אָרט און צייט. ווען עס וואָלט נישט געווען פון פריער דער גייסט, אויף וואָס פאַרא באַזע וואָלט זיך לעבן געשטייגערט?

## II

די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר מיטן מענטשן אין אָרט און צייט, זענען נישט קיין אַבסאָלוטע. דאָס הייסט: עס קומען נישט אויף אין אים נייע פּאָטענצן, ער קריגט נישט קיין נייע פּסיכישע מעגלעכקייטן. ענדערונגען אין אָרט און צייט מיינט: רעאַליזאַציעס פון פּאָטענצן, וואָס זענען פון פריער געווען אין אים, און וועלכע ווערן, אונטערן דרוק פון סביבה און לעבנס־באַדינגונגען, ארויסגעבראַכט. איין זאַך איז זיין און אַ צווייטע זאַך איז זיך אויסדריקן. דאָס ווערן איז אַ קרעאַטיווער פענאָמען און די פאַרווירקלעכונג פון דעם,

וואָס איז שוין פאַראַן, איז אַ ד ע ר צ י ע ר י ש ע ר פענאָמען. מאַכן זאַכן פונדאַסניי, באַשאַפן עפּעס, וואָס איז נאָך לחלוטין נישט פאַראַן, דאָס געהער צו די „געטער". סביבה און לעבנס־באַדינגונגען — אין סאָציאַל־היסטאָרישן מאַסשטאַב גערעדט — קענען גאָרנישט באַשאַפן פונדאַסניי אַזעלכעס, וואָס איז נישט פאַראַן, זיי קענען יאָ: רעאַליזירן, אַרויסברענגען, איינמאָל, און מאָדיפיצירן, געשטאַלטן, צום צווייטן מאָל.

יעדער מענטש קען דורכלעבן די פאַרשידנסטע געמיט־צושטאַנדן: אָט קען ער זיין גוט, אויפגעלייגט און רואיק; אָט ווערט ער געררייצט און פאַלט אַריין אין כעס; אָט ווערט ער טרויעריק א. א. וו. ווי אַזוי זאָל מען פאַרשטיין דידאָזיקע אַלע ענדערונגען פון געמיט? צי זאָל מען זאָגן, אַז פאַר יעדעס מאָל ווערט אַן אַנדער מענטש? ניין, ס'איז דערזעלבער מענטש, נישט מער, וואָס אין יעדן מענטשנס כאַראַקטער זענען פאַראַן די פאַר־שידנסטע אייגנשאַפטן; דער מענטש איז נישט איינהייטלעך, נאָר פילהייטלעך און — אַנטשפּרעכנדיק צו אויסערלעכער רעגונג, אַזאַ אייגנשאַפט ווערט אַ ק ט י וו י ז י ר ט. פאַר דער רעגונג איז די אייגנשאַפט געווען פּאַסיוו, נאָך דער רעגונג איז זי געוואָרן אַקטיוו.

איין און דערזעלבער פּרעטעקסט פאַר אַ געוויסער עמאָציע, וועט אויף פאַרשידענע מענטשן פאַרשידן ווירקן. פאַרוואָס? אויב די אויסערלעכע רעגונג שפּילט די גאַנצע ראָלע און אומשטענדן מאַכן דעם מענטשן, האָט באַדאַרפט אויסקומען, אַז דיזעלבע סיבה האָט אומעטום, ביי אַלע מענטשן, באַדאַרפט האָבן דעמזעלבן פועל־יוצא. פאַרוואָס זעען מיר, אַז איין און דיזעלבע רייצונג, וועט איינעם יאָ אויפרעגן און אַ צווייטן נישט? דער ענטפער איז: די סיבה פּראָוואָצירט אַן אייגנשאַפט, וואָס איז פאַראַן אין כאַראַק־טער, און אויף וויפל די אייגנשאַפט איז פאַראַן, אויף אַזויפיל קאָן איר סיבה פּראָוואָצירן. דעם קאָלערישן טעמפּעראַמענט, למשל, וועט די מינדסטע מניעה אַריינברענגען אין רציחה, אין קענגנטייל, וועט דעם גלאַסענעם טעמפּעראַמענט נאָר אַ וויכטיקע רייצונג אַריינברענגען אין כעס.

דער מענטש קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין די פאַרשידנסטע קאָמבינאַציעס. יעדער מענטש איז יעדן טאָג נישט איינער, נאָר אַ צענדליק מענטשן. דאָס מיינט, אַז די אַלע וואַריאַציעס זענען פאַראַן אין אים.

נישטאָ דער גוטער, וואָס זאָל אונטער אומשטענדן נישט קאָנען ווערן שלעכט, ווייל — אין יעדן מענטשן איז פאַראַן אַביסל שלעכטס; נישטאָ דער שלעכטער, וואָס זאָל אונטער אומשטענדן נישט קאָנען ווערן גוט, ווייל — אין יעדן מענטשן איז פאַראַן אַביסל גוטס; נישטאָ דער העלד, וואָס זאָל אונטער אומשטענדן נישט ווערן שרעקעדיק און אַזוי ווייטער און ווייטער.

פון דער צווייטער זייט אָבער, כאָטש דער שלעכטער קאָן ווערן גוט, דער פּחדן — געוואַגט, זענען פאָרט פאַראַן גוטע און שלעכטע, געוואַגטע און פּחדנים אונטער דיזעלבע אומשטענדן. דאָס מיינט, אַז יעדער צייכנט זיך דאָך אויס מיט אַ געוויסן סאָרט אייגנשאַפטן, וואָס זיי זענען מער פאַרטראָטן אין אים ווי אַנדערע און טיילן אים אויס, מאַכנדיק אים פאַר אַן אינדיווידו.

אין אַזאַ פּראָפּאָרציע, ווי עס איז פאַראַן אָדער עס פעלט אינדיווידועלע קאַפּאַציטעט, אין אַזאַ פּראָפּאָרציע פאַרלירט אָדער געווינט סביבה אין איר ווירקונגס־כוח. אויב אונטער איינע און דיזעלבע אומשטענדן זענען פאַראַן גוטע און שלעכטע, ערלעכע און פאַלשע, העלדישע און שוואַכע א. א. וו., הייסט עס, אַז נישט קוקנדיק אויף דער איינהייטלעכער ווירקונג פון סביבה, שטייגט דאָך איבער דאָס אינדיווידועל־מיטגעבוירענע, וועלכעס סביבה קאָן נישט גובר־זיין. סביבה און אינדיווידואַליטעט, ווען זייער ווירקונג איז נישט קיין צוזאַמענפאַלנדיקע, דיסקאָנטירן זיך קעגנזייטיק. אויף וויפל עס איז פאַראַן מיטגעבוירענע אינדיווידועלע קראַפט, אויף אַזויפיל פאַרלירט סביבה פון איר ווירקונג, ווען די ווירקונג איז אַ קעגנזעצלעכע צו דער אינדיווידועלער קראַפט און געווינט אויף אַזויפיל, ווען די ווירקונג איז אין איינקלאַנג צו דער

אינדיווידועלער קראַפט. אויף וויפל, ווייטער, עס פעלט מיטגעבוי־רענע אינדיווידועלע קראַפט, אויף אַזויפיל קאָן סביבה ווירקן אין דער הינזיכט פון קולטיווירן און אַרויסברענגען די באַלדיקע אָנ־ווענדיקע מעגלעכקייטן. אויב ס'איז גאָר קיין מעגלעכקייט נישט פאַראַן, בלייבט דערציאונג און סביבה פּרוכטלאָז. אידיאָטן בלייבן ביי דער בעסטער דערציאונג — אידיאָטן, און פאַרברעכער בלייבן אונטער די בעסטע אומשטענדן פאַרברעכער. און פאַרקערט זענען די מייסטע גאונים אויסגעוואַקסן אונטער די ערגסטע אומשטענדן און זענען דאָך געוואָרן גאונים.

דערציאונג מיינט: רעאַליזירן פּאָטענציאַליטעט; צופּאַסונג צו אומשטענדן מיינט: אוועקשטעלן אַ געוויסע זייט פון כאַראַקטער אונטער דער ווירקונג פון לעבן און לאָזן די־דאָזיקע זייט זיך פאַנאַנדערוויקלען. די פאַנאַנ־דערוויקלונג גייט אָבער שטענדיק נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל עס איז פאַראַן אינערלעכע מעגלעכקייט דערפאַר. ענדיקט זיך די מעגלעכקייט, הערט אויף די ווירקונג פון לעבן. פאַר־שידענע דערציאונג און פאַרשידענע סביבה קאָנצענטרירן זייער איינפלוס אויף פאַרשידענע טיילן פון אונזער נשמה. גוטע דער־ציאונג און גוטע סביבה באַאיינפלוסן די גוטע טיילן אונזערע; שלעכטע דערציאונג און שלעכטע סביבה באַאיינפלוסן די שלעכטע טיילן.

דאָס לעבן מאַכט נישט דעם מענטשן; דאָס לעבן קאָנסטאַ־טירט בלויז די פאַרשידנאַרטיקייט פון מענטשן; דאָס לעבן דער־ווייזט, אַז דער מענטשלעכער זיין איז פּיל־זייטיק.

אויף דעמזעלבן אופן דאַרף מען אויך דערקלערן דעם פענאָ־מען פון געוווינהייט. געוווינהייט ווירקט נאָר דעמאָלט, ווען עס איז פאַראַן ווענטלעכע אינדיפערענץ, ד. ה., ווען אין אונז איז נישט פאַראַן קיין נעגירנדיקע פּאָטענץ צו דאָס געוווינטע. געוווינהייט קאָן נישט ווירקן אַריינצוטאָן אין אונז אַ וועלכע עס איז פּאָטענץ. מיר קאָנען זיך, למשל, צוגעוווי־

נען צו געוויסע מנהגים, צו א געוויסער הלבשה, צו געוויסע שפייזן, צי א געוויסן אויפפיר, דאס מיינט, צו אזעלכע זאכן, וואס פון געבוירנטאג אן זענען מיר אינדיפערענט צו זיי; עס זענען נישט פאראן אין אונז קיין שום „מיטגעבוירענע דירעקטיוון" וועגן זיי אלע. אין אזא פאל, ווען מיר לעבן במשך פון א לענגערער צייט אויף איין באשטימטן אופן און געוווינען זיך צו צו געוויסע זאכן, ווערן זיי פאר אונז א באדערפעניש.

פון איינגעוווינטע זאכן קאן מען זיך אפגעוווינען. מען הערט זיי, אויף א צייט, אויף צו פראקטיצירן און זיי ווערן אויס באדערפעניש.

מען קאן זיך אבער נישט צוגעוווינען צו זיין קלוג; מען קאן זיך נישט צוגעוווינען צו האבן גוטע פעאיקייטן; מען קאן זיך נישט צוגעוווינען צו האבן א גוט הארץ א. א. וו. פונקט אזוי קאן מען זיך נישט אפגעוווינען פון צו זיין אן עגאאיסט; זיך אפגעוווינען פון עראטישע געפילן, זיך אפגעוווינען פון צו זיין א פחדן, זיך אפגעוווינען פון צו זיין אן אינטריגאנט און אזוי ווייטער און ווייטער. ביי דידאזיקע אלע זאכן קאן זיין א רייד פון באקעמפן זיי, ד. ה. צוימען דעם אנשטויס, וואס איז פאר זיי פאראן, אבער נישט אפגעוווינען זיך פון זיי. דאסזעלבע קאן אויך זיין א רייד פון אנטוויקלען קלוגשאפט, אנטוויקלען גוטע פעאיקייטן, אנטוויקלען א גוט הארץ א. א. וו. דער חילוק פון געוווינהייט און אנטוויקלונג איז דער: געוווינהייט קאן זיין נאר דעמאלט, ווען עס איז נישט פאראן קיין באשטימטע פאטענציעלע גייסט און קראפט אין דער געגעבענער ריכטונג, נאר אינעווייניקסטע גלייכגילטיקייט און לײדיקייט; אנטוויקלונג און דערציאונג, אין קעגנטייל, קאנען זיין נאר דארטן, וווּ עס איז יא פאראן באשטימטע פאטענציעלע גייסט און קראפט און זיי דארפן ארויסגעבראכט ווערן.

ווען מענטשן לעבן א צייט לאנג אונטער געוויסע אומשטענדן, וואס רייצן כסדר און כסדר איינע און דיזעלבע פסיכישע פאטענצן, ווערן מיט דער צייט דידאזיקע פאטענצן פארווירקלעכטע אייגנ־שאפטן אין זייער כאראקטער. דאס איז דער שליסל צו דער פסי־כאלאגיע פון פעלקער, קלאסן, פראפעסיעס און בכלל סאציאלע גרופן.

יעדע סאציאלע געמיינשאפט האט זיך איר אייגענע פסיכא־לאגיע. מיינט עס דען, אז יעדע געמיינשאפט איז צוזאמענגעשטעלט פון א פארשידענעם טיפ מענטש ווי די צווייטע? אז די דענק־ און געפיל־קאפאציטעט, אדער דער דענק־ און געפיל־אופן פון יעדער געמיינשאפט איז, אין תוך, פארשידן פון דער צווייטער? זיכער, אז נישט. דער פסיכאלאגישער אונטערשיד צווישן סאציאלע גע־מיינשאפטן באשטייט אין דעם, וואס ביי יעדער פון זיי ווערט, א דאנק די באזונדערע אומשטענדן, אונטער וועלכע זיי לעבן, ארויסגעבראכט אן אנדער קאמפלעקס אייגנ־שאפטן, וואס איז צוגעפאסט צו דעם לעבן, וואס זיי פירן.

דעם מענטשנס ארגאנישער ווילן איז די געהיימע באוועג־קראפט פון דער געשיכטע, ער איז די מאטאר־קראפט פון דער סאציאלער מאשין. עס קאנען געביטן ווערן טיילן פון דער מאשין; עס קאנען אפקומען און צוקומען רעדלעך און שרייפלעך. די עצם פונקציע וועט אבער שטענדיק בלייבן אזא, ווי עס וועט זיין די טרייבקראפט.

מיר האבן געזען זיך ענדערן לעבנס־שטייגערן אין ערטער און צייטן; מיר האבן געזען קולטורן אויפקומען און אונטערגיין; מיר האבן געהערט די פארשידנסטע טערמינען אויף צו באצייכענען די מענטשלעכע ענינים. און דאך, אז מ׳קוקט זיך צו נענטער, מ׳קוקט אריין אינעווייניק, דערזעט מען, אז מיט אן אמת איז אלץ געבליבן דאסזעלבע. קיין זאך האט זיך אין תוך נישט געענדערט; געענדערט האט זיך נישט מער ווי דער לבוש, די שאלעכץ פון אויבן.

ווילסטו פארשטיין געשיכטע, פרעג זיך נאכאמאל און נאכ־

אמאָל: האָט דעם מענטשנס האַרץ פאַראָגרעסירט? האָט דעם מענטשנס נשמה געמאַכט אַ וועלכן עס איז פאָרשריט? איז דער היינטיקער מענטש ערלעכער, ליבנדיקער, שענער, ווי דער פון פאַרצייטן? האָט דער מענטש פון היינט בעסערע געפילן, בעסערע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען, ווי דער אַמאָליקער? איאָ? דו זאָגסט: ניין, אָט האָסטו געמאַכט דעם סך־הכל פון געשיכטלעכן פּראָגרעס. אויב דער היינ־טיקער מענטש איז אינערלעך גאָרנישט בעסער פון דעם אַמאָליקן, בלייבט דער גאַנצער פאָרשריט פון דער געשיכטע רעדוצירט צו גאָרנישט. עס הייסט, אַז עס האָבן זיך נישט מער ווי געביטן די אופנים פונם שלעכטס.

IV

עס ברויזט אינם מענטשנס שטאָף אַ רשעותדיקער ווילן, וואָס שטויסט אים צו אַלדאָס בייז. נישט אומשטענדן מאַכן אים שלעכט, ווייל אונטער אַלע אומשטענדן איז ער דערזועלבער רשע; נישט נויט צווינגט אים צו מעשים רעים, ווייל וואָס בעסער ס'איז אים, אַלץ ערגער ווערט ער. אויב דאָס מענטשלעכע לעבן איז שטענדיק גע־ווען און איז שלעכט, אונטער די אַלע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע אומבייטן, וואָס זענען פאָרגעקומען, איז דער שולדי־קער דערפון דער חיהשער גייסט.

דער חיהשער גייסט פליסט אין די אָדערן פון דעם אויפגע־קלערטן, ווי אין די אָדערן פונם פּראָסטן און אומוויסנדיקן; ער איז דערזעלבער ביי דער אָרעמער מאַסע אין די הינטערגעסלעך, ווי ביי די זאַטע, זעלבסטצופרידענע באַלעבעסלעך פונם מיטל־שטאַנד, כאָטש ביי יעדן פון דידאָזיקע איז ער אונטער אַן אַנדער לבוש. דער חיהשער גייסט איז פאַרוואָרצלט אין די מענטשן, ער ווירקט ספּאָנטאַן. נישט באַוווּסטזיין רופט אים אַרויס און נישט באַוווּסטזיין קאָן לויז מאַכן פון אים. ער פליסט אינם מענטשנס וועזן און נעמט מיט אויף זיין שטראָם אַלע מענטשנס מעשים און זיינע מחשבות. די טעטיקייטן פון מענטשן, באַוווּסטזיניקע און נישט באַוווּסטזיניקע, וויכטיקע און מינדערוויכטיקע, פּונקט

אזוי זיינע טראַכטעניִשן און דמיונות, זענען נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אָראָפּשווענקונגען פון דעמדאָזיקן טונקעלן שטראָם, וואָס פליסט און פליסט אין דער מענטש־מאַטעריע.

דער חיה־גייסט איז די איינציקע סיבה פונם אייביקן סאָציאַלן שלעכטס; דער חיה־גייסט האָט דאָס געמאַכט, אַז אונזער געשיכטע זאָל זיין אַזוי פינסטער און גרויזאַם. ווען דו לייענסט די געשיכטע, שווימסטו כסדר אין אַ ים פון מענטשלעך בלוט; זעסט די ערד באַדעקט מיט קופּעס מתים, וואָס גרייכן ביז צום הימל; ווערסט פאַרטויבט פון דעם גערעמער פון מיליאָנען פאַרשקלאַפטע, אויסגענוצטע, געפּייניקטע און באַליידיקטע, הערסט אַן אומאויפהערלעכן געקלאַנג פון קייטן, וואָס שמידן און אונטעריאָכן. אוי־טאָדאַפעס, אינקוויזיציעס, טאָרטורן, תפיסות, פּייניקונגען, — אײַבער דורות און יאָרהונדערטן. אַלע מאָל מיט אַן אַנדער פאַרב באַפאַרבט, אַלע מאָל מיט אַנדערע געזעצן באַפעסטיקט, מיט אַנדערע העסלעכע ליגנס געבשרט. וועלכע פאַנטאַזיע פון אַ דיכטער וואָלט בכוח געווען אויסצוטראַכטן אַזויפיל שרעקן, אַזויפיל פּיין, אַזויפיל עלנט, אַזויפיל אומגליקן! די מענטשלעכע געשיכטע איז דאָס טראַגישסטע בוך, וואָס איז ווען געשאַפן געוואָרן, טראַגיש דערפאַר, וואָס דאָס האָט נישט אויסגעטראַכט קיין דיכטערישע פאַנטאַזיע, נאָר דאָס איז „דאָס בוך פון מענטשלעכן לעבן"... אַזוי לעבן האָט נאָר געקאָנט אַ ווילדע חיה, וואָס האָט נאָך געהאַט דערצו דאָס גרויסע אומגליק צו באַזיצן אַ שכל, וועלכן זי האָט געשטעלט צו דינסט פון איר ווילדער נאַטור און מערדעריש בלוט און האָט, אַ דאַנק איר שכל, געמאַכט טויזנטפאַכיק אירע רציחות און פאַרברעכנס.

מען איז איינגעוווינט צו באַנוצן דאָס וואָרט „חיהש" נאָר ביי עקסטרעמע אַקטן פון שלעכטס, ביי אויפברויזן פון רציחה און ווילדקייט. דאָ שטעקט דער טעות. אויפגעברויזטע רציחה און ווילדקייט, איז צעפלאַקערטע חיהשקייט. עס איז פאַראַן אויך שטילע, פּאַסיווע חיהשקייט; שטילער אָרגאַנישער האַס, שטילער שלעכטער ווילן, שטילע דערווידערונג און רשעות דאָס איז דער טאָג־טעגלעכער גייסט פון דעם דורכשניטס־מענטש. דערדאָזיקער

פאַסיוועך חיה־גייסט הויבט אָן ווערן אַקטיוו דעמאָלט, ווען די פּערזאָן הויבט אָן קומען אין קאָנפליקט מיט אַנדערע פּערזאָנען, ווען עס שאַפן זיך שטערונגען אויפן וועג צו זעלבסטצופרידנקייט, דעמאָלט הויבט אָן שטייגן דער רעגיסטער פון האַס. וואָס גרעסער ס'איז דער קאָנפליקט און די שטערונג, אַלץ העכער שטייגט דער האַס. מענטשן באַגרייפן דעם האַס נאָר ווען ער דריקט זיך אויס אין גרויזאַמקייטן, דעמאָלט זאָגן זיי: „בעסטיאַל" און זיי באַגרייפן אים נישט, ווען ער איז שטיל און פאַרבאָרגן. מיט אַן אמת, אָבער, איז ער אין זיין פאַרבאָרגענער פאָרם שעדלעכער, ווי אין דער אָפענער, מחמת אין דער ערשטער פאָרם איז ער פּערמאַנענט און אָנהאַלטנדיק און אין דער צווייטער איז ער מאָמענטאַל און פאַרבייגייענדיק.

דער מענטש האַסט און האָט פיינט. ער האַסט און האָט פיינט דעמאָנסטראַטיוו און „בקול רם", מיט רעש און אימפּעט, און ער האַסט און האָט פיינט שטילינקערהייט, „בלחש", קוים וואָס עמעצער און ער אַליין הערן עס. דער שטילער האַס (אָט ווי עס איז, למשל, דער פאַל אין אַ זונטאָג נאָכמיטאָג ביי אַ גרופּע „גוטע פריינט", וואָס כאַפּן אַ שמועס וועגן זייער שכנס „פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן") איז ערגער, ווי דער שרייענדיקער און דעמאָנסטראַטיווער; דער האַס מיט אַ גוטמוטיקן שמייכעלע אויף די ליפּן, איז ערגער, ווי דער האַס מיט פאַרקריצטע ציין.

אומזיסט זוכט מען די סיבה פון דעם סאָציאַלן בייז אין לעבנס־באַדינגונגען; זיין מקור איז דער חיה־גייסט. אומזיסט זוכט מען די סיבה פון דעם סאָציאַלן בייז אין אומוויסנדיקייט; זיין מקור איז דער חיה־גייסט.

אויף דער באַזע פון דעם חיה־גייסט איז אַוועקגעשטעלט דאָס סאָציאַלע לעבן פון דער מענטשהייט. דער שטילער, אָרגאַנישער האַס איז דער מקור, פון וואַנען עס פליסן אַרויס אַלע אינדיווי־דועלע און סאָציאַלע אומרעכטן. חיה־גייסט איז דער סטימול צו עקאָנאָמישער אומגלייכקייט, צו עקספּלואַטאַציע און פאַרקנעכ־טונג פון די שוואַכערע, אונטער אַלע פאָרמען; חיה־גייסט איז דער סטימול צו אומאויפהערלעכע מלחמות און קעגנזייטיקע אויס־

שלאכטונגען, וואס קומען פאר אין דער געשיכטע; חיה־גייסט איז דער מהות פון דער גאוה און שנאה פון פאלק קעגן פאלק, קלאס קעגן קלאס, שטאנד קעגן שטאנד; חיה־גייסט איז די סיבה צו אלע פארמען פון פאליטישער פארקנעכטונג פון דער מענטשהייט; חיה־גייסט איז געווען דער סטימול צו די בלוט־פארגיסערישע, ווילד־וואקכאנאלישע, געצנדינערישע רעליגיעס; חיה־גייסט איז געווען דער סטימול צו די קעגנווארטיקע געוועט־ און געשלעג־ספעקטאק־לען; חיה־גייסט איז דער מהות פון שונד־ליטעראטור און שונד־טעאטער; חיה־גייסט איז דער מהות פון אלערליי קלייזלעך, סאלא־נען, אינטריגעס, „היימישע נייעסלעך" און אזוי ווייטער און ווייטער.

דידאזיקע אלע איינשטעלונגען האט מען אנגענומען פאר מענטשלעכע. מיט אן אמת זענען זיי גאר ר א צ י א א נ י מ א ל ע.

קאַפּיטל צוויי

# סאָציאַלע אָרדענונג און נאַטור־אָרדענונג

## I

קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, צי סאָציאַליסטישע אָרדענונג. —

פּאַסט זיך דאָ דער באַגריף „אָרדענונג"? „אָרדענונג" איז שייך צו זאָגן דעמאָלט, ווען זאַכן קאָנען אַזוי אָדער אַנדערש געאָרדנט ווערן, דאָס הייסט, אַז זיי מוזן נישט, לויט זייער אינערלעכער טבע, זיין אַזוי ווי זיי זענען, נאָר זיי קאָנען זיין אי אַזוי, אי אַנדערש, לויט דעם, ווי מ'וועט זיי איינאָרדענען. אינערלעך זענען זיי אינדיפערענט צו דער אויסערלעכער איינאָרדענונג. דעמאָלט קאָן זיין אַ רייד פון ציל־באַוווּסטער איינאָרדענונג. ווען זאַכן, אָבער, טראָגן אין זיך אַ געוויסע נויטווענדיקייט צו זיין ווי זיי זענען, דאָס הייסט, אַז זייער אופן פון זיין איז די אויסנווייניקסטע דערשיינלעכע זייט פון זייער אינערלעכן מהות, דעמאָלט קאָן מער קיין רייד נישט זיין פון זייער ציל־באַוווּסטער איינאָרדענונג; דעמאָלט איז דער ז י י ן פון די זאַכן דאָסזעלבע, וואָס זייער א י י נ ג ע אָ ר ד נ ט ק י י ט.

איז קאַפּיטאַליזם אַן אָרדענונג? האָט עמעצער ציל־באַוווּסט איינגעאָרדנט די מענטשלעכע געזעלשאַפט לויטן קאַפּיטאַליסטישן

שניט? — ניין. קאפּיטאַליזם איז נישט קיין אָרדענונג. דער קאַ־פּיטאַליסטישער לעבנס־אופן, וואָס ווערט פּראַקטיצירט פון די מענטשן זינט זייער סאָציאַלן גענעזיס, איז אַן אויסערלעכער אויס־דרוק פון אַן אינערלעכער טבע. און — פּונקט ווי קאַפּיטאַליזם איז די פּאַרטייטשונג פון איין באַשטימטן אינערלעכן כוחות־סיסטעם, אַזוי איז סאָציאַליזם די פּאַרטייטשונג פון אַן אַנדער אי־נערלעכן כוחות־סיסטעם.

מען האָט אַן אַ שיעור מגזם געווען די ווירקונג פון די אוי־סערלעכע פאַקטאָרן אויפן לעבן. אמת — דאָס מוז מען מודה זיין — אַז סביבה ווירקט; לעבנס־באַדינגונגען שפּילן אַ גרויסע ראָל אינם לעבן פון דער נאַטור בכלל און אין מענטשלעכן לעבן בפרט. ווירקן און שפּילן אַ ראָל הייסט אָבער נאָכנישט אַלץ. די מטבע האָט נאָך אַ צווייטע זייט און, מעגלעך, אַ מער וויכטיקע, וואָס מ'איז די לעצטע צייט זי געוווינט צו פאַרזען, אָדער זי צו איגנאָרירן. מ'האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם, ווי אַזוי דער פּראָצעס פון דער וועלט קומט פאָר און מ'האָט פאַרגעסן צו באַמערקן די אינעווייניק־סטע כוחות־שטראָמען, וואָס מאַכן, אַז דער פּראָצעס זאָל פאָרקומען. מ'האָט זיך פאַרקוקט אויפן ציפערבלאַט און אויף די ווייזערס פונם וועלט־זייגער און מ'האָט זיך דערוויל פאַרגעסן צו כאַפּן אַ קוק אויף דער ספּרוזשינע און אויפן גאַנצן אינערלעכן מעכאַניזם, וואָס מאַכט, אַז די ווייזערס זאָלן זיך פּינקט־לעך באַוועגן.

ווען מיר פּרוּוון אין דער נאַטור אָנווענדן דעם בלויזן פּרינציפּ פון סביבה און צופּאַסונג צו לעבנס־תנאים, איז ער ווייט נישט גענוגנדיק, אַז מיר זאָלן דורך אים קאָנען פאַרשטיין דעם גאַנצן קאַליידאָסקאָפּישן אָפּלייג פון די מילי־מיליאָנען וואַריאַציעס, וואָס מיר באַמערקן אין איר.

דער וועג פון לעבן איז געגאַנגען פון אַן איינהייטלעכן אור־שפּרונג צו אַ פילהייטלעכער נאָכפאָלגונג. אין איין און דערזעלבער סביבה און אונטער איינע און דיזעלבע לעבנס־תנאים, האָבן מיר געזען אַרויסשפּראָצן לעבן אויף די סאַמע פאַרשידנסטע אופנים.

צו וואָס פאַרא עפּאָכע פון לעבן מיר זאָלן זיך נישט צורירן, איז שטענדיק אויסצוגעפינען אַן אומגעהויערע פילהייט פון לעבעדיקע און לעבלאָזע פאָרמען. שטענדיק, נאַטירלעך, איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג פון דער געגעבענער סביבה מיטן כאַראַקטער פון די וועזנס. אָבער, שטענדיק איז אויך פאַראַן אין יעדער געגעבענער איינהייטלעכער סביבה אַן אַ שיעור דיפערענציאַציע פון די אין איר עקזיסטירנדיקע וועזנס. עס הייסט, בכן, אַז מיט סביבה אַליין קאָן מען אין דער נאַטור גאָרנישט אויפטאָן. מען מוז צו סביבה האָבן נאָך אַ פּרינציפּ — אַן אינערלעך־דיפערענצירנדיקן פּרינציפּ. די אַרויסגעקומענע פילהייט פון לעבן האָט אויף וואָס פאַרא עס איז אופן געמוזט זיין אַ נויטווענדיקייט פונם פּראָצעס פון וועלטס ווערן גופא. ווען די אומגעהויערע דיפערענצירטקייט פון די לעבנס־פאָרמען וואָלט נישט געווען קיין חיוב אין דעם וועלט־ווערן, וואָלטן מיר בשום אופן נישט געקאָנט תופס זיין די אַקצידענטאַלע דערשיינונג פון אַזאַ דיפערענצירטקייט. אויסערלעכע פאַקטאָרן — איז דענקבאַר — קאָנען ווירקן אויף עפּעס, וואָס איז פאַראַן, עס זאָל זיך דיפערענצירן אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער אַז אויסערלעכע פאַקטאָרן זאָלן מאַכן אַז עפּעס זאָל ווערן דאָס קאָנען מיר זיך נישט פאָרשטעלן.

מען האָט געמאַכט פון מענטשן אַ נאַטורלאָז וועזן, אַן אַבסאָלוט עלאַסטישן מאַנעקען, וואָס ווערט פאַר יעדעס מאָל נײַ באַשאַפן, ווי סביבה דרעסירט אים. עקזיסטירט טאַקע אינגאַנצן נישט קיין נאַטור, נישט ביי חיות, נישט ביי מענטשן, נישט ביי פּלאַנצן, נישט ביי שטאָפן? אוים מיט דער נאַטור אין דער כעמיע, אין דער באָטאַניק, אין דער זאָאָלאָגיע. מ׳דאַרף נאָר מאַכן די „סאָציאַלע רעוואָלוציע’’ איבערן אוניווערז און אוועקשטעלן איבער אים די געהעריקע דיקטאַטור און — מ׳מאַכט פון דער וועלט וואָס מען וויל נאָר אַליין, לויטן אָנגענומענעם פּראָגראַם... אָדער, אפשר זאָל מען גאָר זאָגן, אַז אַלץ אין דער וועלט האָט יאָ אַ נאַטור, נאָר דער מענטש איז אַן אויסנאַם, דער מענטש אַליין האָט קיין נאַטור נישט? איז ווי־זשע איז אַזאַ היפּאָטעזע דערלאָז־

באר? איז דען דער מענטש נישט פון דעמזעלבן טייג געקנאָטן, וואָס אַלע באַשעפענישן?!

דער מענטש מאַכט דאָס לעבן; דאָס לעבן געשטאַלטיקט, רעאַליזירט דעם מענטשן פאַרשידנאַרטיק, ווייל דער מענטש פאַרמאָגט אין זיך פאַרשידנאַרטיקייט און, לויט דעם, וואָס פאַר אַ טייל פון דעם מענטשנס פּאָטענציעלער פּסיכיק עס ווערט גערעגט פון לעבן, אַזוי ווערט ער, אין צייט און אָרט, פאַרמירט. דאָס, וואָס דער מענטש איז נישט, דאָס קאָן לעבן פון אים נישט מאַכן. איין זאַך איז זיין, און אַ צווייטע זאַך איז אויסדריקן דעם זיין. דער מאַרקסיזם האָט פאַרמישט אָרגאַנישע עוואָלוציע מיט סאָציאַלער עוואָלוציע. אָרגאַנישע עוואָלוציע מיינט ווערן; סאָציאַלע עוואָלוציע מיינט רעאַליזירן און מאָדיפיצירן דעם מענטשלעכן זיין. לאָמיר דאָס אילוסטרירן מיט אַן איינפאַכן ביישפּיל: דער מענטש, דערלאָזן מיר, שטאַמט פון אַ מאַלפּע-ענלעכער באַשעפעניש, דאָס מיינט, אַז דאָס, וואָס טיילט אָפּ דעם מענטשן פון דער מאַלפּע, איז אַן עטאַפּ פון עוואָלוציע. פונדעסטוועגן, קאָן מען מאַלפּישע קינדער נישט שיקן אין שול. מענטשלעכע קינדער, אין קעגנטייל, מעגן זיי זיין פון דעם פאַרוואָרפנסטן ווינקל ערגעץ, אויב מ'וועט זיי שיקן אין שול און זיי געבן אַ גוטע דערציאונג, וועלן זיי אַרויסוואַקסן געלערנטע לייט און גוט-דערצויגענע מענטשן; אויב מ'וועט זיי נישט דערציען און בילדן, וועלן זיי אַרויסוואַקסן גראָב, פּרימיטיוו און פאַרווילדעט. דער ביישפּיל לערנט אונז, אַז כאָטש דאָס, וואָס עס טיילט אָפּ דעם מענטשן פון דער מאַלפּע, איז נישט מער, ווי אַן עטאַפּ פון עוואָלוציע, פונדעסטוועגן קאָן מען דורך דערציאונג דעמדאָזיקן עטאַפּ נישט דורכשפּרינגען און מען קאָן פון דער מאַלפּע קיין מענטש נישט מאַכן, ווייל — די מאַלפּע איז נאָכנישט געוואָרן מענטש, עס פעלט איר נאָך דער זיין אין דער פּאָטענץ. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס אַזוי: דער מאַלפּע טיילט אָפּ פון אונז אַן עטאַפּ פון אָרגאַנישער עוואָלוציע. דאָסדאָזיקע קאָנען מיר מיט קיין דערציאונג און בילדונג נישט אויספילן. דעם פאַר־

גרעבטן, פּרימיטיוון, אַנאַלפאַבעטישן פּויער טײלט אָפּ פון אונז אַן עכאָפּ פון סאָציאַלער עוואָלוציע, דאָס קאָנען מיר יאָ אויספילן מיט דערציען און בילדן. סאָציאַלע עוואָלוציע מיינט נישט מער, ווי היסטאָרישע זעלבסטדערציאונג. ווען מ׳זאָל דעם עלטסטן היסטאָרישן מענטשן, פון געבוירנטאָג אָן, דערציען אין אַ מאָדערנער קולטור־סביבה, וואָלט ער געווען דערזעלבער מענטש, וואָס מיר היינט.

אין זיין איז דער מענטש שוין גאָר־גאָר לאַנג פאַראַן. עס האָט אים בלויז געפעלט דערציאונג. און — די גאַנצע געשיכטלעכע עוואָלוציע באַשטייט אין דעם, וואָס דער מענטש האָט זיך אַליין דערצויגן. אויפן געביט פון געדאַנק ווערט דער גאַנצער היסטאָרישער פּראָגרעס רעדוצירט צו דערפאַרונג; אויפן געביט פון געפיל, איז גאָר קיין פּראָגרעס נישט געווען. דער בעסטער באַווייז דערפאַר איז, די באַרבאַרישע קענגוואַרט, וואָס מיר מאַכן איצט דורך.

די גאַנצע גערעדעריי, אַז דער מענטש איז אַן עלאַסטיש שטיק טייג, וואָס סביבה קאָן פון אים אַלץ מאַכן, איז אַ שעדלעכע מיספאַרשטענדעניש. אויב אין אוניווערסאַלן, מיליאָנען־יאָרן־מאַסשטאַב, קאָן מען רעדן פון עוואָלוציע אין טערמינען פון יצירה און אויפלייזונג, קאָן מען דאָס אין קיין סאָציאַל־היסטאָרישן מאַסשטאַב בשום־אופן נישט טאָן; פאַרן סאָציאָלאָג איז דער מענטש אַ באַשטימטער, אומפאַרענדערלעכער יש, פונקט ווי די חיה און די פלאַנץ זענען עס פאַרן נאַטור־וויסנשאַפטלער. דאָס, וואָס פאַקטיש האָט זיך אַלץ געענדערט לויט דעם, ווי עס איז געווען מיט מיליאָנען יאָרן צוריק, איז דאָס די זאַך פון די עוואָלוציע־וויסנשאַפטן און קער זיך מיט דער סאָציאַלער וויסנשאַפט גאָרנישט אָן. פונקט ווי עס גייט נישט אָן דער מעדיצין דער אָפּשטאַם און די עוואָלוציע־עטאַפּן פון דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם, אַזוי דאַרף נישט אָנגיין דער סאָציאָלאָגיע דער אָפּשטאַם און די עוואָלוציע־עטאַפּן פון דעם מענטשלעכן גייסט, נאָר זי דאַרף אָננעמען דעם גייסט אַלס טאַטזאַך. און — דאָס סאָציאַלע לעבן איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אויסערלעכער אויסדרוק פון דעמאַזיקן

גייסט. כדי צו פארשטיין דעם לעצטן מהות פון געזעלשאפטלעכן לעבן, מוז מען פריער פארשטיין דעם מענטשן ווי ער איז.

## II

סאציאלע רעוואלוציע. — דער ארבעטער־קלאס פארכאפט די מאכט אין זיינע הענט און נעמט בויען די קלאסנלאזע סאציאליסטישע געזעלשאפט.

דערדאזיקער הויפט־געדאנק פון מאדערנעם סאציאליזם איז היסטאריש נישט באגרינדעט מיטן מינדסטן. נישטא קיין איין איינציקער היסטארישער ביישפיל, וואס זאל ווייזן, אז עקספלואטירטע שיכטן זאלן ווען עס איז האבן געפרווט צו פארכאפן די מאכט, כדי איינצושטעלן אלגעמיינע גלייכהייט. אלץ, וואס די געשיכטע לערנט אונז וועגן דעם איז, אז אונטערדריקטע שיכטן האבן געפרווט אויסצוקעמפן פאר זיך מער רעכט און בעסערע לעבנס־באדינגונגען. יעדעס מאל, וואס אן אונטערדריקטן שיכט איז געלונגען צו דערגרייכן פאר זיך פארבעסערונגען, איז ער געווען קעגן דעם, אז דידאזיקע פארבעסערונגען זאלן גיין פארן נייעם, אונטערשטן שיכט, וואס האט זיך מיט דער צייט געשאפן. דער נעכטיקער אונטערדריקטער קלאס האט זיך מארגן פארוואנדלט אין אן אונטערדריקער איבער דעם נאך נידעריקערן קלאס, וואס האט זיך אויסגעבילדעט אונטער אים. אז דער אונטערדריקטער קלאס זאל געווען שטרעבן צו אלגעמיינער פרייהייט און גלייכהייט, דאס הייסט, צו דער אפשאפונג פון קלאסן אין אלגעמיין, וועגן דעם איז אפילו נישט צו געפינען קיין שפור אין דער געשיכטע. דערדאזיקער געדאנק איז אנטי־היסטאריש און מאכן אנטי־היסטארישע אויספירן אויפן געביט פון דער סאציאלער וויסנשאפט איז פונקט דאסזעלבע, וואס מאכן אנטי־עקספערימענטאלע אויספירן אויפן געביט פון די עקזאקטע וויסנשאפטן. די געשיכטע איז די לאבאראטאריע פון דער סאציאלאגיע. די היסטארישע ביישפילן זענען די עקספערימענטן פארן סאציאלן געדאנק, דאס הייסט, נאר די־יעניקע דער־

שיינונגען, וועלכע ווייזן אַרויס אַ פרייע נטיה זיך איבערצוחזרן, נאָר זיי קאָן מען אָננעמען אַלס היסטאָריש באַגרינדעט און נאָר זיי קאָנען אַריינקומען אין קרייז פון סאָציאָלאָגישע באַטראַכטונגען. די קלאַסן־טעאָריע האָט היסטאָריש דערוויזן קלאַסן און קלאַסנקאַמף און האָט דערפון — דורך אַ פּשטל — אַרויסגעדרונגען אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט; זי האָט דערוויזן און באַגרינדעט נאַכט און אויסגעפירט — טאָג; די טעאָרעמע איז אַרויסגעקומען אין פולן קעגנזאַץ צו דעם, וואָס עס דערווייזט דער עקספּערימענט...

דאָס איינמאָל. צווייטנס: איז טאַקע קלאַס אַזאַ פעסטע, אומטיילבאַרע איינהייט, וואָס ער זאָל קאָנען אימפּאָנירן אַ נייעם סאָרט לעבן אויף דער געזעלשאַפט? מיר מיינען, אַז ניין. קלאַס איז נישט קיין איינהייט; קלאַס איז דיפערענצירט און צעטיילט אויף אַזויפיל פאַרשידענע טיילעכלעך, פון וויפל יחידים ער איז צוזאַמענגעשטעלט. און — דידאָזיקע טיילעכלעך זענען קאָנטראַסטפול; נישטאָ קיין צוויי גלייכע. יעדעס טיילעכל איז אָדער אביסל שטאַרקער אָדער אביסל שוואַכער פאַרן צווייטן, און יעדעס שטאַרקערע טיילעכל איז באַהערשט פון אַ ווילן זיך צו אימפּאָנירן איבערן שוואַכערן.

אויב עס איז נאָך דערלאָזבאַר צו רעדן וועגן געמיינזאַמען קאַמף פון אַ קלאַס אין צושטאַנד פון עקספּלואַטאַציע און פאַרקנעכטונג, כדי זיך צו באַפרייען, איז עס אומדערלאָזבאַר צו רעדן וועגן געמיינזאַמען קאַמף פון אַ קלאַס אין צושטאַנד פון הערשאַפט. ווען אַן עקספּלואַטירטן קלאַס געלינגט צו קומען צו דער מאַכט, הויבט זיך תיכף ומיד אָן אַ צעפאַלונג פונם קלאַס אַלס גאַנצן און ס'הויבט זיך אָן אַ דיפערענצירונגס־פּראָצעס אינערהאַלב אים גופא. לויט דער אינדיווידועלער שטאַרקייט פון זיינע יחידים, הויבט זיך אָן אַ גראַדועלע אָפּלייגונג פון נייע שיכטן, העכערע און נידעריקערע און נאָך נידעריקערע, ביז פון דעם פריערדיקן איינהייטלעכן קלאַס ווערט אַ סך קלאַסעלעך, אמת, אין דער ערשטער צייט לויזע און נישט־פעסטע, אָבער וואָס אַמאָל ווערן זיי אַלץ שטאַרקער און פעסטער, ביז זיי ווערן „סאָציאַלי־

זירט״, אַזוי צו זאָגן, ווערן היסטאָריש פאַרהאַרטעוועט. דער שׂכל דערפון איז אַ פשוטער: אין אַ צושטאַנד פון פאַרקנעכטונג איז פאַראַן אַ כוח פון דרויסן, וואָס האַלט אַרומגענומען די אינדיווידועל־דיפערענצירטע ענערגיע פונם קלאַס און לאָזט די דאָזיקע ענערגיע נישט קומען צום אויסדרוק און איז גורם זיין אונטערדריקונג. (איז אויך ווערט עס נישט אינגאַנצן אויסגעמיטן. אפילו צווישן קנעכט און לייבאייגענע זענען געווען מיוחסים און ,,אַריסטאָקראַטן״ — די מער געשיקטע, די מער פעאיקע, די מער געוואַגטע א. א. וו.). באַלד אָבער, ווי דער דאָזיקער קלאַס וואַרפט אַראָפ פון זיך די קייטן פון קנעכטשאַפט, שפּאַנט זיך אָפּ זיין געפענטעטע ענערגיע און עס הויבט זיך אָן אַ פרייע אויסווירקונג פון דיפערענצירנדיקן כוח, וואָס איז פריער פאַרדרענגט געוואָרן אין די ענגע ראַמען פון שיכט: עס הויבט זיך אָן אַ פּראָצעס פון צעלייגונג אין נייע שיכטן.

מען זאָגט אינטערעסן־געמיינשאַפט: אין דער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט וועט הערשן אַן אינטערעסן־געמיינשאַפט צווישן אַלע אירע פּראָדוקטיווע שיכטן. אָבער, ניין, עס קאָן נישט הערשן קיין א י נ ט ע ר ע ס ן־געמיינשאַפט צווישן אַלע מענטשן. די מענטשן זענען אומענדלעך צעטיילט אויף שטאַרקערע און שוואַכערע, קלוגע און נאַרישע, געוואַגטע און אומגעוואַגטע, דערפינדערישע און טעמפּע, ענערגישע און אַפּאַטישע, מוטיקע און אָפּהענטיקע, אונטערנעמערישע און ווילנסלאָזע, איניציאַטיוופולע און אָפּגעלאָזענע און אַזוי ווייטער און ווייטער, אָן אַ שיעור. קאָן עקזיסטירן אַן א י נ ט ע ר ע ס ן־געמיינשאַפט צווישן די דאָזיקע אַלע? דאַרווין האָט מיט דעם פאַקט פון אינדיווידועלער דיפערענצירטקייט באַשאַפן די גאַנצע אָרגאַנישע נאַטור, און די מאַרקסיסטן נעמען אים אפילו נישט אין אַכט ווי אַ סאָציאַלן פאַקטאָר! די מאַרקסיסטן האָבן איינגעזען, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז צעשפּאָלטן אויף שטאַנדן און קלאַסן און האָבן נישט געפונען פאַר נויטיק אויסצופאָרשן און אונטערצוזוכן די אורשפּרינגלעכע סיבה פון דער דאָזיקער צעטיילטקייט און צעשפּאָלטנקייט. זיי האָבן געוווּסט צו זאָגן, אַז ,,די געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז

די געשיכטע פון קלאַסן און קלאַסנקאַמף" און האָבן זיך נישט גע־נומען די מי אָנצוּווייזן, פון וואָס האָבן די קלאַסן געקאָנט זיין אַ פּועל־יוצא. די קלאַסן זענען אַ פּועל־יוצא פון דער מיטגעבוי־רענער דיפערענצירטקייט פון די מענטשן. שטענדיק און אומעטום זענען געווען, זענען פאַראַן און וועלן זיין שטאַרקערע און שוואַ־כערע. דאָס איז די סיבה ראשונה פון דער סאָציאַלער דיפערענ־צירטקייט. ווען די מענטשן האָבן דערגרייכט צו יענער שטופע פון אַנטוויקלונג צו האָבן אַ באַשטימטן וווינאָרט און געצייג און האָבן געקאָנט אָנהויבן אַ פּראָצעס פון פּראָדוצירן, דעמאָלט איז די אָ ב י ע ק ט י ו ו ע סאָציאַלע לאַגע רייף געוואָרן דערצו, אַז די נ אַ ט י ר ל ע כ ע אוּמגלייכקייט פון די מענטשן זאָל זיך אָנהויבן פאַרוואַנדלען אין ס אָ צ י אַ ל ע ר אוּמגלייכקייט. ווען דער מענטש האָט זיך נאָך געפונען אין דער סטאַדיע פון אַ נאַקעטן יעגער, האָט זיכער נישט געקאָנט עקזיסטירן קיין אוּמ־גלייכקייט, אַלס ס אָ צ י אַ ל ע ר שטייגער. כדי אוּמגלייכקייט זאָל קאָנען ווערן שטייגער, האָט געמוזט זיין קולטור, ד. ה., עס האָט געמוזט זיין צוליב וואָס און מיט וואָס אונטערצודריקן די שוואַכערע. דערפאַר טאַקע זעען מיר, אַז וואָס העכער ס'איז גע־שטיגן די קולטור־אַנטוויקלונג, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די אוּמ־גלייכקייט. קולטור האָט דערמעגלעכט אוּמגלייכקייט, אָבער נישט באַשאַפן איר. אוּמגלייכקייט איז אַן אוניווערסאַלער נאַטור־געזעץ. אַזוי איז עס אויך אין דער חיות־וועלט: ס'זענען פאַראַן יעגער און געיאָגטע, פאַראַן פאַרצוקער און פאַרצוקטע. און אי־נערהאַלב דעם מין, נעמט יעדער שטאַרקערער אינדיווּיד צו די שפּייז ביים שוואַכערן, ווען ס'איז נישט פאַראַן גענוג פאַר ביידע.

דער שטאַנדפּונקט פון אינטערעסן־געמיינשאַפט איז אַן אָפּ־לייקענונג צו דעמדאָזיקן געזעץ. ווי אין אַ ראַי פון בינען, אַזוי קומט פאָר אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אַ כסדרדיקע אַקטי־וויטעט, אַ כסדרדיקער איבערמיש פון אינדיווידן, וואָס רייסן זיך אויף אַרויף. אינערהאַלב קלאַס און שטאַנד, אינערהאַלב שיכט, רייסט זיך יעדער שטאַרקערער, יעדער „לעבנס־פעאיקערער", יע־דער „מער צוגעפּאַסטער" אַרויף אויף דער אויבערפלאַך און

שטופּט אַראָפּ דעם שוואַכערן און ווייניקער צוגעפּאַסטן... אין מאָ־מענטן פון היסטאָרישן איבערברוך, נאָך גרויסע עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעענישן, ווען עס ווערט צעשטערט דער אַלטער אָפּליוג פון די סאָציאַלע שיכטן און עס הויבט זיך אָן אַ נייע פאָרמאַציע (ווי, למשל, די צעשטערונג פון דער רוימישער אימפּעריע דורך די גער־מאַנען און הונען, וואָס צוזאַמען מיט דעם איז אויך איינגעפאַלן די אַלטערטימלעכע קלאַסן־פאָרמאַציע און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע — די פעאָדאַלע, אָדער דער אויפקום פון די מאָדערנע וויסנשאַפטן און טעכניק, וואָס האָבן צעשטערט די פעאָדאַלע קלאַסן־פאָרמאַציע און דערמעגלעכט די קעגנוואַרטיקע — די בור־זשואַזע) איז דאָ אַ באַזונדערער שעת הכושר פאַר די „מער צוגע־פּאַסטע" און „מער געוואַגטע" צו פאַרכאַפּן דעם אויבנאָן און בילדן דעם אויבערשטן שיכט פון דעם נייעם קלאַסן־אָפּליוג.

אויב מ'אָנערקענט, אַז דער מענטש איז דורכאויס אַן עגאָ־איסטיש וועזן און זיין נאַטור איז צו זאָרגן נאָר פאַר זיך, אָנער־קענט מען שוין גלייכצייטיק מיט דעם אויך, אַז עס מוז זיין אומ־גלייכקייט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; ווערן עקספּלואַטיר־טע, אונטערדריקטע און אויסגענוצטע אַ סאָציאַלע נויטווענדיקייט. עגאָאיסטישע באַשעפענישן מוזן אויסנוצן און אונטערדריקן די שוואַכערע פון זיי. עס קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין אַזאַ שפע און רחבות, אַז עס זאָל זיין גענוג פאַר אַלע גלייך; גלייך פאַר דעם שטאַרקן ווי פאַר דעם שוואַכן. שוין דאָס בלויזע שטיין העכער, איז אַ ווילן און אַ סאַטיספאַקציע פאַר דעם שטאַרקערן; שוין דאָס בלויזע אַראָפּדריקן און אויסנוצן באַפרידיקט דעם עגאָאיסט...

און ווייטער: מלוכה־מאַכט. די אַרבעטער פאַרכאַפּן אויף כוח די מלוכה און הויבן אָן בויען דאָס נייע לעבן. נו, קאָן אַזעלכעס האָבן אַ קיום? קאָן מלוכה מאַכן לעבן? ניין, דאָס לעבן מאַכט די מלוכה און נישט די מלוכה דאָס לעבן. אַ לעבן, וואָס וויל זיין צוגעשניטן לויט געזעצן, פאַרפאַסטע און אויסגעטראַכטע אין רעגירונגס־קאַבינעטן, קאָן קיין קיום נישט האָבן. דער פאַקטאָר פון מלוכה פאַרלירט אינגאַנצן זיין ווערט דעמאָלט, ווען דער נאַ־טירלעכער גאַנג פון די זאַכן איז אים ווידערשפּרעכנדיק. קיין נאַ־

טירלעכע געזעצן קאָן מען נישט פאַרגוואַלטיקן. מ'קאָן עס אפשר יאָ טאָן אויף אַ ווײַלע, אָבער נישט אויף שטענדיק. פריער אָדער שפּעטער מוזן די זאַכן קומען אויף זייער אָרט...

לעבן מוז אויפקומען פריי און אומגעשטערט; לעבן מוז זיין דער אויסדרוק פון נאַטירלעכע גייסטיקע שטראָמען, וואָס פאַר־קערפּערן זיך אין אינדיווידועלער און סאָציאַלער האַנדלונג; מענטשלעך לעבן מוז אויפקומען פריי און אומגעצווימט, ווי עס קומט אויף פריי און אומגעצווימט דאָס לעבן אין דער גאַנצער נאַ־טור. קאָן, בכן, אַ וועלכער עס איז מאַכט־אָרגאַן ווערן פאַקטאָר פון לעבן? זיכער נישט. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט דאַרף אויפקומען אַזוי פריי און אומגעצוווּנגען, ווי עס איז אויפגעקומען די קאַפּיטאַליסטישע.

מלוכה איז די אָ ר ד ע נ ע נ ד י ק ע אַ ג ע נ ט ו ר פון דער געזעלשאַפט. די סאָציאַלע פּראָצעסן מוזן פאָרקומען אויטאָנאָם. די מלוכה פאָלגט זיי, די אויטאָנאָמע סאָציאַלע פּראָצעסן, נאָך. נישט די מלוכה מאַכט, אַז די סאָציאַלע פּראָצעסן זאָלן פאָרקומען, נאָר די סאָציאַלע פּראָצעסן קריגן זייער לעצטן אויסדרוק אין געאָרדנ־טער מלוכהשקייט. ווען דאָס לעבן ווערט רייף צו געוויסע ענדערונ־גען, דערפילט דאָס די מלוכה און פירט אויס דעם מאַנדאַט פון לעבן.

עס איז אוממעגלעך צו דענקען, אַז אַזאַ ענדערונג, ווי עס איז דער איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם, זאָל קאָנען קומען דורך אַן אָנהאַלטנדיקן מלוכה־צוואַנג. מלוכה קאָן נישט ליקווידירן געזעלשאַפטלעכע שטייגערן, וואָס קומען אויף ספּאָנ־טאַן; מלוכה קאָן נישט צעשטערן קיין סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זענען באַזירט אויף אייגנשאַפטן פון דעם מענטשנס נאַ־טור; וואָס זענען דער אָרגאַניזירטער אויסדרוק פון דידאָזיקע נאַ־טירלעכע אייגנשאַפטן. פּונקט אַזוי קאָן מלוכה נישט באַשאַפן קיין אַנדערע אינסטיטוציעס, פאַר וועלכע עס איז נישט פאַראַן קיין נאַ־טירלעכע באַזע. מלוכה קאָן בלויז צעטרייסלען און אויפרודערן די נאַטירלעכע געזעלשאַפטלעכע שטייגערן, זיי לפנים ליקווידירן און איבערפלעכלעך באַשווערן זייער פונקציע. מיט דעם, אָבער, זענען

זיי נאָכנישט אָפּגעשאַפט און אויסגעוואָרצלט. זייער סטיכיע איז פאַראַן; די קראַפט, וואָס באַשאַפט זיי, לעבט און — זיי מוזן, פריער אָדער שפּעטער, צוריק אויסוואַקסן. אונטערדריקן כוחות, זיי אַרייניאָגן אין דער טיפעניש פון מענטשן, הייסט נישט זיי אָפּשאַפן. עס מוז קומען אַ מאָמענט, ווען אונטערדריקטע כוחות רייסן אויף. אַזוי אויך, קאָן מען נאָר לפּנים באַשאַפן אינסטיטוציעס, וואָס האָבן נישט אונטער זיך קיין ספּאָנטאַנע גייסטבאַזע, אַזעלכע זענען קינסטלעכע פלאַנצן, וואָס זענען אינערלעך טויט.

יעדע סאָציאַלע רעוואָלוציע מוז פריער אָדער שפּעטער בלייבן אָן איבערבייט פון אַ הערשנדיקן רעזשים אָדער אינגאַנצן אָפּפאַלן. סאָציאַלע רעוואָלוציע מיינט, געוויסערמאַסן, אַ שינוי אין „מעשי בראשית'', מיינט, אַז מ'קאָן ענדערן די נאַטור.

ווער האָט געמאַכט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג? איז דער קאַפּיטאַליזם אַמאָל־אַמאָל אויסגעטראַכט געוואָרן פון טעאָרעטיקער און איינגעשטעלט געוואָרן דורך אַ קאַפּיטאַליסטישער רעוואָלוציע?... דער קאַפּיטאַליסטישער סדר עקזיסטירט זינט דעם מענטשנס געבורט. ער האָט נישט געהאַט קיין שום טעאָרעטיקער; ס'האָט אים קיינער נישט אויסגעטראַכט; ס'זענען קיין שום רעוואָלוציעס נישט געמאַכט געוואָרן אים איינצושטעלן. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג איז געוואָרן! צוזאַמען מיט מענטשן האָט זי זיך אַרויסגעשלייכט פון די אורצייטן און אורפאָרמען פון נאַטור־לעבן; צוזאַמען מיטן מענטשן האָט זי זיך אויסקריסטאַליזירט און אויסגעוויקלט פון דעם פּרימיטיוון היה־צושטאַנד. איז ווי־זשע איז עס מעגלעך, אַז דידאַקטיקע „אָרדענונג'' זאָל קאָנען פאַרבייטן אַן אָרדענונג, וואָס איז יאָ אויסגעטראַכט געוואָרן פון טעאָרעטיקער און וואָס וויל יאָ איינגעשטעלט ווערן אויף כוח, דורך אַ געוואַלטזאַמען איבערברוך?!

סאָציאַלע אָרדענונג איז נאַטור־אָרדענונג; סאָציאַלע אָרדענונג מיינט פּונקט דאָסזעלבע, וואָס באַטאַנישע אָרדענונג און זאָאָלאָגישע אָרדענונג. איז שייך ביי דידאַקטיקע צו רעדן וועגן אַ רעוואָלוציע?

דער אונטערשיד צווישן דעם קאַפּיטאַליסטישן לעבנס־אופן און דעם סאָציאַליסטישן איז אַזוי גרויס, ווי דער אונטערשיד צווישן דעם לעבן פון צוויי גאַנץ באַזונדערע מינים; דער מענטש, וואָס לעבט אין קאַפּיטאַליזם און דער מענטש, וואָס וואָלט געלעבט אין סאָציאַליזם, שטעלן מיט זיך פאָר צוויי פאַרשידנאַרטיקע וועזנס, וואָס יעדער איינער וואָלט באַדאַרפט באַזיצן אַן אַבסאָלוט פאַרשידענע פּסיכיק ווי דער צווייטער. ווי איז עס דענקבאַר, אַז אַזאַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם מענטשנס וועזנטלעכקייט זאָל קאָנען געמאַכט ווערן דורך אַ געוואַלטזאַמען אַקט פון היינט אויף מאָרגן; ווי איז עס דענקבאַר, אַז פון היינט אויף מאָרגן זאָל מען קאָנען אַריינזעצן אין מענטשן אַן אַנדער גייסטיקייט!...

נישט קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג צו סאָציאַליסטישע אָרדענונג, נאָר — ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע ר מ י ן מ ע נ ט ש, צו ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר מ י ן מ ע נ ט ש; נישט קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטס־אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, צו סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטס־אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, נאָר מענטשלעכע קאַפּיטאַליסטישע ט ב ע, צו מענטשלעכע סאָציאַליסטישע ט ב ע, — אָט ווי אַזוי עס דאַרף אויפגעפאַסט ווערן דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם.

III

פון די פיל רעוואָלוציעס מיט אַ סאָציאַלן כאַראַקטער, וואָס זענען אין דער געשיכטע פאָרגעקומען, האָט קיין איינע נישט דערגרייכט איר ציל. פאַרקערט, נאָך יעדער רעוואָלוציע פלעגט אויפקומען נאָך אַ שטאַרקערע רעאַקציע, ווי ס'איז געווען פאַר איר.

מען איז געווינט צו דערקלערן די דורכפאַלן פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּרווון מיט אַזעלכע אַרגומענטן, ווי: „די עקאָנאָמישע באַדינגונגען זענען נאָך נישט געווען רייף"; „דאָס לעבן האָט נאָך נישט געהאַט דערגרייכט צו יענער שטופע פון אַנטוויקלונג"; „די קולטור איז נאָך געווען צו־פּרימיטיוו"; „די אידעען צו פינסטער און אָפּגעשטאַנען"; „די מאַסן צו אומוויסנדיק און נישט אויפגעקלערט" און אַזוי ווייטער און ווייטער.

מיר מיינען אָט וואָס: וואָלטן די מאַסן געוואָלט זיין פרייע און גלייכע, דאָס הייסט, וואָלטן זיי איינערלעך געווען פרייע און גלייכע, וואָלטן זיי עס אויסערלעך געקאָנט זיין, ביי אַלע אומשטענדן און ביי יעדער מאָס אויפקלערונג. פון שטאַנדפונקט פון אויפקלערונג איז דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם אַזאַ מין איינפאַכס, אַז מען קאָן עס אין איין האַלבער שעה געבן צו פאַרשטיין. דאָסזעלבע איז אויך מיט די אומשטענדן: ווען עס וואָלט געווען אָרגאַנישער ווילן צו לעבן אין גלייכהייט, האַרמאָניע און אחדות, וואָלט מען עס געקאָנט טאָן ביים פּרימיטיוון אַקער און שפּינדל, אַזוי גוט ווי ביי טראַקטאָרן און מאָדערנע מאַשינען. אַלאַ, איז פּאַראַן אָרגאַנישער ווילן, וואָס שטויסט צו צעריסנקייט און כאַאָס, קאָנען טראַקטאָרן און מאַשינען אויך גאָרנישט העלפן דערצו.

„מען פאַרנאַרט — זאָגט מען — די מאַסן", „מען פאַרפירט זיי", „מען פאַרבלענדט זיי". ווי אַזוי דאַרפן מיר קוקן אויף מענטשן, וואָס לאָזן זיך כסדר און כסדר פאַרנאַרן און פאַרפירן?! מיר מיינען פונקט פאַרקערט: דער מאַסע נאַרט מען קיינמאָל נישט. די „שטענדיק-פאַרפירטע" מאַסע איז גאָרנישט אַזוי אומשולדיק, ווי מען מיינט. דאָרט, ווו זי וויל טאַקע מיט אַן אמת עפּעס, פאַרשטייט זי איינס און צוויי, וואָס מען מיינט. נישט פאַרשטיין, פאַרשטייט זי נאָר נישט דאָרט, ווו זי וויל נישט פאַרשטיין, דעמאָלט קריגט די מאַסע אַזאַ „גראָבן קאָפּ", אַז כאָטש רעדט צו איר הונדערט יאָר דורכאַנאַנד און זי הויבט נישט אָן צו ווּיסן, וואָס מען רעדט...

וואָלטן די מאַסן באמת געוואָלט זיין פריי און גלייך, וואָלטן זיי עס איבערנאַכט געקאָנט ווערן. אָן בלוט-פאַרגיסונג, אָן פאַרניכטונג און צעשטערונג, נאָר דורך זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרנישט טאָן — נישט שטיצן די וועלט פון שלעכטס און זי וואָלט פון זיך אַליין געפאַלן.

עס זענען נישט שולדיק די טיראַנען, נאָר די, אויף וועלכע זיי שפּאַרן זיך אָן; עס זענען נישט שולדיק די הערשער, נאָר די, וואָס לאָזן זיך באַהערשן; עס זענען נישט שולדיק די הארן, נאָר די, וואָס לאָזן זיך פאַרקנעכטן! וויפל מאָל מ'האָט שוין די מאַסן

נישט אָנגערעדט צו טאָן גוטס און זיי האָבן פונדעסטוועגן נישט געפאָלגט; וויפל מאָל מ'האָט שוין די מאסן נישט געוואָלט „פאַר־פירן" אויפן וועג פון א גוט און גערעכט לעבן און זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געלאָזט. נאָר שטענדיק, אז עס קומט צו שלעכטס, לאָזט זיך די מאסע מאָמענטאַל „פארפירן" און „אָפּנאַרן"!...

אָט ווו מ'דאַרף זוכן די סיבה פאַר די דורכפאַלן פון אַלע רעוואָלוציעס.

IV

און די רוסישע רעוואָלוציע?

אויך דאָ בעט זיך אָנצוּווענדן דיזעלבע קריטעריע: — זענען דאָרט די מענטשן שוין געוואָרן אוים עגאָאיסטן, קיינער זאָרגט מער נישט פאַר זיך, נאָר פאַרן חבר און כלל? — הויבט זיך אפילו נישט אָן. די מענטשן דאָרט זענען פונקט אַזעלכע עגאָאיסטן, ווי אין די קאפּיטאַליסטישע לענדער. יעדער זאָרגט נאָר פאַר זיך און פאַרן צווייטן קיין האָר, קיין סימן נישט אפילו. דער אויסטוי־גער, דער געשיקטער, דער פעאיקערער יחיד זאָגט, אז זיין אינ־טערעס איז נישט געמיינשאַפטלעך מיטן אומפעאיקערן, מיטן אומ־געשיקטערן און אומטויגעוודיקערן יחיד און ער וויל א גרעסערן און בעסערן חלק לעבן. איז ווי־זשע וויל מען איינשטעלן א קאָ־לעקטיוון לעבנס־סדר מיט דיפערענצירטע און עגאָאיסטישע מענטשן?

איז דער תירוץ: קיין קאַפּיטאַליזם עקזיסטירט מער נישט; פּריוואַט־אייגנטום איז אָפּגעשאַפט; די מלוכה איז דער איינציקער באַזיצער און דער איינציקער אונטערנעמער. במילא קאָן שוין די אומגלייכקייט נישט זיין געפערלעך און זי וועט מוזן, מיט דער צייט אָפּגעשאַפט ווערן און אינגאַנצן אונטערגיין.

זאָגן מיר דערויף: פריער איז אומגלייכקייט, נאָכדעם איז דער געזעצלעכער „מיינס". א י י ג נ ט ו ם א י ז ס אָ צ י אַ ל ע דער־שיינונג; אומגלייכקייט איז נ אַ ט ו ר־ד ע ר ש י י נ ו נ ג. אייגנטום איז די פאַרפיקסירטע פאָרם; אומגלייכקייט איז דער אָריגינעלער אינהאַלט. בכן: מיט דעם, וואָס עס איז אויפגעלייזט די סאָציאַלע

פֿאָרמול, איז נאָכנישט אויפֿגעלייזט דער נאַטירלעכער אינהאַלט; מיט דעם, וואָס עס איז אָראָפּגעריסן דער סאָציאַלער סטרופּ, הייסט עס נאָך נישט, אַז עס איז באַזייטיקט דער סטיכישער אָנוואַקסונגס־פּראָצעס פֿון דער מכה. די גרעזעלשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג איז גע־גאַנגען פֿון אומגלייכקייט צו אייגנטום. פֿון אָנפֿאַנג איז געווען כאַ־אָטישע אומגלייכקייט. די אומגלייכקייט איז געווען נישט געאָרדנט; זי איז געווען רוי־פּרימיטיוו. מיט דער אָנרייפֿונג פֿון די אָביעקטיווע תנאים, האָט די לויז־כאַאָטישע אומגלייכקייט זיך אָנגעהויבן אויס־קריסטאַליזירן און אָננעמען באַשטימטע און סאָלידע סאָציאַלע פֿאָר־מען; זי האָט אָנגעהויבן קריגן דעפֿיניטיווע לעגאַלע סאַנקציעס און אַזוי איז זי געוואָרן פֿאַרשטיינערט אינם קאַפּיטאַליסטישן געזעץ און רעכט. (אויסגעאַרבעט פֿון די טיפּישסטע פֿאַרגוואַלטיקער אין דער געשיכטע — די רוימער, און איבערגעגעבן צו אונז).

דאָס, וואָס איז פֿון מענטשן געסדרט, קאָנען מענטשן איבער־מאַכן; דאָס, וואָס איז פֿון דער נאַטור געסדרט, קאָן נאָר די נאַטור (אין אונז) איבערמאַכן.

וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט, אין אָנבליק פֿון דער נאַטור־געזעצ־לעכער אומגלייכקייט, דער פֿאַקטאָר פֿון מלוכה? די טענדענץ פֿון לעבן איז צו דיפֿערענציאַציע. ווי לאַנג קאָן אַ מלוכה רעזיסטירן? פֿריער אָדער שפּעטער מוז עס קומען דערצו, אַז מלוכה זאָל ווערן אויסדרוק פֿון לעבן און נישט פֿאַרקערט; פֿריער אָדער שפּעטער מוז עס קומען דערצו, אַז די געזעצן זאָלן זיך צופּאַסן צו דאָס ווזנטלעכע און נישט דאָס ווזנטלעכע זאָל זיך צופּאַסן צו די גע־זעצן. עס קאָן זיך אויסווייזן, אַז די איצטיקע אומגלייכקייט איז אַ פּראָוויזאָרישע, אַ פֿאַרבייגייענדיקע און איז נישט קיין שום ערנ־סטע געפֿאַר פֿאַר דעם עיקר־סיסטעם. די, וואָס מיינען אַזוי, נאַרן זיך. זיי מיינען, אַז זיי וועלן אַריינגאַרן די נאַטור; זיי וועלן איר אַריינגאַרן, ביז עס וועלן זיין אויפֿגעבויט גענוג מאַשינעס און פֿאַ־בריקן; און, עס קאָן גאָר זיין, אַז די נאַטור וועט זיי אַריינגאַרן, מחמת די אומגלייכקייט וועט זיי פֿאַרפֿאָלגן און נאָכגיין פֿוסטריט און וועט אויסוואַקסן צוזאַמען מיט דער אויסוואַקסונג פֿון די עקאָנאָמישע רעסורסן.

פּריוואַט־אייגנטום האָט מען דורך אַ דעקרעט געקאָנט אָפּ־
שאַפן, ווייל אין איינעם אַ טאָג איז פּריוואַט־אייגנטום דורך אַ דע־
קרעט געשאַפן געוואָרן; דורך געוואַלטזאַמע מיטלען האָט מען בּיי
די רייכע געקאָנט אָפּנעמען זייער בּאַזיץ, ווייל אין איינעם אַ טאָג
האָט מען דורך געוואַלטזאַמע מיטלען איינגעפירט רייכטום און אי־
בּערטריבּענעם בּאַזיץ אין לעבּן; מען האָט אָבּער נישט געקאָנט,
נישט דורך קיין געוואַלטזאַמע מיטלען און נישט דורך קיין דע־
קרעטן, אויסגלייכן די מענטשן און זיי מאַכן אַלע פּאַר גוטע.

נישט דורך דעם, וואָס מ׳וועט פאַרשפּאַרן אין תּפיסה די־
יעניקע, וואָס ווילן אַ גרעסערן חלק פאַר זיך, וועט מען בּאַקעמפן
דעם עגאָאיזם; נישט דורך דעם, וואָס מ׳וועט צונעמען די שפּייז־
פּאָרציעס בּיי סאַבּאָטאַזשניקעס און פוילענצער, וועט מען אָפּשאַפן
פוילענצעריי; נישט דורך דעם, וואָס מ׳וועט פאַרשיקן פויערים־
דערפער, דערפאַר, וואָס יעדער פויער וויל אַבּיסל מער געניסן די
פּרוכט פון זיין אַרבּעט, וועט מען אויסוואָרצלען אייגננוץ. מיט
קיין צוואַנגס־דעקרעטן קאָן מען קיין לעבּן
נישט בּויען. לעבּן מוז אויפקומען ספּאָנטאַן און
פון זיך אַליין! די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז בּאַ־
זירט אויף אַן עגאָאיסטיש־אינדיווידואַליסטישן ווילן און די סאָ־
ציאַליסטישע געזעלשאַפט האָט בּאַדאַרפט זיין בּאַזירט אויף אַן
עטיש־קאָלעקטיוון ווילן. גייענדיק בּויען סאָציאַליסטיש לעבּן, האָט
מען פריער בּאַדאַרפט לאָזן אין גאַנג די סאָציאַליסטישע כּוחות אין
מענטשן, וואָס זאָלן סטימולירן דאָס סאָציאַליסטישע לעבּן. דער
מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם האָט דידאָזיקע כּוחות איגנאָרירט,
שטעלט ער דעריבּער פאָר מיט זיך סתּירה און אייגענע אָפּלייקענונג.

אין ראַטנפאַרבּאַנד קאָנסטרואירט מען אַ סאָציאַליסטישע גע־
זעלשאַפטס־מאַשין, נאָר מען פאַרגעסט איר צוצוגעבּן
בּאַוועג־קראַפט. מען מיינט, אַז די בּאַוועג־קראַפט קאָן זיין
צוואַנגס־דעקרעטן. לאָמיר שוין אַפילו צוגעבּן, אַז די געזעלשאַפטס־
מאַשין בּויט זיך דאָרטן. וואָס קומט אָבּער אַרויס, אַז עס פעלט
דער געהעריקער „סאָציאַלער מאָטאָר״, וואָס זאָל מאַכן די מאַשין
נאָרמאַל פונקציאָנירן. נאָכמער: דאָרט לייקנט מען, אַז עס עקזיס־

טירט גאר בכלל אזא „סאציאלער מאטאר". פון איין זייט ליגט מען די גאנצע אכט אויף צו באגינסטיקן די אויסנווייניקסטע אומשטענדן פאר די מענטשן; פון דער צווייטער זייט ליגט מען גאר קיין אכט נישט אויף צו באגינסטיקן די *אינעווייניקסטע אומשטענדן* פון די מענטשן. פון אויסנווייניק יאגט מען מיט אינדוסטריע־פראגראמען און פינפיאר־פלענער; פון אינעווייניק איז אלץ געצווונגען און פארגוואלטיקט. וואס פאר א ווערט האבן אינדוסטריע־פראגראמען און פינפיאר־פלענער, ווען אונטער זיי שטראמט נישט קיין פריי־שעפערישע מאראל־ענערגיע?! עס איז ווייניק, וואס מען שטרעבט צו שאפן גינסטיקע *אביעקטיווע* לעבנס־תנאים, מען מוז אויך שאפן גינסטיקע *סוביעקטיווע* לעבנס־תנאים; פונקט ווי מען מאכט *אויסערלעכע* בוי־פלענער, אזוי מוז מען מאכן *אינערלעכע* בוי־פלענער. קאלעקטיוו לעבן מוז זיין באזירט אויף עטישע אימפולסן, אויף ליבע פון מענטש צו מענטש.

אין ראטנפארבאנד איז די קאלעקטיוויזאציע א געצווונגענע. איז וואס פאר א זינען האט עס צו צווינגען מענטשן צו לעבן אין קאלעקטיוון? ווי קאן מען ארייננקוועטשן מענטשן בגוואלט אין א געמיינשאפט און צו זיי זאגן: איר מוזט לעבן אינאיינעם און טאמער נישט, וועט מען אייך פארשפארן אין תפיסה? ווי קאן דער שטאט קומען צום יחיד און אים באפעלן: דו מוזט לעבן אין חברשאפט מיט דיין שכן, אנדערש וועלן מיר דיך נישט לאזן עקזיסטירן? איז דאס סאציאליזם? בשום־אופן נישט! סאציאליסטישע קאלעקטיוון וואלטן געמיינט: פרייע, ברידערלעכע פארבאנדן, ווו די קאלעקטיוו־מיטגלידער לעבן זיך אוים געמיינשאפטלעך, ווייל דאס דריקט אוים זייער געמיינזאמקייטס־גייסט.

צוואנגס - קאלעקטיוויזאציע איז א מין שטאטס - פעאדאליזם. פונקט ווי אין דעם פריצס „קאלעקטיוו" האבן זיך די פויערים־מאסן אונטערגעגעבן, ווייל „אזוי האט עס געמוזט זיין", אזוי אויך איצט גיבן זיך די פויערים אונטער דער געוואלט־געמיינשאפט, ווייל „אזוי מוז עס זיין און אנדערש קאן עס נישט זיין"...—

עס דראַט הונגער־טויט, פאַרשיקונג און אויסראָטונג. דאָס, וואָס דער צווינגענדיקער פּעאָדאַל האָט צוגענומען די פרוכט פון זיינע „פּויערים־קאָלעקטיוון" פאַר זיך און דער צווינגענדיקער שטאַט שטרעבט די פרוכט אָפּצונעמען די פּויערים, ענדערט פונדעסטוועגן נישט דעם כאַראַקטער פון דער זאַך גופא. — צוואַנג בלייבט צוואַנג, אַפילו ווען ער ווערט אָנגעווענדט מיטן ציל צו שאַפן פאַר די באַצוווּנגענע מער מאַטעריעלן וווילשטאַנד. אַלץ, וואָס מען קאָן זאָגן איז, אַז דער קאָמוניסטישער שטאַט איז אַ גוטער פּעאָדאַל, וואָס זאָרגט, אַז זיינע אונטערטאַנען, איבער וועלכע ער האָט די גאַנצע דעה, זאָלן לעבן אין בעסערע עקאָנאָמישע אומשטענדן.

סאָציאַליזם און צוואַנג, קאָלעקטיוויזאַציע און צוואַנג, זענען צוויי דערשיינונגען, וואָס לייקענען זיך אָפּ און שליסן זיך אויס, אין תוך, איינע די צווייטע. צווינגען צו קאָלעקטיוויזאַציע איז דאָסזעלבע, וואָס צווינגען צו ליבע, צווינגען צו גלויבן, צווינגען צו פריינטשאַפט, צווינגען צו ברודערשאַפט און אַזוי ווייטער.

אין בעסטן פאַל, קאָן מען בגוואַלט איינשטעלן אַזאַ סאָציאַליזם, וואָס פאַרא קריסטנטום מ׳האָט בגוואַלט איינגעשטעלט. פאַר די מיליאָנען בלינדע פון אַלע ציטן, פאַר וועלכע קריסטנטום איז געווען אַ קאָמפּלעקס אויסערלעכע פאָרמען, פאַר דידאָזיקע האָט די רעליגיע פון העכסטער ליבע טאַקע געזיגט מיט געוואַלט. עס האָט געזיגט אַן אַמאַלגאַמע פון ריטואַלן, צערעמאָניעס און מיסטישע האָקוס־פּאָקוסן. צי האָט אָבער אויך געזיגט, דורך געוואַלט, דער גייסט פון קריסטנטום? ווען קריסטנטום איז געוואָרן אַ מאַכט און האָט אָנגעהויבן אָנווענדן געוואַלט פאַר זיינע נצחונות, דעמאָלט האָט דער גייסט אָנגעהויבן אויסרינען און עס איז געבליבן קלויסטער־שווישפּיל. וואָס מער עס האָבן זיך אַנטוויקלט די עפּעקטיסטישע פאָרמען פונם גלויבן, אַלץ טיפער איז געוואָרן די אַנטקריסטלעכונג זיינע. דער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון קריסטנטום, די קירכע, איז געוואָרן דאָס סאַמע אַנטיקריסטלעכע באַשאַף, וואָס קאָן נאָר געמאָלט זיין. די־יעניקע אמתע קריסטן, וואָס האָבן פון ציים צו צייט געפאָדערט דעם צוריקקער צום אמתן גלויבן, די־דאָזיקע האָט די אינקוויזיציע (די געפּעאו פון דער קירכע) מאַרטי־

ריזירט אלס אפיקורסים און אפטריניקעס (קאנטררעוואלוציאנערן און פאררעטער...).

אין ענלעכן פראצעס, נאר פון א סך א שנעלערן טעמפּ, האט דורכגעמאכט דער מאדערנער סאציאליזם. עס האט באדארפט זיין אזא קלארער און אויבנאויפיקער אמת, אז סאציאליזם, דאס הייסט א געמיינשאפטלעך צוזאמענלעבן פון די מענטשן, מוז זיין אן אויסדרוק נאר פון זייער פרייען, גוטן ווילן, פון זייער געמיינזאמקייטס־גייסט. די הויפּט־אויפמערקזאמקייט פון א סאציאליסטישער באוועגונג האט, בכן, באדארפט געשאנקען ווערן נאר דער גייסט־פראגע. האט זיך אבער אויסגעלאזט פונקט פארקערט: די פראגע פון סאציאליסטישן גייסט האט מען אראפּגענומען פון טאג־ארדענונג. עס זענען בלויז געבליבן כלומרשטע סאציאליסטישע לעבנס־פארמען. דאס ארט פון סאציאליסטישן פריי־גייסט, רעכנט מען צו קאנען פארבייטן מיט מלוכה־צוואנג. זאגן מיר, אז געצוואונגענע געמיינזאמקייט — ווען מ'זאל שוין אפילו דערלאזן, אז עס קאן זיין א געצוואונגענע סאציאלע ארדענונג — איז נישט קיין סאציאליזם. און מעגן די פארמעלע סאציאליסטן אנווייזן אויפן נצחון פון געוואלט־סאציאליזם אין ראטנפארבאנד, וועט דער פרייער סאציאליסט, דער גייסט־סאציאליסט, שטענדיק טענהן, אז דער סאוויעטישער סאציאליזם איז אזוי סאציאליזם, ווי די קירכלעכע צערעמאניעס זענען געוועזן קריסטנטום. אמתן סאציאליזם דארף מען ווידעראמאל אנהויבן פריידיקן און ווידעראמאל אנהויבן פירן א קאמף פאר אים.

V

זעלבסטקריטיק. — אין ראטנפארבאנד זוכט מען אויפצודעקן די טעותן און זיי פארריכטן; מ'זוכט צו פארבעסערן די פעלערן און נישט פארבאהאלטענערהייט זיי לאזן ווי זיי זענען.

זאגן מיר דערויף: זעלבסטקריטיק איז נישט מעגלעך; זעלבסט־קריטיק איז נישט מער ווי א ווארט. דארף מען שוין מער זעלבסט־קריטיק, ווי דאס איז געווען איינגעפירט אין קריסטנטום? אלע

מאַנטאַג און דאָנערשטאַג ווידוי און זעלבסטקריטיק. וויפל פּיקאַנ־טע געשיכטעס די גייסטיקע פֿאַטערס האָבן זיך עס אָנגעהערט אין די קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר קריסטנטום! וואָס־זשע איז דערפון אַרויסגעקומען? גאָרנישט. ווידוי איז ווידוי און זינדיקן איז זינדיקן. דאָסזעלבע איז געווען מיטן יידישן „על חטא". מען האָט די מצוה פון זעלבסטקריטיק מקיים געווען און — געמאַכט אָרט פאַר נייע זינד. אַז אַזעלכע זענען געווען די רעזולטאַטן פון דער זעלבסט־קריטיק אונטער דער אויפזיכט פון גאָט, דעם „יודע הכל", איז וועלכע קאָנען זיי שוין זיין אונטער דער אויפזיכט פון קורצזיכטי־קע מענטשן, וואָס קיינער איז מיט זיך נישט זיכער...

קוק נישט אויף דער קריטיק; קוק אויף דאָס געקריטיקירטע! קריטיק איז ווערטער; דאָס געקריטיקירטע איז ווירקלעכקייט. עס איז נישט זיכער, צי דער, וואָס קריטיקירט עמעצן, וואָלט עס אַליין געמאַכט בעסער. דער, אָבער, וואָס ווערט קריטיקירט, מאַכט עס זיכער אַזוי ווי ער מאַכט עס...

קיינער קאָן נישט זען קיין אייגענע פעלערן. קריטיק דאַרף מען הערן פון אַ צווייטן. פּאָליטישע קריטיק דאַרף קומען פון אַן אָפּאָ־זיציע, וואָס איז פריי צו האָבן אין גרונט אַן אַנדער בליק אויף זאַכן. אין סאָוויעטנרוסלאַנד באַצאָלט מען פאַר אַזאַ אָפּאָזיציאָ־נעלער קריטיק אַ צו־טייערן פּרייז...

אויב דאָס געצוווּנגענע לעבן און דער געוואַלט־סאָציאַליזם פון סאָוויעטנרוסלאַנד וועט זיך פאַר אַ לענגערער צייט אַנטוויקלען אין די איצטיקע ריכטליניעס, מוז עס קומען צו אַ פולשטענדיקער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג פונם דאָרטיקן פאָלק, צו אַ מעכטיקער און אויסגעשפּרייטער קאַסטע פון שטאַטס־באַאַמטע. דער טיפּ עפנטלעכער מענטש, — די אייביקע כלל־פאַרזאָרגער, די רעדל־פירער, די רעדנער און די אויפקלערער, די אויסטויגער און די איניציאַטאָרן, וועלן ווערן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַלעבאַטים איבערן דאָרטיקן לעבן, און דער פּשוטער מענטש, די מאַסע, די וועלן בלייבן פון אונטן. פון אָנהויב לויז, וועט וואָס ווייטער די ביוראָקראַטישע היעראַרכיע ווערן אַלץ מער פאַרהאַרטעוועט, געוואַגט און עזותדיק. עס וועט זיך אַנטוויקלען

א קאָרופּציע צווישן דעם אַלמעכטיקן אַפּאַראַט און א ביטערע עקספּלואַטאַציע איבערן פּשוטן פאָלק. צו קאָנען אָנהאַלטן די „עפנטלעכע רו און זיכערקייט" וועט די מלוכה פון קאָמוניסטישן באַאַמטנטום מוזן האָבן שטענדיק גרייט א געטרייע באַוואָפנטע מאַכט, וואָס זאָל פאַרהיטן פון „קאָנטררעוואָלוציע" און באַשטראָפן די „אַנטיסאָוויעטישע עלעמענטן"...

איצט מאַכט סאָוויעטנרוסלאַנד נאָך דורך די פּאַזע פון בוי־אונג; איצט הערשט נאָך דער ענטוזיאַזם פון יאָגן און שלאָגן און איבערשטייגן; איצט קאָן מען נאָך דאָס פאָלק הייסן אַרבעטן און אים זאָגן, אַז געניסן וועלן זיינע קינדער און אייניקלעך. איז דאָך נאָך די גאַנצע „נייע אָרדענונג" קיין צוויי צענדליק יאָר נישט אַלט, וואָס אין געשיכטלעכן מאַסשטאַב מיינט עס קיין אויגנבליק נישט אַפילו. אַזעלכע ענטוזיאַסטישע „יוגנט־עטאַפּן" פון נייע אויפטוען זענען פאַרפירעריש. מען זעט דעם רעש פון שאַפן און בויען און מען ווערט באַאיינפלוסט. ווייל מען זיך אָבער שאַפן א באַגריף, ווי אַזוי וועט אויסזען דער סטאַביליזאַציע־פּעריאָד פון דערדאָזיקער אָרדענונג, דאַן מוז מען אומפאַרמיידלעך קומען צו דער פאָרשטעלונג פון א באַאַמטן־קאַפּיטאַליזם. אַן אָרדענונג, וואָס איז געבוירן אין צוואַנג, וועט מוזן צוואַנג שטענ־דיק אָנהאַלטן און פאָרזעצן. יעדעס מאָל, וואָס דער צוואַנג וועט אויפהערן, וועט אָפּשפּאַנען די צוזאַמענגעדריקטע דיפערענצירטע ענערגיע פון די פאַרשידענע פּסיכאָלאָגישע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט און דער גאַנצער בנין וועט איינפאַלן. וועט מען וועלן אויפהאַלטן דידאָזיקע אָרדענונג, וועט מען מוזן אויפהאַלטן דעם צוואַנג, און דאָס מוז פירן דערצו, אַז דער אַפּאַראַט זאָל ווערן וואָס אַמאָל מעכטיקער און איינגעפונדעוועטער, ביז מיט דער צייט וועט זיך דער ביוראָקראַט־קאַפּיטאַליסט אָנהויבן באַטראַכטן אַלס דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער הערשער און וועט קוקן ווי אויף א פאַרברעכן אויפן בלויזן וועלן זיך אריינמישן און זאָגן א דעה אין זיינע ענינים.

זעען מיר, וואָס פאַר א געוואַלטיקע פּראָפּאָרציעס עס האָט שוין איצט, אין דעם קורצן שטיקל צייט, אָנגענומען די הערשאַפט

פונם אפאראט; זעען מיר, ווי אזוי די מכלומרשטע דיקטאטור פון ארבעטנדיקן פאלק, איז שוין, אינדערצאמתן, די דיקטאטור פון אן איינציקער פערזאן, קאנען מיר דערפון דרינגען, ווי אזוי די זאך וועט אויסזען אין דער צוקונפט.

ווען מען לייענט די סאוויעטישע פרעסע און מען זעט דעם קולט פון א פערזאן, וואס איז דארט שוין איינגעשטעלט, ווערט קלאר, אז די סאוויעטישע מאסן־הערשאפט איז א פראזע. נישטא גאר אזויפיל לויב־עפיטעטן, אזויפיל חניפה־רייד און שמייכלערייען, וואס זאלן זיין גענוג צו שילדערן די גרויסקייט פון דיקטאטאר. ער איז דער גרעסטער, דער בעסטער, דער גע־ניאלסטער, דער קליגסטער א. א. וו. דידאזיקע חניפה־רייד הערט מען נישט אויף אויסצושרייען און איבערצוחזרן און איינצו־קנעלן מיטן פאלק טאג איין טאג אויס. די הויכבאגאבטע זשור־נאליסטן, רעדנער, שרייבער און „טוער" (די גרעסטע געפאר פארן ארבעטס־מענטש), פירן אן אן אמתן „סאצגעוועט" אין אי־בערשטייגן אין חניפה „אים", דעם איינציקן. יעדער, וואס וואגט א ווארט ארויסצורעדן קעגן „אים", באצאלט מיטן לעבן, ווערט אין תפיסה פארפוילט. 170 מיליאן קעפ טויגן מער צו גארנישט, נאר איין קאפ טויג!... „ער", „זיין" קאפ דענקט שוין פאר אלע. אלע איבעריקע קעפ דארפן נישט מער ווי אויסטראכטן לויב־געזאנגען צו „אים" און „באווייזן" „זיין" העכסטע חכמה, „באווייזן" די געניאלקייט, די אומאיבערשטייגלעכע געניאלקייט, פון „זיינע" פלענער, גענג און אויפטועז. אויפן געביט פון פילא־זאפיע און וויסנשאפט איז דא אן איינאונאיינציקע אמתע שיטה— מארקסיזם און אויפן געביט פון פאליטיק און ווירטשאפט איז דא איין אמתע שיטה — סטאליניזם... ווי צו דעם קאפ, וואס בויגט זיך נישט פאר דידאזיקע „איינציקע אמתע" שיטות, — ער וועט אראפגעהאקט ווערן; ווי צו דעם דרייסטן, וואס וואגט צו צוויפ־לען, צי איז טאקע אזוי, ווי עס זאגט דער „איינציקער וועלט־חכם", — ער וועט פארניכטעט ווערן. קיינער אין „באפרייטן לאנד" טאר נישט דענקען מיט זיין אייגענעם קאפ, נאר מוז דענ־קען מיט „זיין", דעם געניאלסטנס, קאפ...

און ער, דער „פאָלקס־פירער", האָט זיך אָפּגעזונדערט פון פאָלק און זיך פארשלאָסן בחדרי־חדרים פון קרעמל. דאָס פאָלק קען אים נישט און האָט צו אים קיין צוטריט נישט. בלויז זיינע נאָנטסטע, וועלכע ער האָט דערהויבן און גרויס געמאַכט און וועלכע גיבן זייער אומקאָנדיציאָנעלע הסכמה אויף אַלץ, וואָס ער זאָגט און טוט, האָבן צו אים אַ צוטריט. פארן פאָלק איז ער נישט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר אַ העלד פון אַ שרעקנס־לעגענדע...

אזוי פירט אָן אן איינציקע געהיימע האַנט מיטן מיליאָנען־פאָלק. און דאָס פאָלק איז פארבלענדט. די גייסטיקע קנעכטשאַפט איז שוין אריינגעדרונגען אין הארץ און מוח. — דאָס רופט מען „מאַסן־הערשאַפט", „באַפרייט פאָלק" און „באַפרייט לאַנד"!...

אויב די וועלט וועט מוזן אומעטום איינשטעלן דעם נעוואַלט־„סאָציאַליזם", וועט דאַרפן אוועקגיין ווער ווייס וויפל צייט, ביז מ'וועט זיך ארומזען, אז מיט קיין געוואַלט און צוואַנג קאָן מען קיין לעבן נישט בויען. עס וועט זיין בלויז אַ בייט פון פאָרמען. אַנשטאָט דער עקספּלואַטאַציע פונם פּריוואַטן קאַפּיטאַליזם, וועט קומען די פיל ערגערע פונם מאַמטן־קאַפּיטאַליזם. די זשעדנעקייט און עקספּלואַטאַציע־גיריקייט פונם ביוראָקראַט שטייגט פיל־פאַכיק איבער די זשעדנעקייט און עקספּלואַטאַציע־גיריקייט פונם פּריוואַט־באַזיצער. אַנשטאָט דעם, וואָס אין פּריוואַטן קאַפּיטאַליזם האָבן איינצלנע בורזשויען אויפגעפרעסן די נישט־דערצאָלטע ארבעט פון מיליאָנען, וועלן אין מאַמטן־קאַפּיטאַליזם אַ סך מאַמטע אויפפרעסן די נישט־דערצאָלטע ארבעט פון מיליאָנען. צען גרויסע מאַמטע וועלן פארצערן דעם מערווערט, וואָס איין גרויסער קאַפּיטאַליסט האָט פארצערט און צען קליינע מאַמטע וועלן פארצערן דעם מערווערט, וואָס איין קליינער קאַ־פּיטאַליסט האָט פארצערט. דאָס פאָלק וועט ווידעראַמאָל מוזן שווער און ביטער האָרעווען, כדי אָנצוזעטיקן די אומציילבערע מחנות באַלעבאַטים־ביוראָקראַטן און באַצאָלן גרויסע געהאַלטן די אַלערליי „ספּעצן" און אונטערשפּעצן פאַר זייערע „פארדינסט־פולע לייסטונגען" דער געזעלשאַפט. אַ מלוכה־אַפּאַראַט, וואָס וועט אַליין זיין אי דער באַזיצער, אי דער פונקציאָנאַר, אי דער

מיליטאר, אי דער אויפקלערער, אי דער שרייבער, אי דער רעדנער, — קיין מער געפערלעכן מאכט־אָרגאַן קאָן מען זיך נישט פאָרשטעלן. נאָר די־יעניקע, וואָס קענען דעם גאַנג פון די מענטשלעכע ענינים זינט די טויזנטער יאָרן פון זיין געשיכטע, נאָר די קאָנען האָבן אַ באַגריף, וואָס אַזאַ מלוכה־מאַכט מוז מיט דער צייט ווערן...

## VI

כדי בעסער צו פאַרשטיין דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין סאָוויעטרוסלאַנד, וועלן מיר פּרוּוון אויף דעם אַ בליק טאָן פון דער זייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

דער חשק צו אינדיווידועלער באַלוינונג און באַזיץ, וואָס עס ווייזן אַרויס די מענטשן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, האָט קיין גרענעץ נישט. דאָס איינציקע, וואָס זיי נעמען ערנסט און אין וועלכעס זיי זענען באמת פאַראינטערעסירט, איז אין אַריינקריגן פאַר זיך וואָס מער מאַטעריעלע ווערטן. די גערעדערייען — אין שול און אין דער פּאַרטיי, אויף דער טריבונע און ביים מיקראָפאָן, אין דער צייטונג און אין בוך — מכוח זאָרג פאַרן געזעלשאַפטלעכן ווויל־זיין, זענען, ווי באַוווּסט, פּוסטע און פאַלשע. דאָס איינציקע, וואָס זיי, די קאַפּיטאַליסטישע מענטשן, מיינען ערלעך און מיטן גאַנצן הארצן, איז צו באַקומען וואָס מער געלט פאַר זיך. אַזוי איז עס אויף פינף זעקסטל טייל וועלט. אויף איין זעקסטל וויל מען איינשטעלן סאָציאַליזם, דאָס מיינט אַ לעבן, וווּ עס זאָל דאָמינירן דער קאָלעקטיווער אינטערעס, דער ווויל פון כלל זאָל שטיין העכער פאַרן ווויל פון יחיד, דאָס אָרט פונם עגאָאיסטישן טרייב־כוח זאָל פאַרנעמען דער קאָלעקטיוויסטישער טרייב־כוח. פרעגט זיך: זענען די מענטשן פונם דאָזיקן זעקסטל אַנדערע, בעסערע, ווי די פון די פינף זעקסטל? געהערן די סאָוויעטישע מענטשן צו אַ העכערן טיפּ, ווי די פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער? קיינער וועט עס נישט צוגעבן. זיי זענען די־זעלבע מענטשן, וואָס יענע. נישט בעסער און נישט ערגער. איז

ווי־זשע וויל מען מיט באשעפעניש, וואס ווייזן זיך ארויס אויף פינף זעקסטל טייל וועלט צו זיין אזוי לײדנשאפטלעך עגאאיסטיש ווי וויל מען מיט זיי אין איין זעקסטל טייל איינארדענען א געמיינשאפטלעך מענטשלעך לעבן?

נאך שארפער ווערט דער קאנטראסט און די אומפארשטענדלעכקייט, ווען מען גייט איבער צו דעם אלגעמיינעם בילד פון דער איצטיקער קאפיטאליסטישער וועלט. — אויף די פינף זעקסטל איז שאוויניזם, שנאה צום שוואכן, שנאה צום פרעמדן, פארפאלגונג פון בעסערן מענטשן, קולטורלאזיקייט, שווינדל, שקר, קארופציע, מיט אייןווארט: א גיהנומדיק בילד. אויף איין זעקסטל איז דאס טיילווייז נישטא. פרעגט זיך ווידעראמאל: ווי אזוי איז עס? לעבט דארט א שענערע ראסע מענטשן? זענען די דארטיקע איינוווינער פון א בעסערן טייג געקנאטן? זענען זיי ביאלאגיש־פסיכאלאגיש בעסער און העכער פאר די מענטשן פון דער קאפיטאליסטישער וועלט? האבן זיי, די סאוועטישע מענטשן, ווייניקסטנס, געלעבט א לאנגע צייט אונטער א העכערער און בעסערער קולטור, ווי יענע? ניין, נישט דאס ערשטע און אודאי נישט דאס צווייטע. ס'איז דיזעלבע האמא־חיה דא ווי דארט, און וואס שייך קולטור, איז זי אודאי געווען העכער און בעסער אויף די פינף זעקסטל, ווי אויף דעם איינעם. נאר וואס פארט? — אויף דעם איינעם זעקסטל איז פאראן אן ארגאניזירטע מאכט, מיט א מוראדיקן צוואנגסאפאראט, וואס האט די חיה געצוימט און דערלאזט נישט, אז זי זאל זיך אויפפירן ווי אויף די פינף זעקסטל. נו, הייסט דאס לייזן, אדער, לכל הפחות, גיין אויפן וועג צו לייזן, דאס סאציאלע פראבלעם? פונם שטאנדפונקט פון א צירק־דרעסירער איז צוימען און איינדרעסירן א חיה א דערפאלג. פונם שטאנדפונקט אבער פון נאטור־וויסנשאפטלער האט עס קיין שום באדייטונג נישט. ווארום, וואס וועט זיין, אז די חיה וועט זיך אפרייסן פון דער קייט און וועט דערפילן די אייגענע נאטור? איבערנאכט וועט פארשווינדן די דרעסירעריי און די ווילדע באשעפעניש וועט צוריק זיין דאס, וואס זי איז. אט, למשל, איז דאך די דייטשע בעסטיע געווען אזוי גלענצנדיק געצוימט און איינדרעסירט, אז קיינער אין דער וועלט

וואָלט נישט אָנגעהויבן גלויבן, אַז די ציוויליזירטע, שטודירטע, מאַנירטע „בלאָנדע בעסטיע" וועט מיט איינמאָל, אין איין היסטאָרישן הרף עין, געבן אַ קריך אַריין אין אַ טיגערשער פעל און וועט זיך מיט אַזאַ פינסטערן אימפעט נעמען רייסן צום גערמאַנישן אורוואַלד...

וואָס וואָלט געווען — לאָמיר זיך פּרוּוון פאָרשטעלן — ווען אַ קלוגער גייסט וואָלט אַראָפּגעניידערט אויף אונזער זינדיקער ערד און וואָלט געבליבן באַאָבאַכטן די איצטיקע וועלט פון אַ פּונקט אין צענטער אייראָפּע? ער וואָלט געווענדט זיין קלוגן, דורכנעמענדיקן בליק קיין מזרח און געזען דאָס ריזיקע לאַנד פון די צאַרן, ווו הונדערטער און הונדערטער יאָרן האָט געהערשט אַ טיפער חושך, פאַרשקלאַפונג, אונטערדריקונג, באַרבאַריזם און אומוויסנדיקייט. אין דעמדאָזיקן לאַנד האָט מען מיט איינמאָל געגעבן אַ דריי איבער אַלץ קאָפּויער און מען וויל דאָרט אין משך פון געציילטע יאָרן געבן אַ באַשאַף אַ ניי לעבן, אַ נייע קולטור און אַ נייע ציוויליזאַציע — לויט פּראָגראַם, לויט סטאַטיסטיק. יעדן טאָג מעסט מען, וויפל מעטער נייע ציוויליזאַציע מען האָט שוין אָנגעאַרבעט. מען אַרבעט איבער די כוחות. מען יאָגט די נשמה פון גוף, אין פולן גאַלאָפּ לויפט מען, כדי צו דערפילן די באַשטעלטע מאָס נייע קולטור. — וואָס וואָלט דער קלוגער גייסט געטראַכט מכוח דעם ווערט פון אַזאַ ציוויליזאַציע אויף באַשטעלונג, וואָס מוז פאַרטיק ווערן פּונקט צום טאָג?... וואָלט ער דען נישט געווען העכסט סקעפּטיש מכוח דעם ווערט פון דער „גיגאַנטן-קאָנפעקציע", מכוח דעם ווערט פון דער „נייער וועלט, וואָס ווערט געבויט מיטן זייגער אין האַנט"?... וואָרום — וואָלט זיך דער קלוגער גייסט געטראַכט — אויב האַלב-באַרבאַרישע קולטור און לעבנס-שטייגער פון יאָרהונדערטער האָט מיט איינמאָל געקאָנט אָפּגעווישט און אויסגעוואָרצלט ווערן, טאָ וואָס פאַר אַ ווערט קאָן שוין האָבן לעבנס-שטייגער און קולטור, וואָס ווערט געאַרבעט ווי אויף באַשטעלונג, לויט טאָג-פּראָגראַמען?!...

נאָכמער וואָלט זיין צווייפל, מכוח דעם ווערט פון פאָרגעשריטענע סאָציאַלע פאָרמען, געשטיגן, ווען ער וואָלט אומגע-

ווענדט זיין בליק צו מערב און וואָלט דערזען איינס פון די ציווויליזירטסטע לענדער פון דער וועלט — אַ לאַנד פון פילאָזאָפן, וויסנשאַפטלער, ליטעראַטן, שולן, אוניווערזיטעטן, טעכניק, ציוויליזאַציע, פאַבריקן, אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, מוסטערהאַפטע סינדיקאַטן און אַזוי ווייטער — פּאַרזונקען אין באַרבאַרישן מיטלאַלטער, ווילדקייט און גרענעצלאָזער מענטשן־פּיינטשאַפט און שטות. און ווען זיין בליק וואָלט אַרומגענומען גאָר די איצטיקע וועלט און ער וואָלט געזען, ווי אַזוי די מאָדערנע ציוויליזאַציע, אַ ציוויליזאַציע פון בלויז הויכע סאָציאַלע פאָרמען, אָן אַ סימן פון גייסט און אינהאַלט, איז צעבלאָזן און צעוויַיעט געוואָרן ווי אַ באַרג שטויב, וואָלט דער קלוגער גייסט זיכער באַשלאָסן, אַז אין זייער יאָגעריי נאָך פאָרגעשריטענע געזעלשאַפטס־פאָרמען, בלאָנדזשען די מענטשן און זיי זענען נישט אויפן ריכטיקן וועג צו פאַרשטיין און צו לייזן דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם.

## VII

מען זאָגט: דער יונגער דור אין סאָוועטרוסלאַנד וועט דערצויגן ווערן אינם נייעם גייסט: אינם סאָציאַליסטישן, קאָלעקטיוויסטישן גייסט. פאַרשטייען מיר נישט, וואָס קאָן, אין מויל פון מאַרקסיסטן, מיינען קאָלעקטיוויסטישער און סאָציאַליסטישער גייסט. פּסיכאָלאָגיש גענומען לאָזן זיך אין מענטשן אָנמערקן צוויי גייסט־סאָרטן. איינעם איז פּאַסיק צו דעפינירן אַלס אינדיווידואַליסטישן אָדער עגאָאיסטישן, ווייל ער דריקט זיך אויס אין זאָרג פאַרן איך, אין ווילן פאַרן זעלבסט און, דעם צווייטן, אַלס עמישן אָדער קאָלעקטיוויסטישן, ווייל ער דריקט זיך אויס אין ליבע צום חבר, אין זאָרג פאַרן מיטמענטש און אין ווילן פאַרן צווייטנס וווּל. די דאָזיקע צוויי גייסט־שטראָמען זענען אַ פ אַ ק ט אין מענטשן, זיי קומען אויף אין אים, זיי עמאַנירן אַרויס פון זיין שטאָף. וואָלט זיין שטאָף נישט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזאַ גייסט, וואָלט געווען אוממעגלעך צו דענקען, אַז מיר קאָנען אין זיין שטאָף אַזאַ גייסט אַריינטאָן. גייסט קאָן מען נישט מאַכן ווי

מ׳מאכט א פּאָר שטיוול. פּונקט ווי מ׳קאָן נישט באַשאַפן קיין נייע מאַטעריע, אַזוי קאָן מען אויך נישט באַשאַפן קיין נייעם גייסט. מאַטעריע, ווי גייסט, זענען באַשאַפן אין דער נאַטור. כדי אַזאַ פּראָצעס פון יצירה זאָל אָנהויבן פּאָרקומען, איז, אין בעסטן פאַל, נויטיק טויזנטער דורות לעבן. די מאַרקסיסטן האָבן דעם־דאָזיקן מאָמענט לחלוטין נישט באַגריפן. ביי זיי בייט זיך דער מענטש אַזוי ווי די בילדער אין פילם. זיי פאַרשטייען נישט, אַז רעדן וועגן אַ נ י י ע ר פּ ס י כ י ק, איז פּונקט דאָסזעלבע, וואָס רעדן וועגן אַ נ י י ע ר פ י ז י ק. ווי מיר האָבן שוין פיל מאָל באַטאָנט, האָבן זיי פאַרמישט דעם פּענאָמען פון ו ו ע ר ן מיטן פּענאָמען פון אַ ר ו י ס ב ר ע נ ג ע ן ד אָ ס א י נ ע ר ל ע כ ע. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס ביים מענטשן איז מעגלעך צו רעדן וועגן פּסיכאָלאָגישע ענדערונגען, איז עס נאָר דער־פאַר, וואָס דעם מענטשנס פּסיכיק איז אַ פילהייטלעכע און פאַר־שידנאַרטיקע, און די אַלעמאָליקע פּסיכישע ענדערונגען מיינען נישט, אַז עס ווערט יעדעס מאָל אַ נייע פּסיכיק, נאָר באַטייטן, אַז יעדעס מאָל ווערט אַרויסגעבראַכט אַן אַנדער קאָמפּלעקס פּסי־כישע אייגנשאַפטן, וואָס אין דער פּאָטענץ זענען זיי שוין פון לאַנג פאַראַן אין מענטשן, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: עס קומט פאָר אַ פּסיכישע איבערפאָרמירונג.

זאָגן מיר, הייסט עס, אַז אין מענטשן לאָזן זיך פעסטשטעלן צוויי סאָרטן גייסט: אַן אַנימאַל־עגאָאיסטישער און אַן עטיש־קאָלעקטיוויסטישער. קיין דריטער סאָרט גייסט, וואָס זאָל זיין נישט דער ערשטער און נישט דער צווייטער, לאָזט זיך אין מענטשן נישט באַמערקן. איז, אויב דער נייער סאָוויעטישער גייסט, וואָלט געמיינט דעם עטיש־קאָלעקטיוויסטישן — וואָלט עס אודאי זייער גוט געווען. זיכער מוז מען, ווען מען וויל בויען סאָציאַליזם, קול־טיווירן און מונטערן דעם גוטן ווילן צום חבר און כלל. זאָגן דאָך אָבער די מאַרקסיסטן, אַז ליבע און גוטער ווילן צום חבר איז גאָרנישט. איז וואָס מיינען ז י י מיטן סאָציאַליסטישן און קאָ־לעקטיוויסטישן גייסט, אין וועלכן זיי ווען דערציען דעם נייעם סאָוויעטישן מענטשן? וואָס פאַר אַן אַנדער „קאָלעקטיוויסטישער

גייסט" קאָן זיין? נישט שווין־זשע דענקען זיי אַריינצוטאָן אין מענטשן עפּעס גאָר אינגאַנצן אַ נייעם, ביז איצט אומבאַקאַנטן, סאָרט גייסט?...

ענטוועדער אָדער: אָדער מען שטעלט זיך איין דערפאַר, אַז דער מענטש איז דורכאויס אַן עגאָאיסט, ער האָט בלויז זיך ליב, ער זאָרגט נאָר און בלויז פאַר זיך און פאַרן צווייטן גאָרנישט, דאַרף מען אָנערקענען, אַז עס קאָן נישט געמאָלט זיין קיין קאָ־לעקטיווער לעבנס־שטייגער און קאַפּיטאַליזם איז דער העכסטער אידעאַל; אָלאָ, שטעלט מען זיך יאָ איין פאַר אַ קאָלעקטיוויסטיש: לעבנס־שטייגער, דאַרף מען אָנערקענען, אַז דער מענטש קאָן אויך אין זינען האָבן די אינטערעסן פון כלל און זאָרגן פאַרן וווּל פון זיין חבר; דאַרף מען קולטיווירן און מונטערן דעמדאָזיקן גוטן ווילן און מען דאַרף בויען דאָס נייע לעבן נאָר אויף דער באַזע פון ליבע צום מיטמענטש, צו דער מענטשהייט!

אין סאָוויעטרוסלאַנד וויל מען באַשאַפן אַ מאָדנעם סאָרט לעבן. פון איין זייט וויל מען, אַז דער מענטש, דער לעבעדיקער סוביעקט, זאָל נישט האָבן קיין אימפּולסן, וואָס זאָלן אים שטויסן צו זאָרגן פאַרן וווּל פון שכן און, פון דער צווייטער זייט, וויל מען דאָך, אַז דאָס לעבן זאָל זיין אַ געמיינזאַמס; פון איין זייט איז די גאַנצע טעאָריע און פּראַקטיק באַזירט אויפן פּרינציפּ פון זעלבסט־אינטערעס און פון דער צווייטער זייט שטרעבט מען צו אַ לעבן אויף קאָלעקטיווע יסודות!...

אייגנטלעך פירן איצט די מענטשן פון ראַטנפאַרבאַנד אַ מאַר־טירער־לעבן. זיי לעבן אין די ערגסטע אומשטענדן; ליידן דחקות און נויט, און דאָך בויען זיי און שאַפן, נישט פאַר זיך, נאָר פאַר די קומענדיקע דורות. איז עס דאָך שיין, און עס בעט זיך אָנ־צורופן די זאַך ביים נאָמען; עס בעט זיך רעדן צום דאָזיקן בויענ־דיקן מיליאָנען־פאָלק מיט ווערטער פון ליבע; עס בעט זיך אים אָנצווייזן אויף זיין גרענעצלאָזער מסירת־נפש און אידעאַליזם; עס ווילט זיך צו אים רעדן מוטיקונגס־ווערטער און ווערטער, וואָס דערוואַרעמען דאָס האַרץ און מאַכן ליכטיק און קעמפעריש דאָס

געמיט. טאָר מען עס נישט, — עס איז קעגן די דאָגמען פון שטאַט. וועגן „געוועט", „שלאָגלעריי", „יאָגעריי", „כאַפעריי" וכדומה אַזעלכע אויפגעבלאָזענע, אונטערגעהעצטע סענטימענטן, ווי אין היפּאָדראָם אָדער אין באָקס־רינג, וועגן דעם מעג מען יאָ רעדן, דאָס דערלויבן יאָ די דאָגמען פון דער מלוכה. נאָר וועגן ברידערונג און ליבע פון מיליאָנען אַרבעטנדיקע, וועגן דעם טאָר מען נישט רעדן!...

דער אַזוי־גערופענער „נייער סאָוויעטישער מענטש" האַלט נישט אויס קיין פּסיכאָלאָגישע קריטיק. אַזאַ מענטש קאָן קיינמאָל נישט עקזיסטירן. ער איז אַ פעלערהאַפטע אויסטראַכטעניש. ער איז אומנאָרמאַל, אומנאַטירלעך — אומפּסיכאָלאָגיש. ער איז אַ פּראָדוקט פון טעותדיקע, קורצזיכטיקע אידעען, אידעען, וואָס האָבן איגנאָרירט אָדער נישט פאַרשטאַנען דאָס וועזנטלעכע פונם מענטשן; וואָס האָבן געמאַכט דעם מענטשן פאַר אויס באַשטימטן יש, וואָס האָבן אויסגעמעקט דאָס נאַטור־געזעצלעכע אין מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט פונם מענטשן אַן אומוועזן.

## VIII

נישט בעסער איז עס מיטן געדאַנק פון סאָציאַלער עוואָלוציע. דער געדאַנק, אַז די געזעלשאַפט עוואָלוציאָנירט פון זיך אַליין צום סאָציאַליזם איז נישט באַגרינדעט מיטן מינדסטן. די ציוויליזאַציע און די טעכניק און די עקאָנאָמישע פּראָצעסן זענען בשום־אופן נישט קיין סאָציאַליסטישע פאַקטאָרן, ווי מיר זעען עס אַזוי הימלשרייענדיק בולט אין אונזערע היינטיקע טעג. די טעכניק און די פּראָדוציר־מיטלען האָבן אין דער קעגנוואַרט דערגרייכט צו אַזאַ הויך, אַז נישט נאָר דערמעגלעכן זיי און באַגינסטיקן די איינשטעלונג פון אַן אויספּלאַנירטער, אויף קאָלעקטיווע יסודות באַגרינדעטער, וועלט־ווירטשאַפט, נאָר מאַכן אַזעלכער פאַר דער גרעסטער דרינגענדיקייט. און ווען עקאָנאָמישע עוואָלוציע וואָלט טאַקע באַדאַרפט ברענגען מיט זיך דעם סאָציאַליזם, וואָלט עס שוין פון לאַנג באַדאַרפט פּאַסירן.

פאַרוואָס פּאַסירט עס נישט? פאַרוואָס זעען מיר, אַז די־יעניקע הויך־ציוויליזירטע לענדער, וואָס וואָלטן, לויט דער טעאָריע פון עקאָנאָמישער עוואָלוציע, שוין איצט באַדאַרפט זיין אַ שטיק וועגס אָפּגעפאָרן אין סאָציאַליזם, זענען איצט אַזוי ווייט פון אים, ווי אין מיטלאַלטער?... פאַרוואָס זעען מיר, אַז די איצטיקע אול־טראַ־קאַפּיטאַליסטישע וועלט גייט גאָר אָנשטאָט צום סאָציאַליזם— צו דער פינסטערסטער רעאַקציע און פאַשיזם? ווייזט אויס, אַז די טעאָריע, אַז די עקאָנאָמישע עוואָלוציע פון דער געזעלשאַפט וועט אומפאַרמיידלעך פירן צום סאָציאַליזם, איז נישט געווען קיין גאַנץ ריכטיקע...

אַז אַ פּראָצעס פון עוואָלוציע וועט פירן צום סאָציאַליזם, וואָלט געווען שייך צו רעדן דעמאָלט, ווען עס וואָלט שוין גע־וויסערמאַסן געווען איינגעשטעלט דאָס סאָציאַליסטישע סיסטעם, נאָר עס וואָלט בלויז געפעלט, אַז דאָסדאָזיקע סיסטעם זאָל עוואָ־לוציאָנירן. ווייבאַלד אָבער דאָסדאָזיקע סיסטעם איז נאָך לחלוטין נישטאָ, ווי איז דאָ שייך צו רעדן פון עוואָלוציע? עפּעס וואָס איז פאַראַן, נאָר איז קליין, באַגרענעצט, קאָן עוואָלוציאָנירן און וואַקסן און ווערן גרויס. ווען עס איז אָבער גאָרנישט פאַראַן, — וואָס־זשע זאָל עוואָלוציאָנירן? מען קאָן זאָגן, אַז די קאַפּיטאַ־ליסטישע געזעלשאַפט עוואָלוציאָנירט, דאָס הייסט, די קאַפּיטאַ־ליסטישע געזעלשאַפט, וואָס בלייבט אין איר תוך און עצם, שטענ־דיק דיזעלבע, עוואָלוציאָנירט און נעמט אָן אַלע מאָל מער אַנט־וויקלטע און פּראָגרעסיווע פאָרמען. אַז אַזוי איז, דאָס זעען מיר. ווי פּאַסט זיך דאָ אָבער צו רעדן, אַז עוואָלוציע פון קאַפּיטאַליזם וועט ברענגען צו סאָציאַליזם? פון וואָס איז אַזאַ סאָציאַלער מע־טאַמאָרפאָז געדרונגען? סאָציאַליזם איז אין תוך אַ פאַרשידן באַ־שעפעניש פון קאַפּיטאַליזם און די עוואָלוציע פון ערשטן איז מיט גאָרנישט מחייב דאָס געבוירן ווערן פונם צווייטן. צום ערשטן דאַרף די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט געבוירן ווערן פון מענטשן אַרויס און נאָכדעם ערשט ווען קאָען זיין אַ רייד, אַז זי זאָל עוואָ־לוציאָנירן און וואַקסן און ווערן גרויס.

„מלוכה־רעפאָרמען“, „שטופנווייזער איבערגאַנג“ — דאָס

האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַבסאָלוט אומווירקזאַם. קיין קלאָ־רערע באַוויזן פאַרן געדאַנק, אַז לעבן, וואָס ווערט דיקטירט פון מלוכה האָט קיין האַפט און קיין ממשות נישט, ווי עס האָט אונז געגעבן די קעגנוואַרטיקע צייט, קאָנען שוין מער נישט זיין. אָנ־הויבן ביי מלוכה, הייסט אָנהויבן ביים סוף. גיין פון מלוכה צום לעבן, הייסט גיין צוריקוועגס. פונקט ווי די קאַפּיטאַליסטישע מלוכהשקייט איז אַרויסגעוואַקסן פונם דאָזיקן לעבנס־סיסטעם, וואָס איז פון זיך אַליין אויפגעקומען און האָט אין מלוכה און געזעצלעכקייט געקריגן זיין אָרגאַניזירטן אויסדרוק, אַזוי דאַרף עס אויך זיין מיטן סאָציאַליזם. ווייל מען עס מאַכן פאַרקערט, באַקומט זיך אויבערפלעכלעכער פאָרמאַליזם, וואָס ביים ערשטן בלאָז פון אַ בייז ווינטל צעפליט זיך עס ווי שטויב און פּראָך, ווי מיר זעען עס אַזוי בולט אין אונזערע טעג.

און דאָס אַלץ נעמט זיך פון אינסטיטוציאָנעלן טעות. מען האָט געוואָלט מאַכן סאָציאַליזם אָן מענטשן. מען האָט רק געהאַט פאַר די אויגן אויסערלעכע פאַקטאָרן. אין דער עיקר־פראַגע האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן: און דער מענטש? קאָן מען מאַכן לעבן אָן מענטשן? קאָן מען רעדן וועגן אופנים פון מענטשלעכן האַנדלען, נישט רעדנדיק גאָרנישט וועגן די אופנים פון מענטשלעכן ווילן ווי אַזוי צו האַנדלען? דאַרף מען גאָר־נישט קאָנסולטירן דעם מענטשנס אינערלעכקייט, כדי צו וויסן, ווי אַזוי צו מאַכן זיין אויסערלעכקייט? איז דאָ גענוג מלוכה און באַגינסטיקונג פון אָביעקטיווע תנאים?

מען האָט געזען אין דער געשיכטע ענדערונג און דינאַמיק; מען האָט געזען שטראָם און באַוועגונג פון קולטור. געוויס איז עס, מיט אַן אמת, באַוועגונג און ענדערונג פון קולטור־פאָרמען און געמיינט האָט מען, אַז דאָס באַוועגן און ענדערן זיך קולטור־אינהאַלטן; מען האָט געזען אַן אַנדער מאַסקע און מען האָט גע־מיינט, אַז דאָס איז אַן אַנדער פּנים. אַלץ, וואָס איז עצמדיק, תוכיק און במילא קאָנסטאַנט און סטאַטיש, דאָס אַלץ האָט מען נישט פאַרשטאַנען צו דערבליקן. מען האָט פאַרמישט צייטלעך־אָרטלעכע געדאַנקען און אידעען מיט דענקערישער קאַפּאַציטעט; מען האָט

פארמישט צייטלעך־ארטלעכע עמאציאנעלע געפיל־קאנקרעטיזא־
ציעס, מיט אוממיטלבארער גייסטיקייט און געפיל־קראפט. אומע־
טום, ווו מען האט בעדארפט אריינבליקן פון אינעווייניק און זען
קאנדענסירטע, אפגעזועצטע קראפט, וואס רעגירט און באשטימט
אין תוך, האט מען געזען שפיל פון אויסגווייניקסטע פארם־געבנ
דיקע אקצידענצן.

דערפון איז געקומען די מיספארשטענדעניש...

קאַפּיטל דריי

# פּאַשיזם — די לעקציע פון אונזער צייט

## I

וואָס האָט גורם געווען צום דורכפאַל פון דער גערעכטיקייטס־שטרעמונג אין דער געשיכטע פון דער קעגנוואַרטיקער צייט?

די הויפּט־סיבה דאַרף געזוכט ווערן — ווידעראַמאָל — אין מענטשן.

ווי אַזוי? — דורך דעם ביפּסיכיזם און אילוזאָרישן אידעאַליזם.

ווען עס קומען אויף נייע גערעכטיקייטס־אידעען, רייסן זיי מיט דעם דורכשניטס־מענטש. זיי אַפּעלירן צו זיין אידעאַלער נשמה; עס ווערט אָנגעגריפן זיין עטישע פאָרשטעלונגס־קראַפט; ער הויבט אָן זיך פאַרצושטעלן דאָס לעבן און די מענטשלעכע באַציאונגען אין שיין פון די נייע אידעען, וואָס זענען אריין אין זיין באַוווסטזיין און ער ווערט באַגייסטערט און מיטגעריסן; ער ווערט אָן אָנהענגער פון די נייע גערעכטיקייטס־אידעען און שליסט זיך אָן אין דער באַוועגונג, וואָס זיי באַשאַפן מיט זיך. באַלד ווערט דערדאָזיקער אַקט, די אילוזאָרישע באַקערונג צו אַ נייער אידעאַלער באַוועגונג, פאַרסירט דורך דעם זעלבסט־געפיל: ס'איז מיין אידעע, מיין פּאַרטיי. בייטן אידעען אָדער

זיך אָפּזאָגן פון זיי איז אַ דערנידעריקונג פאַרן „איך". מוז מען זיך האַלטן פאַר אַן אידעע פאַר יעדן פּרייז, בלויז אויס זעלבסט־ווילן, ווען אפילו פון דער „אינערלעכער איבערצייגונג" איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן. דאָסדאָזיקע איז באַזונדערס ריכטיק, ווען אידעאַליסטישע באַוועגונגען פאַלן אריין אין דעקאַדענץ, ווי עס איז דער פאַל איצט, — שפּילט די שטאַרקסטע ראָל דער זעלבסט־מאָמענט אין דער געגעבענער אידעאישער געמיינשאַפט. דאָס איז דער טייטש פון „פּאַרטיי־אַמביציע" און „פּאַרטיי־פּרעסטיזש". דאָ פּאַסירט פּונקט דאָסזעלבע, וואָס עס פּאַסירט מיט אַן עולם מענטשן, וואָס הערט אויס אַ גוטן פּריידיקער, זעט אַ קעמפעריש טעאַטער־שטיק, לייענט אַ בוך מיט אַ וועקנדיקן אינהאַלט: אויפן מאָמענט קומט באַגייסטערונג. מען ענטוזיאַזמירט זיך און מען איז גרייט אָפּצוטאָן מי יודע וואָס פאַרא העלדנטאַטן. באַלד אָבער „באַרואיקן זיך די געמיטער" און אַלץ בלייבט ווי געוועזן. וואָס קומט דאָ פאָר? עס גיט אַ ברויז די עטישע פילבאַרקייט, וואָס איז פּאַסיוו אינם דורכשניטס־מענטש און פאַלט באַלד צוריק. די „וואָכעדיקע" פילבאַרקייט פאַרנעמט צוריק איר פּלאַץ. דאָסזעלבע, נאָר פון אַ סך אַ לענגערן דויער, פּאַסירט מיט נייע אידעען און אידעאַלן. אונטערן דרוק פון די נייע אידעען פאַלט דער עולם אריין אין אַ צושטאַנד פון אָנהאַלטנדיקן ענטוזיאַזם. די אָנהאַלטעוודיקייט פונם ענטוזיאַזם נעמט זיך פון דער אָנהאַלטנדיקער ווירקונג פון דער נייער אידעע. אידעען קאָנען נישט בטל ווערן פון היינט אויף מאָרגן. ביז אידעען וועפּן זיך אויס און ווערן אַנטגייסטיקט, דויערט גענוג צייט.

נאָך אומשטענדן, וואָס ווירקן־מיט, אַז דער אילוזאָרישער ענטוזיאַזם, וואָס עס רופן אַרויס נייע עטישע אידעען זאָל אָנהאַלטן, זענען: 1) דאָס, וואָס זיי כאַפּן אַרום מאַסן: דער רבים גראַווירט דעם יחיד; יעדער איינער באַווירקט און רופט אַרויס דעם צווייטן און 2) וואָס עס הויבט זיך אָן אַ געדאַנקלעכע טעטיקייט אַרום די נייע אידעען: שמועסן, דיסקוסיעס, דרשות, פּאָלעמיקעס — ד. ה., עס ווערט שטייגער, עס ווערט לעבן און עס הויבט אָן ווירקן די לעבנס־אינערציע.

דאָס אַלץ איז אָבער מענטאַלע טעטיקייט, טעטיקייט פון דער „מאָראַלישער פאַנטאַזיע". צו דער לעבנס־ווירקלעכקייט פון די „מאָראַלישע פאַנטאַזיאָרן" אָדער „אילוזאָרישע אידעאַליסטן", קומט עס נאָך נישט. מ'רעדט, מ'ראַציאָנירט, מ'דיסקוטירט, דאָס הייסט: מען באַוועגט זיך אויפן שטח פון דער פּ אָ ר ג ע ש ט ע ל־ט ע ר פּסיכיק, צו דער ק אָ נ ק ר ע ט ע ר פּסיכיק פעלט נאָך אַ סך. אמת, אונטער דער ווירקונג פון דעם אָפטן ראַציאָנירן ווערט מען באַוועגט צו קליינע טאַטן. איז עס אָבער מינדערוויכטיק און פאַרבײַגייענדיק און קאָן נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסדרוק פון אָ ר ג אַ נ י ש ן ו ו י ל ן.

דער אָרגאַנישער ווילן, די אַלטעגלעכע נאַטור פון די פאַנטאַ־זיע־אידעאַליסטן, לויפט אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג צו זייערע אי ד ע אַ ל ע ר אַ צ י אָ נ י ר ו נ ג ע ן. ווי נאָר עס קומט צום פאַרווירקלעכן יענע נאָרמען, אין וועלכע די מאַסן האָבן זיך אילו־זאָריש אָנגעשלאָסן, אַזוי גלייך ווייזט זיך אַרויס, אַז עס פעלט ו ו ע ז נ ט ל ע כ ע ק אַ פּ אַ צ י ט ע ט.

ס'איז דאָך זיכער, אַז ווען אַלע די — און דידאָזיקע זענען דאָך אַזויפיל! — וואָס האָבן זיך אילוזאָריש אָנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט וואָלטן טאַקע געפילט אַן אָרגאַנישע נויטווענדיקייט דערפאַר, וואָלט די געזעלשאַפט פון ברידער און גלייכע שוין לאַנג געווען איינגעשטעלט. אויב דער פאַקט איז, אַז די ברידערלעכע און גלייכהייטלעכע געזעלשאַפט איז אַזוי שווער, אומגעהויער שווער צו דערגרייכן, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט מ אָ ר אַ ל י ש ע ר פ אַ נ ט אַ ס ט י ק, נישט מיט קיין רעאַלן לעבנס־ווילן.

די קעגנוואַרטיקע קולטור־ירידה דאַרף פאַרטייטשט ווערן אָט ווי: אַ ה ו י כ ע ר מ אָ ר אַ ל י ש ע ר ח ל ו ם פ ו ן אַ ן א ו מ ב אַ־ר ו פ ע נ ע ר מ ע נ ט ש ה י י ט א י ז צ ע ר ו נ ע ן; עס האָט אויפ־געריסן דער ווידערשפּרוך פון דער צוויי־נשמהדיקייט פון דעם דורכשניטס־מענטש. פון אויבן איז באַשאַפן געוואָרן אַ קולטור פון הויכע לאָזונגען און פרייהייט־גלייכהייט־פּרינציפּן. אַזוי האָט

מען פֿאַרפּאַסט קאָנסטיטוציעס, געשריבן געזעצן און געהאַלטן שיינע רעדעס; אַזוי האָט געזשומעט די פּרעסע, אַזוי האָבן גערעדט דעפּוטאַטן, דיפּלאָמאַטן און ליטעראַטן און פּאַרטיי־פֿירער און אַזוי האָט די מאַסע געהערט און געגלייבט און איר מאָראַלישער כּוח הדמיון איז געוואָרן טעטיק. די אידעאַלע נשמה פֿונם דורכשניטס־מענטש, די, וואָס דינט אים צו האָבן שטענדיק אין רעזערוו „הויכע אידעאַלן" און „שענערע לעבנס־ווערטן", מיט וועלכע ער „פֿאַרנעמט זיך נאָכדעם, ווי די געשעפֿטן דערלויבן עס" — האָט באַקומען איר גלענצנדיקן תּיקון. עס האָט ממש געשווינדלט און געגריבלט מיט אַלערליי „קולטור־איניציאַטיוועס". רעדנער, אויפֿקלערער און דרשנים האָבן געהאַלטן אין איין געבן צו פֿאַרשטיין און „באַוווּסטזיניק מאַכן" די מאַסן... מ'קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז פֿאַר די לעצטע צוויי דורות זענען אויסגערעדט געוואָרן מער שיינע רייד, ווי זינט די צייטן פֿון אדם הראשון. קיינמאָל פֿאַר דעם אין דער געשיכטע האָט די אינדוסטריע פֿון „הויכע גייסטיקע ווערטן" נישט געהאַט אַזאַ פֿאַרשפּרייטע אינטערנאַציאָנאַלע קליענטור און אַזאַ ברייטן אָפּזאַץ־מאַרק, ווי אין די לעצטע הונדערט יאָר.

דער ליגן פֿון שיינעם און קלוגן וואָרט איז געגאַנגען פֿון אויבן, דער רעאַלער, דער וואָכעדיקער, דער ענגאָאיסטישער אמת איז געגאַנגען פֿון אונטן. אין לעבן האָט יעדער געזאָרגט פֿאַר זיך, געזוכט צו פֿאַרדינען וואָס מער געלט, געזוכט זיך איינצואָרדענען וואָס באַקוועמער, געזוכט צו שטייגן וואָס העכער אויפֿן סאָציאַלן לייטער א. א. וו. פֿון איין זייט, קאָן מען דידאָזיקע צייט אָנרופֿן „די עפּאָכע פֿון הויכע אידעאַלן און הויכע פּרינציפּן", אין אַבסטראַקט, און פֿון דער צווייטער זייט, אין קאָנקרעט: „די עפּאָכע פֿון אַרויפֿאַרבעטן זיך, די עפּאָכע פֿון גרויסע געשעפֿטן, די עפּאָכע פֿון אימפּעריאַליסטישע דעראָבערונגען, די עפּאָכע פֿון גרויס־קאַפּיטאַל, די עפּאָכע פֿון עגאָאיזם און געלט־יעגעריי, מיט איין וואָרט — די עפּאָכע, אין וועלכער עס איז צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק דער פּסיכישער דואַליזם: גערעדט האָט מען פֿון גלייכהייט, און באַ־

פעסטיקט האָט זיך אומגליקלעכהייט; גערעדט האָט מען פון קאָלעק־טיוויזם, און באַפעסטיקט האָט זיך אינדיווידואַליזם; גערעדט האָט מען פון אינטערנאַציאָנאַליזם און באַפעסטיקט האָט זיך נאַציאָנאַליזם; גערעדט האָט מען פון אַנטוואָפענונג און קעגן מלחמה, באַפעסטיקט האָט זיך סיי באַוואָפענונג און סיי מלחמה.

דער דורכפאַל פון דערדאָזיקער קולטור־עפּאָכע איז געקומען צוליב דעם, וואָס די מאַסע איז נישט בכוח געווען צו דעקן דעם גרויסן מאָראַלישן קרעדיט, וואָס מ׳האָט איר אַרויסגעגעבן; מ׳האָט נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט, מ׳האָט איבערגעשאַצט די מאָראַלישע נאַטור פון דעם מאַסע־מענטש, האָט זיך באַקומען אַ שפּיל פון אידעאַלן חלום און „וואָכעדיקע" וואָר; האָט זיך באַקומען אַ קולטור געבויט אויף אָרגאַנישן ליגן. ווי לאַנג קאָן אַזעלכעם אָנהאַלטן, ווי לאַנג קאָן מען זיך האַלטן אין איין אָפּנאַרן מיט שיינע פראַזן און שיינע ווערטלעך! עס מוז קומען אַ מאָמענט, ווען די שפּיל הויבט אָן ווערן נמאס. מען הערט אויף גלויבן אין דעם, וואָס מ׳רעדט; מ׳הויבט אָן ווערן באַוווּסטזיניק, ד. ה., מ׳דערפילט דעם אייגענעם ליגן און מ׳וויל זיך פון אים באַפרייען; מ׳פאַרלירט דעם טעם און דעם זינען אין די פּוסטע רייד און מ׳וויל פון זיי לויז ווערן. דער שקר הויבט אָן שלאָגן אין פּנים און מ׳קאָן אים מער נישט פאַרטראָגן.

דערצו קומען נאָך צו די אויסערלעכע פאַקטאָרן. די חיהשע פּסיכיק, וואָס דער מענטש נוצט אין זיין פּראַקטישן לעבן, פירט צו סאָציאַלע קאָמפּליקאַציעס, צו קאָנפליקטן און רייבונגען, און געווען איז אַ חרוב־מאַכנדיקע וועלט־מלחמה, וואָס האָט געלאָזט נאָך זיך אַ צייט פון קריזיס, שווערעניש און נויט, דעמאָלט האָט עס שוין געמוזט אָנהויבן גיין גאָר שלעכט מיט דער מאָראַלישער פאַנטאַסטיק. עס איז געקומען, אַזוי צו זאָגן, די צייט פון אויס־ניכטערונג. מען איז געוואָרן „פּראַקטיש" און „זאַכלעך". אידעאַ־ליזם האָט מען פיינט געקריגן. וואָס גרעסער ס׳איז געוואָרן די נויט, אַלץ אַגרעסיווער איז געוואָרן דער עגאָאיזם.

אָט אַזוי, פאַרשנעלערט דורך די טרויעריקע לעבנס־אומ־שטענדן, איז פּולקאָם רייף געוואָרן דער פּסיכאָלאָגישער באָדן

פאַר דעם פּאַשיזם און רעאַקציע פון אונזערע טעג. דער האָמאָ־אַגימאַל האָט אָנגעהויבן ווערן אמת מיט זיך אַליין. האָבן די שיינע אידעען נישט געקאָנט באַזיגן די מיאוסע טאַטן, האָבן די מיאוסע טאַטן געמוזט אָנהויבן באַזיגן די שיינע אידעען. די וואָגשאָל פון דער געשיכטע האָט זיך אַריבערגעוואָיגן אויף דער זייט פונם חיה־גייסט. אַנשטאָט וואָס די פריערדיקע קולטור האָט געהאַט אַלס באַזע פאַר אירע אידעאַלאָגיעס די מאָראַלישע נאַטור, האָט די איצטיקע קולטור אַלס באַזע פאַר אירע אידעאָלאָגיעס די חיה־נאַטור.

## II

וואָס איז פּאַשיזם?

פּאַשיזם האָט נישט קיין אַנדער טייטש, ווי נאָר די טאָטאַלע בעסטיאַליזירונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער גייסט פון פּאַשיזם איז דער גייסט פון דער בעסטיע. כדי דער פּאַשיזם זאָל האָבן דעם אויסזען פון אַ סאָציאַלער דאָקטרין, מוז ער קומען קאָמבינירט מיט געדאַנקלעכע עלעמענטן.

דער מקור, פון וואַנען עס ציט איר יניקה די פּאַשיסטישע געדאַנקלעכקייט, איז דער אויפפרעסערישער אינסטינקט. פּאַשיזם איז: פּסיכיזירטער אויפפרעסערישער אינסטינקט. דער אויפפרעסערישער אינסטינקט ביי דער אומגעדאַנקלעכער חיה ווירקט דירעקט, אַז די שטאַרקערע בעסטיע זאָל זיך וואַרפן אויף דער שוואַכערער און איר אויפפרעסן, איר קערפּערלעך איינשלינגען. דערדאָזיקער אַקט פון אויפפרעסן און איינשלינגען אַ שוואַכערן, קאָן ביי דער באַוווּסטלאָזער חיה זיך נישט אָפּשפּיגלען אין קיין גייסטיקן פּראָצעס, נאָר מוז קומען אויסגעדריקט אין אַן אַקט פון קערפּערלעכער פּאַרניכטונג. ווען ביי דער חיה, פּרוּוון מיר זיך פאָרשטעלן, וואָלט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ פעאיקייט צו מאַכן באַוווּסטזיניקע געדאַנקען־אַסאָציאַציעס, וועלכע זי זאָל קאָנען דורכלאָזן דורך איר פאָרשטעלונגס־

קראפט, וואָלט איר אויפּרעסערישער אינסטינקט זיך אָנגעהויבן צו ס ו ב ל י מ י ר ן, ד. ה., דער אינסטינקט פון קערפּערלעכער אויפּרעסונג פון דעם שוואַכערן, וואָלט, מיט דער צייט, זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אינסטינקט פון גייסטיקער אויפּרעסונג פון דעם שוואַכערן. דער פיזישער פאַרניכטונגס־אַקט וואָלט אָנגעהויבן באַקומען אַן אָפּבילד אין דעם גייסטיקן פּראָצעס און מיט דער צייט וואָלט דידאָזיקע ליידנשאַפט פון גייסטיקער אויפּרעסונג גע־וואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע אייגנשאַפט אין דער חיהש נאַטור.

אַזוי טאַקע האָט עס פּאַסירט מיטן מענטשן. דורך דער אָנ־האַלטנדיקער ווירקונג פון באַוווּסטזיניקן דענקען, מיט וועלכן די האָמאָ־חיה איז באַגאַבט געוואָרן, האָט זיך ביי איר אויסגעביל־דעט אַ תשוקה פּסיכיש צו פאַרשלינגען שוואַכערע „איכן". ווען זי זעט אַנדערע „איכן" אין אַ מצב פון אונטערגעוואָרפנקייט, נידערגעשלאָגנקייט און אומווירדע, ווערט באַפרידיקט איר „איך־ליידנשאַפט" און זי האָט דערפון הנאה. אַלע עמאָציעס, וואָס ליגן אויפן שטח פון דער איך־ליידנשאַפט, ווי שנאה, קנאה, האַס א.א.וו., וואַקסן אַרויס פון דעמדאָזיקן מקור.

דער חשק איינצושלינגען יענעמס איך גייסטיק האָט אין דער מענטשלעכער געשיכטע געשפּילט נישט קיין קלענערע ראָלע, ווי דער חשק איינצושלינגען יענעמס איך מאַטעריעל. דער אונ־טערשיד צווישן די צוויי אויסווירקונגען פון דעם אויפּרעסערישן אינסטינקט באַשטייט אין דעם: אין זיין מאַטעריעלער אויסוויר־קונג שטויסט ער אַריינצובאַקומען מאַטעריעלע נוצן פון די שוואַכערע מיטמענטשן, ער שטויסט צו דער עקספּלואַטאַציע פון יענעמס אַרבעט און לייסטונגען. דער א י ך פון דעם אויסגע־נוצטן און פון דעם, וועמענס לייסטונגען מען וויל זיך צואייגע־נען, מעג זיך בלייבן „פריי און גלייך" מיט דעם אויסנוצער, ער דאַרף נאָר בלויז אָפּגעבן זיינע לייסטונגען און דער ציל איז דער־גרייכט. דאָס איז געווען די שטרעבונג פון דעם מאָדערנעם דע־מאָקראַטישן קאַפּיטאַליזם. דער מאָדערנער בורזשוי האָט נישט גע־האַט קעגן דעם זיך צו שפּילן אין פּאָליטישער גלייכהייט מיט דעם עקספּלואַטירטן אַרבעטער, ד. ה., אַז זיי זאָלן כלומרשט האָבן

א גלייכע דעה אין די ענינים פון שטאַט־פירונג און זאָלן ביידע צוגלייך פאַרוואַלטן דאָס עפנטלעכע לעבן. אים, דעם מאָדערנעם בורזשוא, איז דער עיקר געגאַנגען אין דעם, אַז דער אַרבעטער זאָל זיך לאָזן עקספּלואַטירן און אָפּגעבן זיינע לייסטונגען אים.

אין זיין פּסיכיזירטער פאָרם שטויסט דער אויפּפּרעסערישער אינסטינקט, פּונקט פאַרקערט, אָנצוגרייפן גייסטיק דעם איך פון די שוואַכערע מיטמענטשן, זיי, די שוואַכערע איכן, אַראָפּצודריקן, זיי פאַרקנעכטן, זיי אַוועקשטעלן אויף אַ נידעריקערער שטופע, זיי מאַכן געהאָרכזאַם און אונטערוואָרפן, מיט איין וואָרט: זיי גייסטיק פאַרשלינגען, כדי מיט דעם צו דערנערן די פּסיכיזירטע בלוטדורשטיקייט פון דעם אייגענעם בעסטיע־איך.

אויב אַ דאַנק זיין טעכנישער קולטור האָט דער מענטש גע־קריגן די מעגלעכקייט אויפצופרעסן די שוואַכערע, נישט פאַר־ניכטנדיק זיי פיזיש, דורך צונעמען די פּרוכט פון זייער אַרבעט פאַר זיך, האָט ער אַ דאַנק זיין שכל געקריגן די מעגלעכקייט אויפ־צופרעסן די שוואַכערע, נישט פאַרניכטנדיק זיי פיזיש, דורך דעם, וואָס ער קאָן זיי מכניע זיין, דערנידעריקן און באַליידיקן.

די שקלאַפעריי אין אַלטערטום, ווי דאָס ליב־אייגנטום אין מיטלאַלטער, האָבן פאַרענטפערט ביידע „פאַרמענטשלעכטע" פאַר־מען פונם אויפפרעסערישן אינסטינקט. דער שקלאַף ווי דער לייב־אייגענער, האָבן געהערט דעם האַר און דעם פּריץ סיי מיט זייער אַרבעט, סיי מיט זייער איך. די מאָדערנע בורזשואַזיע האָט פריי־געלאָזט דעם איך און געהאַלטן פאַרשקלאַפט בלויז די אַרבעט. דער פאַשיזם וויל ווידעראַמאָל פאַרשקלאַפן דעם „איך". היות די אַרבעט איז במילא פאַרשקלאַפט און מען וועט נאָך אויך פאַר־שקלאַפן די זעלבסטן, וועט מען צוריקקומען צו דעם צושטאַנד פון מיטלאַלטער און אַלטערטום.

די העכסטע שטרעבונג פון פאַשיזם איז, ווי ער זאָגט אַליין, די גרויסקייט פון אייגענעם פאָלק.

די היסטאָרישע מיסיע פון אונזער פאָלק — לערנט דער פאַ־שיזם זיינע אַדעפּטן — איז צו הערשן איבער אַלע אַנדערע פעל־קער. אונזער פאָלק דאַרף זיין דער האַר און אַלע אַנדערע פעלקער

דאַרפֿן זיין די קנעכט. צו אונז געהערט דאָס רייכטום פֿון אַלע פֿעלקער און די פֿעלקער אַליין. אונזער פֿאָלק איז דאָס גרעסטע און דאָס בעסטע...

פֿאַרוואָס עפּעס דאַרף „אונזער פֿאָלק" הערשן איבער אַלע פֿעלקער, וואָס פֿאַרא שכל שטעקט דאָ אין דעם, פֿון וואָס פֿאַרא לאָגישע גרונטזאַצן וואַקסן אַרויס דיזאָזיקע אויספֿירן? אויף דעם, פֿאַרשטייט זיך, קאָן די פֿאַשיסטישע „חכמה" קיין ענטפֿער נישט געבן. אַזוי ווילט זיך, די לײַדנשאַפֿט צו פֿאַרשליגנען דיקטירט צו מאַכן אַזעלכע שלוסן און דאָס איז אַלץ. פֿאַשיס־טישע לאָגיק, איז חיהשע לאָגיק.

פּרוּוון מיר איבערשאַצן די פֿראַגע אין ליכט פֿון אונזער מאָראַלישער נאַטור, באַקומען מיר אַ פּונקט פֿאַרקערטע לאָגיק.— אַלע פֿעלקער זענען גלייך — זאָגט אונז אונטער אונזער מאָראַ־לישער שכל, נישטאָ קיין פֿעלקער הארן און נישטאָ קיין פֿעלקער קנעכט. אַלע פֿעלקער זענען דיזעלבע מיוחסים און די־זעלבע אויסדערוויילטע.

דאָ האָבן מיר פֿאַר זיך צוויי קעגנזעצלעכע „לאָגיקעס", וועלכע קענען זיך נישט און וועלן זיך נישט איינפֿאַרשטיין, מחמת, די צוויי גייסט־באַדנס, פֿון וועלכע זיי, די צוויי לאָגיקעס, וואַקסן אַרויס, זענען זיך קעגנזעצלעכע.

שטאָלץ און זעלבסטווירדע, לויט אונזער מאָראַלישער נאַטור, באַשטייען אין נישט לאָזן זיך דערנידעריקן פֿון אַ צווייטן, נישט לאָזן דעם אייגענעם זעלבסט זיך אונטערטעניק מאַכן פֿון אַ צווייטן. אַלע זעלבסטן פֿון אַלע מענטשן זענען און דאַרפֿן זיין פֿריי און גלייך. נישט אימפּאָנירן זיך איבער יע־נעם און נישט אַרונטערפֿאַלן אונטער יענעם, נאָר גלייכ־שטענדיקייט. פּונקט ווי עס איז פּחדנותדיק און אומווירדיק זיך צו לאָזן פֿאַרשקלאַפֿן פֿון אַ צווייטן, אַזוי איז פּחדנותדיק און אומווירדיק צו הערשן איבער אַ צווייטן — איז אַ „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו" פֿון אונזער „מאָראַלישער פּראַקטישער פֿאַרנונפֿט"...

ווי פרעמד און ווידערשפרעכלעך קלינגען אבער די ווערטער שטאלץ און זעלבסטווירדע אינם מויל פון פאשיזם. דידאזיקע האמאבעסטיע, וואס גארט מיט אלע אירע חושים צו דערנידעריקן און באליידיקן אלץ און אלעמען, וואס גייט אויס צו זען אלץ און אלעמען ארום זיך אין דער ווערעמדיקסטער שקלאפעריי, — ווי קאן אזעלכער רעדן פון שטאלץ און זעלבסטווירדע! ער יענעם מעג וועלן פארשלינגען, און יענער אים, — נישט!...

אז דער אויפפרעסערישער אינסטינקט איז דער מקור פון יעדער טיראניע, פאשיזם און רעאקציע, ווערט קלאר אויך פון דער ליידנשאפט, וואס דידאזיקע רעזשימען ווייזן ארויס צו טעראר און קערפערלעכער באשטראפונג.

לויט דער לאגיק פון דעם חיהש־עמפינדלעכן איך איז דער בעסטער מיטל אויף צו מאכן דאס פאלק געהארכזאם טעראר און שרעק; אנווארפן אויפן פאלק א מורא. דאס פאלק טאר נישט האבן קיין אייגענע געדאנקען און קיין אייגענע געפילן. דאס פאלק דארף דענקען און פילן מיטן הארץ און מוח פונם טיראן. פאר דער מינדסטער איבערטרעטונג פון די דורכן טיראן איינגעשטעלטע געזעצן און כללים, דארף דער איבערטרעטער הארט און שטרענג באשטראפט ווערן, מ׳דארף אים פייניקן, יסורים אנטאן. דאס זוכט די דענקענדיקע בלוט־בעסטיע א קרבן, אין וועמען זיך נוקם צו זיין. זי רעדט זיך מכלומרשט איין, אז דאס טוט זי, כדי עס זאל זיין ארדענונג און געהארכזאמקייט, אבער מיט אן אמת זוכט זי וועמען צו פייניקן.

קיין שום הערשאפט איז נישט אזוי געניוגט איינצוקאווען דאס לעבן פון די מאסן אין אן א שיעור געזעצן, ווי די הערשאפט פון טיראנען. אין דעם שטעקט א טאפלטע „כונה". ערשטנס, קאן דער טיראן נישט זען, ווי עמעצער לעבט, אין א וועלכן עס איז פרט, פריי. אלע און אינגאנצן מוזן זיין צו אים פארשקלאפט. דאס סאמע פערזענלעכסטע, מוז געטאן ווערן לויט זיין ווילן. דו קערסט נישט צו זיך; דו קערסט צום טיראן. דיין איך איז פארשלונגען פון זיינעם און אין אים לעבסטו...

די צווייטע „כונה" פון ארומוועבן דאס לעבן מיט א געדיכ־

טער נעץ פון געזעצן און תקנות, איז, ווייל אזוי וועט זיין ליבּ־
טער צו פאנגען קרבנות און זיי אָפּגעבן דעם תּליון.

מיר האָבּן דאָס וואָרט כּונה אריינגענומען אין גענזנפיסלעך, ווייל מיט אַן אמת ווערט דאָס אַלץ געטאָן גאַנץ אומבאַוווּסטזיניק, מיטן אינסטינקט, ווי מ׳דריקט זיך אויס. פּונקט ווי די שפּין, אַזוי פאַרוועבט דער טיראַן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן מיט אַ געדיכ־טער נעץ פון אַלערליי רעגלאַמענטירטע פירונגען, כּדי עס זאָלן זיך אין זיי פאַרפּלאָנטערן די מענטש־פליגן און ער זאָל קאָנען זויגן זייער בלוט.

די בעסטיע מיט געדאַנקלעכקייט גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון, ווי אַזוי יעדער קער און ווענד פון איר געדאַנק, איז אינ־ספּירירט פון בלוט; ווי אַזוי איר יעדע מחשבה און „זאַכלעכער״ אַרגומענט, ווערט דיקטירט פון תּשוקה צו בלוט; איר דענק־פעאי־קייט שטעקט אין בלוט; פון אירע סאָציאַלע דאָקטרינען און טע־אָריעס רינט בלוט...

די קראַנקע איך־לײדנשאַפט פון דער פאַרנונפטיקער בעסטיע ווערט אויך געשטילט דורך זעלבסט־איינגעבילדעטע געדאַנקען וועגן דער אייגענער גרויסקייט. פונקט ווי עס איז פאַר דער האָמאָ־בעסטיע אַ סאַטיספאַקציע די פאַרניינונג פון אַנדערע זעלבסטן אַזוי איז פאַר איר אַ סאַטיספאַקציע די באַטאָנונג פון דעם אייגע־נעם איך און פון זיינע פאַרבינדעטע. די ביידע אייגנשאַפטן פון פּאַשיזם־בעסטיאַליזם, די מעגאַלאָמאַנישע אייגנשאַפט, ווי די אייגנשאַפט צו דעגראַדירן אַלץ און אַלעמען, וואָס שטייט אויסער אים, שטעלן מיט זיך פאַר נישט מער, ווי צוויי פאַליוסן פון איין און דערזעלבער דערשיינונג. ביידע לויפן זיי צום איך. אויב אין ערשטן פאַל איז דער גאווה־קולט אַ מיטל צו נערן די הונגעריקע זעלבסטן דורך שרייען: „מיר זענען גרויס״, איז אין צווייטן פאַל נערט מען די הונגעריקע זעלבסטן דורך שרייען: „אַנדערע זענען קליין״.

די פּסיכישע גרונטלאַגע פון פּאַשיזם־בעסטיאַליזם, הייבּט אָן דורכצומאַכן ווייטערדיקע אידעאָלאָגישע פאַרקאָמפּליצירונגען, ווי נאָר עס קומט אַרויף אויפן שטח פון סאָציאַלן דענקען. געשטויסן

פון איר אויפפרעסערישער נאַטור, הויבט די אינטעלעקטועלע בעסטיע אָן צו פּראָדוצירן ספּעקולאַציעס, ווי אַזוי אויף אַ קאָלעקטיוון אופן צו דערגרייכן איר ציל פון באַפרידיקן איר פּסיכיזירטע בלוטדורשטיקייט.

אויפן ערשטן פּלאַץ ווערט געלאָזן און פאַרסירט די אומגלייכקייט, וואָס עקזיסטירט אין דער געזעלשאַפט. דער סאָציאַלער שיכטן־אַפּליינג, וואָס צעטיילט די מענטשן אויף אויסנוצער און אויסגענוצטע, ווערט אַ „חק ולא יעבור". צו דעם קומט אויך צו די אינדיווידועלע אויסטיילונג פון די געשייטע און געוואַגטע, וואָס שווימען אַרויף פון אויבן און פאַרנעמען פּריווילעגירטע פּאָזיציעס.

געשטיצט אויף דידאַזיקע צוויי פאַקטן פון אומגלייכקייט, אויפן סאָציאַלן און אינדיווידועלן, הויבט זיך אָן די פּיראַמידאַלע אייפהויבונג פון דער פּאַשיסטישער געזעלשאַפטלעכקייט. אַלץ מוז ליגן איינס אויפן אַנדערן און דראָפּדריקן דעם נידעריקערן פון זיך. יעדער שיכט, וואָס ליגט פון אונטן, מוז זיין געהאָרכזאַם, נכנע און דאַרף דינען דעם שיכט, וואָס ליגט פון אויבן. דער חוב פונם שטאַרקערן איז צו אונטעריאָכן דעם שוואַכערן און דער דוב פונם שוואַכערן איז זיך צו לאָזן אונטעריאָכן פון שטאַרקערן. דער בעסטיאַליזם דערלאָזט בלויז איין פּריִען איך; דאָס איז דער איך פון דער אויבערבעסטיע, וועלכער עם געלינגט זיך צו דערשלאָגן צום שפּיץ פונם פּאַשיסטישן קאָלעקטיוו. פון דעם שפּיץ אָן אויף אַראָפּצו, דאַרף אַלץ ליגן און זיך וואַרגן איינס אונטערן אַנדערן, אַזוי ביז צום גאָר אונטערשטן און ברייטסטן שיכט, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַזעלכע אינדיווידן, וואָס באַזיצן נישט נישט קיין געוירשנטע פּריווילעגיע און נישט קיין אַליין־דעראָבערטע, — די ברייטע אַרבעטנדיקע און פּראָדוצירנדיקע מאַסע, זי בלייבט אויף אייביק פאַרמשפּט צו טראָגן אויף אירע פּליי־צעס און צו זיין די באַזע פאַר אַלע העכערע פּאַראַזיטישע און פאַרשקלאַפנדיקע שיכטן, וואָס ליגן אויף איר.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אינערהאַלב זיך, איז דער פּאַשיסטישער קאָלעקטיוו אַוועקגעשטעלט אויף דער ווייטגייענדיקסטער

אומגליקלעכקייט, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די ברייטע מאַסן באַשעפע־
נישן אין אַ מאַסע פון מיליאָנען אויטאָמאַטן, וואָס האָבן נישט
קיין אייגענעם ווילן און קיין אייגענעם געדאַנק, אין אַ פאָלק פון
מיליאָנען קנעכט, וואָס דאַרפן שאַפן רייכטום פאַר הולטייעס און
אויסוואָרפן און אַליין האָבן דאָס רעכט אויף אַ לעבן פון אָרעמע
בהמות: פאַרן־זיך און זיך איבן אין דער קונסט פון הרגענען,
פונדעסטוועגן שטערט עס נישט, אַז די אויבערבעסטיע פון קאָ־
לעקטיוו, דער טיראַן, זאָל וואַגן צו רעדן צו דערדאָזיקער מיליאָ־
נען־סטאַדע פון אומגליקלעכע, אומווירדיקע און געבעבדיקע באַ־
שעפענישן וועגן אויסגעוויילטקייט און וועגן העכערקייט, וועגן
דעם, אַז זיי זענען דאָס בעסטע, דאָס קליגסטע און דאָס פיינסטע
פאָלק, וואָס ס'איז גאָר צו דעם קיין גלייכן נישטאָ. דער טיראַן
מוז דערלאָזן אַ געוויסע אויסדערוויילטקייט פאַר אַלע איכן, וואָס
דער קאָלעקטיוו שליסט איין, כדי פון זיי צו שאַפן אַ פאַראייניקטן
כוח קעגן אַנדערע קאָלעקטיוון. דערפאַר אָבער, ווען עס קומט צו
אַנדערע קאָלעקטיוון, קאָן ער געבן די פולע פרייהייט זיין אויפ־
פרעסערישע נשמה, דעמאָלט קאָן זיין ווילדע סטיכיע זיך צעשפּילן
אויף דער העכסטער אָקטאַווע און דעמאָלט קאָן זיין בלוטיקע
קראַפט זיך צעליאַרמען ביז קראַפירנדיקן שגעון.

אַזוי ווערט פון איין אינדיווידועלן האַס אַ האַס פון אַ קאָ־
לעקטיוו. דער טיראַן וועקט אויף אין דעם מיליאָנען־קאָלעקטיוו
זיין בייזע נאַטור, וואָס איז אין אים פאַרבליבן פון דעם אור־
וואַלד; מיט דעם פירכטלעכן געיאָמער פון זיין אויסגעהונגערטן
היה־וועזן שטעקט ער זיי אָן און אויך אין זיי הויבט אָן צו יאָמערן
די חיה און זיך רייסן פון דער קייט. דערדאָזיקער קאָלעקטיוו,
וואָס האָט געהאַט דאָס גרויסע אומגליק, אַז אין זיינע רייען זאָל
געבוירן ווערן אַ געניע פון האַס, ווערט, אין אַ היסטאָריש־
גינסטיקן מאָמענט פאַר זיין ווירקונג, אָנגעשטעקט פון אים און
ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געזעמל פון מיליאָנען ווילדע ברואים.

דעם טיראַן גייט עס דער עיקר, אַז זיין האַס זאָל אַריינדרינ־
גען צווישן וואָס מער ברייטערע שיכטן און ער זאָל באַקומען אויף
זיין זייט די מאַכט פון אַ רבים. אַלס יחיד איז ער אוממעכטיק

זיין האָס אויסצודריקן. ערשט מיטן כוח פון קאָלעקטיוו קריגט ער די מעגלעכקייט זיין האַס צו זעטיקן.

דער אידעאישער פּרעטעקסט, וואָס זאָל באַרעכטיקן די אויסגעטיילטקייט פונם טיראַן און זיינע פאַרבינדעטע, קאָן זיין וועלכער עס איז. דאָס איז אָפּהענגיק בלויז פונם טיראַנס געשמאַק און אפשר אויך פון אַ פּערזענלעכן אינצידענט אין זיין לעבן. אַזוי זעען מיר, אַז אין איין אָרט האָט דער פאַשיזם אריינגעוועבט אין זיין אידעאָלאָגיע דעם ראַסן־מאָמענט. אָדער אויס קנאה אָדער אויס אַ קריוודע, וואָס דער טיראַן האָט אַמאָל געליטן פון אַ יחיד, וואָס געהערט צו אַן אָפּצווייגונג פון דער סעמיטישער ראַסע, האָט ער איינגעוועבט אין זיין אויפפּרעסערישן האַס דעם ראַסן־געדאַנק און ס'איז ביי אים, אומבאַוווּסט פאַר אים אַליין, אַרויסגעקומען עפּעס אַ גאַנצער געפּלאָנטער פון אַ ראַסן־טעאָריע. האַסנדיק יידן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר איין אָפּצווייגונג פון דער סעמיטישער ראַסע, איז דער דייטשער פאַשיסטן־פירער אַרויסגעקומען מיט אַ האַס צו אַלע ראַסעס, וואָס זענען נישט זיינע. טויגן טויג נאָר איין ראַסע, די אַרישע, די, וואָס האָט געהאַט דעם כבוד פון זיך אַרויסצוגעבן דעם פירער.

דערפאַר האָט דער איטאַליענישער דוטשע זיך נישט נאַריש געמאַכט מיט ראַסע, נאָר האָט געפונען אַ פּאַר אים מער צוגעפּאַסטן אידעאישן פּרעטעקסט אויף צו סטימולירן די חיה־נאַטור פון זיין קאָלעקטיוו: דאָס איז דער אָנדענק פון אַמאָליקער גרויסקייט.

אין די נייע ישובים פון דער וועלט, ווו די מכלומרשטע יונגע פעלקער שטעלן מיט זיך אין דער אמתן פאָר אַ געמיש פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן נאָך אפילו דעם אימיגראַנטישן שטויב פון זיך נישט אָפּגעטרייסלט, ווערן פונדעסטוועגן די פאַשיסטישע טיפּשים נישט מיד צו שרייען וועגן דער „גלאָריערייכער נאַציע און ראַסע"...

די גרויסקייט־מאַניע פון טיראַן און פון אַלע איך־קראַנקע פּאַטריאָטן געפינט אין נאַציאָנאַלן מאָמענט אַ גינסטיקע געלעגנהייט זיך אויסצודריקן. ווען דער טיראַן רעדט וועגן דער גרויסקייט

פון זיין פאָלק, דענקט ער גאָר וועגן זיך. דאָס פאָלק איז פאַרן טי־ראַן נישט מער ווי אַ געהאָרכזאַמע סטאַדע צווייפיסלער, וועלכע דאַרף אים נוצן, כדי צו באַפרידיקן זיינע הערשזוכטיקע געפילן. אַז דער טיראַן מיינט די טובה פון זיין פאָלק, איז, פאַרשטייט זיך, אַן איינרעדעניש. מיט דער צייט, מעגלעך, הויבט ער אַליין אָן גלויבן אין דעם. ס'ווערט ביי אים אַ מין אויטאָסוגעסטיע. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז עס נישט אַזוי. זאָל אים דאָס פאָלק אויפהערן צו פאָלגן און אַראָפּזעצן, ווערט ער עס אַ דם שונא און איז עס גרייט צו פאַרראַטן ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט. וואָרום ווי קאָן דען אַ ווען, ווען עס איז פרעמד יעדער סימן פון גוטן ווילן צום מיטמענטש, אין זינען האָבן דעם וווּל פון אַ כלל! ווי קאָן דען אַ ווען, וועלכעס איז אינגאַנצן צעפרעסן פון שנאה, זאָרגן פאַרן וווּל פון עמעצן! און פונדעסטוועגן גילט דידאָזיקע העסלעכע פאַרבלענדעניש אַלס גלויבן פון מיליאָנען מענטשן. זיי זעען נישט, ווי אַזוי זיי אַליין ווערן אונטערדריקט, דערנידעריקט און באַליידיקט און פאַר יעדן פרייען קער און ווענד דראָט זיי פייניקונג און פאַרניכטונג!...

אויב די געשיכטע פון אידעאָלאָגיעס און גלויבנס, אין אַלגע־מיין, איז איין לאַנגער דאָקומענט פון דעם, אַז ווילן מאַכט געדאַנק, וואָס שטאַרקער דער ווילן, אַלץ אַבסורדער קאָן זיין דער געדאַנק, איז די פאַשיסטישע אידעאָלאָגיע אין סאַמע מיטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מיט פּראָפעסאָרן און געלערנטע קעפּ אין דער מיט דער שטאַרקסטער באַוויז דערפון.

עס איז אָן אומזין צו וועלן פאַרשטיין דעם זינען פון די פאַ־שיסטישע, נאַציאָנאַלע אָדער ראַסן־טעאָריעס, פונקט ווי עס איז בכלל אָן אומזין צו זוכן אויסגעהאַלטענעם געדאַנק אין פאַשיזם. פאַרן פאַשיזם איז אידעאָלאָגיע און געדאַנק דאָס אַלץ, וואָס קאָן סטימולירן האַס.

דער פאַשיזם איז נישט אויפגעקומען אין די שעפערישע מוחות פון דענקער, דער פאַשיזם איז נישט אַנטשטאַנען אין לוי־טערן גייסט פון פילאָזאָפן. די פאַשיסטישע טעאָרעטיקער און אי־דעאָלאָגן זענען סאַדיסטישע, פּאַטאָלאָגישע אינדיווידן. זאָלן זיך

שעמען די דענקער און פילאָזאָפן פון אַלע יאָרטויזנטער; זאָלן וויינען אין זייערע קברים די חכמים און נביאים פון די פאַרגאַנגענע דורות אין אָנבליק פונם אָפּשיילעכן בילד, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די „קולטור־מענטשהייט". נאָך טויזנטער יאָרן פון זייער אַלעמענס אַקטואַציע דורך רעליגיע, פילאָזאָפיע, קונסט, וויסנשאַפט, שטייט איצט, ווי אין דער פּרעהיסטאָריע, די מענטש־חיה אַן אויסגעהונגערטע נאָך בלוט, רויב און מאָרד. אין דער שפּיץ גייען די ערגסטע, די מער בלוטדורשטיקע, די מער פאַרניכטונגסלוסטיקע, די טעמפּסטע און פינסטערסטע. די אויבערבעסטיע גיט דעם אידעאישן טאָן פון דער צייט. זי שטרעבט נישט נאָר צו קריגן די פּאָליטישע מאַכט, נאָר אויך *די מאַכט איבערן געדאַנק און גייסט*. אַזעלכעס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. קיינמאָל האָט דאָס בייזע, דאָס בלוטיק־בעסטיאַלע, דאָס רוצחיש־אידיאָטישע נישט געוואַגט זיך צו מאַכן קיין אייגענע „לעבנס־פילאָזאָפיע", קיין אייגענע דאָקטרינען און טעאָריעס. פאַרקערט, שטענדיק און אייביק האָבן די טיראַנען און מאַכטדערלאַנגער זיך כאָטש פאַרמאַסקירט מיט פרומקייט און גוטסקייט און האָבן אויף כוח געזען צו קריגן די מיטאַרבעט פון גייסט־מענטשן. דאָס, אָבער, וואָס האָט נישט געקאָנט פּאַסירן אין די פינסטערטע צייטן פון טויזנט־יאָריקן עבר, דאָס האָט פּאַסירט אין די טעג פון דער העכסטער ציוויליזאַציע: היינט איז די עפּאָכע פונם *בעסטיאַליזם אַלס לעבנס־פילאָזאָפיע; בעסטיאַליזם אַלס באַזע פאַר אַלע גייסט־ווערטן*.

די „זשעניעס פון האַס" פּרעדיקן: האַסט! קולטיווירט דעם האַס, מאַכט אידעען פון האַס, מאַכט אַ קולטור פון האַס, מאַכט אַ גאָט פון האַס! דערציט די חיה אין זיך! דערציט דעם רוצח אין אייך! ווייל איר קאָנט מער האַסן, זענט איר די גרעסטע און די בעסטע; ווייל אייערע הערצער זענען אַזוי שוואַרץ ווי אַ פינסטערע האַלב־נאַכט, זענט איר די עליטע פון דער מענטשהייט; ווייל אייערע אבות האָבן מער בלוט פאַרגאָסן און אייער געשיכטע איז מער רייך אין פעלקער־שחיטות, איז אַ סימן, אַז אייער ראַסע איז די בעסטע... צעבלאָזט אייער בלוטדורשטיקייט; צעבלאָזט

אייער אכזריות! אכזריות און האַס זאָל מען לערנען מיטן קינד; אכזריות און האַס זאָל מען לערנען מיטן יוגנטלעכן; אכזריות און האַס מיט מאַן און פרוי; אכזריות און האַס מיט יונג און אַלט. אכזריות און האַס אין בוך, אין טעאַטער, אין פילם, אין צייטונג, אין ראַדיאָ. די גאַנצע ציוויליזאַציע צום דינסט פון טייוול. אומע־טום זאָל טריאומפירן דאַס שלעכטס. זאָל לעבן די בעסטיע!...

III

פאַר דער לעקציע, וואָס עס גיט אונז די איצטיקע צייט, האָבן מיר טייער באַצאָלט און עס איז אונזער חוב זי גוט אויסצו־שטודירן.

די איצטיקע וועלט־ווירקלעכקייט לערנט אונז, אַז אַלץ זאָל מען זוכן אין מענטשנס גייסט. נישט ראַציאָ, נישט עקאָנאָמיק, נאָר גייסט, — אָט וואָס עס איז די לעקציע פון דער צייט.

קוקן מיר זיך צו מיט אָפענע אויגן און אָן דאָקטרינערן פאַנאַטיזם צו דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט פון דער איצטי־קער וועלט, מוז מען איינזען, אַז די לערע וועגן דעם, אַז דער עקאָ־נאָמישער פאַקטאָר איז דער דאָמינירנדיקער אין דער געשיכטע, און אַז דער גרעסטער און מער אויסגענוצטער קלאַס וועט, אין אָנקלאַנג צו זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן, אויף כוח איינשטעלן די גלייכהייטלעכע געזעלשאַפט, האָט זיך נישט באַשטעטיקט.

דידאַקטיק טעאָריע קאָן נישט אָנגעווענדט ווערן מיט דערזעל־בער גילטיקייט פאַר אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. א סך אמתער ווייזט זי אויס צו זיין, ווען מ׳ווענדט זי אָן לגבי די רייכע קלאַסן, ווי ווען מ׳ווענדט אָן לגבי די אָרעמע קלאַסן. דער עקאָנאָ־מישער פאַקטאָר שפּילט א סך א גרעסערע ראָלע ביי דעם קאַפּי־טאַליסטן־קלאַס, ווי ביי דעם אַרבעטער און האַרעפּאַשנעם קלאַס.

גענוג צו וואַרפן איין איינציקן בליק אויף דער געשיכטע פון די נייעסטע צייטן, כדי זיך איבערצוצייגן אין דער ריכטיקייט פון דער געמאַכטער אָנמערקונג.

צוויי קעגנזעצלעכע הויפּט־שטריכן כאַראַקטעריזירן די געשיכ־

טע פון דער נאָנטסטער פאַרגאַנגענהייט. פון איין זייט נייט דער מעכטיקער אויפקום פון דער גרויס־בורזשואַזיע, וואָס האָט גע־שטרעבט צו באַהערשן די וועלט, פון דער צווייטער זייט גייט דער נישט־ווייניקער מעכטיקער קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס צו באַ־פרייען די וועלט. געשטויסן פון א י ר ע עקאָנאָמישע אינטערעסן, האָט די גרויס־בורזשואַזיע דערגרייכט איר ציל און געוואָרן די הערשערין איבערן לעבן. געשטויסן פון ז י י נ ע עקאָנאָמישע אינטערעסן, האָט דער אַרבעטער־קלאַס נישט דערגרייכט זיין ציל און נישט באַפרייט דאָס לעבן. אָט האָבן מיר א באַווייז, אַז די עקאָנאָמישע אינטערעסן האָבן נישט דעמזעלבן כוח ביים אַרבע־טער, ווי ביים בורזשואַ.

העכער הונדערט יאָר האָט מען זיך באַמיט מיטן כוח פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן צו שאַפן א דורכבראָך אין די שטאָ־לענע ווענט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און עס איז נישט געלונגען. אַלץ, צו וואָס עס האָט געדינט דער עקאָנאָמישער אינ־טערעס, איז געווען עטוואָס צו פאַרגרינגערן די לאַגע פון דעם אַרבעטער־קלאַס אַלס אַזעלכן.

מען האָט געמאַכט דעם חשבון, אַז נויט און הונגער וועלן צווינגען דעם אַרבעטער־קלאַס איינצוברעכן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדע־נונג איז שטאַרקער פאַרן אַרבעטערס נויט און הונגער. עס קאָן שוין נישט זיין קיין ערגערע עקאָנאָמישע לאַגע, ווי די, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט נישט לאַנג דורכגעמאַכט און מאַכט נאָך איצט דורך. צענדליקער מיליאָנען זענען געווען אינגאַנצן אַרבעטס־לאָז, צענדליקער מיליאָנען האַלב אַרבעטסלאָז. די, וואָס האָבן גע־אַרבעט, האָבן באַקומען הונגער־לוינען. דער אַרבעטער־קלאַס האָט דערגרייכט צום קולמינאַציע־פּונקט פון מיזעריע און נויט. לויט דער טעאָריע וואָלט באַדאַרפט אויסקומען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס פון דער גאָרער וועלט וועט אין אַזא מאָמענט אָנועקלייגן האַמער און סערפּ, אָפּשטעלן מאַשין און אַקעראייזן און וועט זאָגן: גענוג! ווייטער אַזוי גיין קאָן עס נישט! מיליאָנען פון אונזערע ברידער, זייערע פרויען און קינדער לײַדן הונגער, האָבן נישט קיין שוך און

קיין קלייד און קיין דאך איבערן קאפ. מיר, די, וואס ארבעטן, האבן נישט דאס נויטיקסטע. אין דערזעלבער צייט ליגן לעגענ־דארישע אוצרות אומפארווענדבאר אין די הענט פון איינצלנע, אין דערזעלבער צייט ווערן הייפלעך פאראזיטן משוגע פון וויל־טאג און הולטייסטווע, אין דערזעלבער צייט פארניכטעט מען אומ־געהויערע לאגערס ברויט און קליידער, אין דערזעלבער צייט גיבן די הערשער־קליקעס אויס מיליארדן אויף באוואפענונג, כדי מיר זאלן זיך נאכדעם איינער דעם צווייטן אויסשעכטן. ניין! עס קאן אזוי נישט גיין. מיר האבן גארנישט וואס צו פארלירן. פון הונגער שטארבן מיר אלצאיינס. איז אן עק זאל עס נעמען!...

אזוי איז עס אויסגעקומען על פי טעאריע. ווי איז אבער גע־ווען אין דער פראקטיק? אין דער פראקטיק האבן זיך די מיליא־נען ארבעטער אוועקגעלאזט צו דער מלוכה בעטן א גראשן שטיצע, א ביסן ברויט און א טרונק וואסער, אין דער פראקטיק האבן זיך די מאסן, וואס האבן באדארפט ארויסרופן די סאציאלע רעוואלו־ציע, צעזייט און צעשפרייט איבער די ארבעטסלאזע־לאגערן פון גאר דער וועלט און האבן זיך ארומגעוואלגערט ווי וואגאבונדן איבער די פארקן און גערטנער פון די קרוינשטעט, איבער די וועגן און שטעגן פון די לענדער. נאכמער: די ט ע א ר ע ט י ש ע העלדן פון דער רעוואלוציע, די מאסן הונגעריקע אוןליידנדיקע, זענען אין דער פ ר א ק ט י ק געווארן דער בעסטער עלעמענט פאר פאשיזם און רעאקציע. נויט און הונגער פון די ארבעטנדיקע, וואס האט, טעארעטיש, געזאלט זיין דער שטארקסטער אנשטויס פארן איינברוך פון קאפיטאליזם, האט זיך, אין דער פראקטיק, פארוואנדלט אין זיין קעגנזאץ. „ארבעטסלאזיקייט דעמאראלי־זירט", איז געווען דער פירוש. די הונגעריקע מאסן האבן זיך גע־לאזט פאנגען פון אולטרא־נאציאנאליסטישן טשאד און ביטערער רעאקציע. דאס איז געווען אויפן ארט פון ברויט און פרייהייט. און יענע ארבעטער, וועלכע זענען געבליבן ארבעטן, האבן ארויסגע־וויזן די גרעסטע אינדיפערענץ צום גורל פון זייער קלאס און פון דער מענטשהייט און האבן גארנישט געוואלט וויסן וועגן די מיליאנען הונגעריקע ברידער.

מעג זיך עס דעריבער זיין אמת, זאָגן מיר צו די אָנהענגער פון „עקאָנאָמישן אבערגלויבן‟, אז דער עקאָנאָמישער מאָמענט שטייט אין הינטערגרונט פון יעדן קער און װענד, װאָס װערט געמאכט מצד די הערשערישע געלט־קלאַסן, מעג זיך זיין אמת, אז װען די רייכע פייערן פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַליזם, מיינען זיי געלט, מעג זיך זיין אמת, אז װען די רייכע פּרעדיקן אינטערנאַציאָנאַלע איינפאַרשטענדיקונג און פעלקער־פריינטשאַפט, מיינען זיי געלט, מעג זיך זיין אמת, אז װען די רייכע גייען ציוויליזירן אָפּגעשטאַנענע פעלקער און זיי באַשענקען מיט „קולטור און ציוויליזאַציע‟, מיינען זיי געלט, מיט איין װאָרט: מעג זיך זיין אמת, אז ביי די רייכע איז דער טייטש פון פּאָליטיק, שטאַט, נאַציע, רעליגיע, װיסנשאַפט, קונסט, מאָראַל א. א. װ. — געלט, און דאָך זאָל דאָס אַלץ נישט זיין קיין באַװייז, אז דער עקאָנאָמישער מאָמענט װעט צװינגען די אָרעמע קלאַסן צו מאַכן די סאָציאַלע רעװאָלוציע. ביים ארבעטער און האָרעפּאַשנעם קלאַס איז דער כוח פון דער סאָציאַלער אָרדענונג שטאַרקער, װי דער כוח פון עקאָנאָמישן אָנשטויס. גיכער װעט ער זיך ברעכן, איידער ברעכן די אָרדענונג. ארבעטסלאָזיקייט מאַכט די ארבעטער גיכער פאַר װאַגאַבונדן און פאַשיסטן, איידער פאַר רעװאָלוציאָנערן. אמת, אז אויך דער ארבעטער און האָרעפּאַשניק זוכט אריינצוקריגן װאָס מער געלט פאַר זיך, איז דאָס אָבער נאָר אין די ראַמען פון די לעגאַלע מיטלען, נאָר אינערהאַלב די װענט פון דער סאָציאַלער אָרדענונג. אזוי גלייך װי עס קומט צו דער סאָציאַלער אָרדענונג, בלייבט דער עקאָנאָמישער אָנשטויס, ביי דעם װייט־גרעסטן טייל פונם דאָזיקן קלאַס, אוממעכטיק*).

---

*) בכלל האָט סאָציאַליזם מיט די גרונטזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע קיין שייכות נישט. דאָס גרונט־געזעץ פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע איז: „יעדער זוכט אריינצובאַקומען װאָס מער נוצן (געלט) פאַר זיך‟. דאָס גרונט־געזעץ פון סאָציאַליזם איז: „יעדער זאָרגט פאַר די נוצן פון דער געמיינשאַפט‟. איז אויב די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז אמת, איז סאָציאַליזם אַ ליגן, און אויב

דעמזועלבן דורכפאַל, וואָס דער עקאָנאָמיזם, האָט אויך גע־ליטן דער ראַציאָנאַליזם.

געוועזן אַ צייט, ווען מען האָט געמיינט, אַז די סאָציאַלע מחלות קאָנען געהיילט ווערן דורך בילדונג און אויפקלערונג. מען דאַרף די ברייטע מאַסן אויפקלערן און געבן צו פאַרשטיין, אַז זיי ווערן באַעוולהט און אויסגענוצט און אַזוי ווייטער, ווי זיי וועלן דאָס נאָר באַגרייפן און פאַרשטיין, אַזוי גיך וועלן זיי רעבעלירן קעגן די אויסנוצער און אונטערדריקער, קעגן די פּאַראַזיטישע, הערשערישע קלאַסן און זיי וועלן זיך באַפרייען.

וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן? שוין באַלד הונדערט און פופציק יאָר (זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע), ווי מען מבולט אויף דער מענטשהייט מיט אויפקלערונג: צייטונגען, זשורנאַלן, בראָשורן, ביכער, אַקאַדעמיעס, קורסן, מיטינגען, רע־דעס, לעקציעס, טעאַטער, פילם און אַזוי ווייטער. און דאָך איז די מענטשהייט איצט ווייניקער „אויפגעקלערט”, ווי ווען עס איז פריער...

קיין שום מענטש מיט אַביסל שכל אין קאָפּ, וועט איצט מער נישט באַנוצן קיין איין איינציק וואָרט פון דער ראַציאָנאַליסטישער טערמינאָלאָגיע. אַזעלכע אויסדריקן, ווי „מאַכן באַוווּסטזיניק די מאַסן”, „אויפקלערן די מאַסן”, זענען פּוסטע ווערטער. קיינער לאָזט זיך נישט אויפקלערן און מאַכן באַוווּסטזיניק. יעדער בלייבט זיך ביי זיינס. געהערט איינער צו אַ רעכטער פּאָליטישער ריכטונג זענען פאַר אים די קלוגע אַרגומענטן פון די לינקע נישט מער,

---

סאָציאַליזם איז אמת איז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע אַ ליגן. אַרויס־דרינגען סאָציאַליזם פון דער איצטיקער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, הייסט אים אַרויסדרינגען פון זיין דירעקטן קעגנזאַץ. שטעלט מען זיך אויפן שטאַנדפּונקט פון סאָציאַליזם, אָנערקענט מען נויטווענ־דיקערווייז, אַז די געזעצן פון דער איצטיקער פּאָליטישער עקאָנאָ־מיע קאָנען בטל ווערן. זיין אַ סאָציאַליסט און קעמפן פאַר סאָ־ציאַליזם, מיינט קעמפן צו צעשטערן די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטי־שע עקאָנאָמיע, מאַכן, אַז אירע געזעצן זאָלן ווערן אומגילטיק. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון סאָציאַליזם וועט אין גרונט זיין אַ להיפוכדיקע צו דער איצטיקער...

ווי פוסטע רייד און אבסורדן און טויגן נאר זיי ארונטערצורייסן. געהערט איינער צו א לינקער פאליטישער ריכטונג, ווענדט ער אן די־זעלבע מאס און באציאונג צו דער לאגיק און אויפקלערונג פון די רעכטע. אזוי צווישן די בירגערלעכע פארטייען און אזוי צווישן די ארבעטער־פארטייען. איז איינער אומפארטייאיש, וועלן טויזנט ריעדעם אים פאר קיין פארטיי־מאן נישט מאכן. ס׳איז אפהענגיק פון כאראקטער און קיין לאגיק קאן דא גארנישט אויפטאן. דאס מין „געבן צו פארשטיין״ האט זיך ארויסגעוויזן אלס אבסאלוט אומווירקזאם. צום בעסטן ווייסן עס די באצאלטע „אויפקלערער״ און „באוווסטזיניק־מאכער״, די אלערליי „פראפעסיאנעלע אידעאליסטן״...

די, וואס מיינען, אז מ׳נארט די מאסן, נארן זיך אליין. זיי וואלטן א סך בעסער געטאן, ווען זיי קלערן זיך אליין מער אויף און מאכן זיך אליין מער באוווסטזיניק, איידער אויפקלערן און באוווסטזיניק מאכן יענעם...

אין דער פריערדיקער צייט האט מען צוגעגעבן דעם פאקט פון וויסן און בילדונג גופא א סאציאל־עטישן ווערט און מען האט געמיינט, אז וויבאלד איינער באקומט נאר וויסן, מוז ער שוין אויך זיין אן אנהענגער פון א יושרדיק לעבן. בילדונג, און דאס געפיל פאר סאציאלער גערעכטיקייט, זענען ענג פארבונדן געווארן צווישן זיך און זענען געוועזן אומאפטיילבאר. וואס זעען מיר איצט? די רייען פון דער שווארצסטער רעאקציע זענען אנגעפילט מיט געלערנטע לייט, פראפעסארן און וויסנשאפטלער. די קולטורווירער פון פאשיזם אין די פארשידנסטע לענדער פון דער וועלט זענען די געבילדעטע עלעמענטן. אלס פראפעסיאנאלן שטעלט מיט זיך פאר די דיפלאמירטע אינטעליגענץ א שרעקלעך עגאאיסטישן עלעמענט. זייער ציניזם און דורשט נאך ווילטאג האט קיין גרענעץ נישט. אמת, אז אויך צווישן די בעסערע מענטשן זענען פאראן וויסנשאפטלער, געלערנטע און סטודענטן. דארף דאס אבער נישט צוגעשריבן ווערן דער ווירקונג פון בילדונג און וויסן, נאר זייער כאראקטער און גייסט. וויסן באאיינפלוסט נישט די

פּאָראַליִשע נאַטור. פון דער צווייטער זייט זעען מיר אומגעביל־דעטע מענטשן אויף דער העכסטער מאָראַלישער שטופע, וואָס דאָס באַווייזט אונז ווידער אַמאָל, אַז די עטישע איינגעשאַפט איז נישט אָפּהענגיק פון בילדונג און געלערזאַמקייט.

דער ראַציאָנאַליזם, ד. ה. דער שטאַנדפּונקט, אַז דאָס אַריינ־ברענגען אינעם מענטשנס באַוווּסטזיין דעם אמת וועגן וועלט און זיך, וועט זיין אַ מיטל צו פאַרבעסערן זיין לעבנספּיר, האָט זיך נישט באַשטעטיקט.

און איז עס דען נישט העכסט־באַלערנדיק, כמעט סימבאָ־ליש, וואָס דוקא דאָס לאַנד, וואָס, פון איין זייט, איז עס געשטאַ־נען אויף דער העכסטער שטופע פון בילדונג און אינסטרוקציע, האָט פאַרמאָגט די גרעסטע צאָל שולן און לערנאַנשטאַלטן און, פון דער צווייטער זייט, האָט עס פאַרמאָגט די העכסט־אַנטוויקלטע עקאָנאָמיק, די צום בעסטן אָוועקגעשטעלטע אַרבעטער־אינסטיטו־ציעס, דעם בעסט־אָרגאַניזירטן און מאַרקסיסטיש־אויפגעקלערטן פּראָלעטאַריאַט — דוקא דאָסדאָזיקע לאַנד האָט זיך אַזוי לייכט געלאָזט אַריינפירן אין גרעסטן תהום פון רשעות און שטותעריי וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט ווען געזען!...

מיר זענען עדות פון דער פיינלעכער אומעטיקייט פון דעם מענטשלעכן געדאַנק קעגן די שטורעמדיקע אַטאַקעס פון דעם בייזן בעסטיע־גייסט. אומעטום איז עגאָאיזם און שנאה. אפילו דאָרט, ווו עס איז נאָך מכלומרשט דעמאָקראַטיע, איז אויך רשעות און שנאה. דער דערוואַכטער חיה־גייסט באַהערשט אונזער דור. דער אויפגעוועקטער האַס אין די הערצער פון די מענטשן האָט גובר געווען סיי די השפעה פון די וויסנשאַפטן און שכל און סיי די עקאָנאָמישע אינטערעסן. אויב אפילו אינסטיטו־ציאָנעל האָט דער פאַשיזם נישט אומעטום גע־זיגט, האָט ער אָבער גייסטיק אומעטום גע־זיגט. דער פאַשיסטישער גייסט איז אַריינגע־דרונגען אומעטום און האָט אָנגעשטעקט אַלץ און אַלעמען...

די איצטיקע וועלט איז אַ לעקציע און אַ וואָרענונג. זי לערנט

אונז, ערשטנס, אַז אין מאָראַלישער הינזיכט שטייט די מענטש־הייט נאָך גאָר אויף אַ נידעריקער שטופּע און עס איז דאָ נאָך גאָר אַ סך צו אַרבעטן איבער איר, ביז מ'וועט זי אויפהייבן צו אַ העכערן מאָראַלישן ניוואָ. זי לערנט אונז, צווייטנס, אַז פאַרגע־שריטענע סאָציאַלע פאָרמען זענען פון אַ קנאַפּן ווערט פאַר אמתער געזעלשאַפטלעכער פאַרבעסערונג און, זי לערנט אונז, דריטנס, אַז די אידעען פון 19־טן יאָרהונדערט וועגן דער געזעלשאַפט און איר פּראָגרעס זענען געווען נישט קיין ריכטיקע און אַז דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם דאַרף ווידער אַמאָל אָנגעשטעלט ווערן אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער דענקענדיקער מענטשהייט צו רעוויזיע.

קאַפּיטל פיר

# סאָציאַליזם און די עטישע טענדענץ אין דער געשיכטע

I

דער מענטש, ווי ער איז, מוז אַוועקגעשטעלט ווערן אין פאָדערגרונט פון סאָציאַלן געדאַנק. פאַר דער סאָציאָלאָגיע איז דער מענטש אַ באַשטימטער אויסקריסטאַליזירטער יש, וואָס נישט עקאָנאָמישע אומשטענדן און נישט פּאָליטישע מאַכט וועלן אים מאַכן פאַר אַן אַנדערן ווי ער איז. אויב מיר רעדן וועגן תּוכיקע ענדערונגען פונם מענטשן און זיין לעבן, מוז מען דיזאָזיקע ענדערונגען זען אַלס מעגלעכקייט אין אים גופא.

דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם איז אַן אומגעהויער־טיף פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם און אַלס אַזעלכעס דאַרף מען עס צוגיין לייזן. די סאָציאַלע דיאַגנאָסטיק דאַרף מען איבערהויפּט זוכן צו מאַכן אין מענטשן און נישט אַרום אים. מען דאַרף זיך אַראָפּלאָזן אין מענטשנס נאַטור און גייסט און דאָרט אויספאָרשן די פאַרענדערונגס־מעגלעכקייטן פון זיין לעבן און אויף דער באַזע פון די־דאָזיקע מעגלעכקייטן דורכפירן די געהעריקע סאָציאַלע ענדערונגען.

ביז איצט איז דאָס פּראָבלעם געווען: צי איז שוין דאָס
זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ סאָציאַליסטישס, און מיר

מיינען, אַז די פּראַקטיק האָט דערוויזן די טעותדיקייט פון דעמ־דאָזיקן וועג און דאָס פּראָבלעם דאַרף גאָר זיין: צי איז ד ע ר מ ע נ ט ש וועזנטלעך און אָרגאַניש רייף צו לעבן סאָציאַליסטיש.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז די מאָדערנע סאָציאַליסטי־שע באַוועגונג אויפגעקומען אין אַ מאָמענט, ווען פון איין זייט האָט אין דער וויסנשאַפט געפייערט זיין טריאומף דער געדאַנק פון עוואָלוציע, וועלכן מען האָט תופס געווען אַלס פּועל־יוצא פון בלויזער צופּאַסונג צו לעבנס־תנאים און, פון דער צווייטער זייט, האָט דער אויפקום פון דער טעכניק אָנגעמאַכט אַ טיפע איבער־קערעניש אויף אַלע געביטן פון קולטורעלן אוןווירטשאַפטלעכן לעבן. עס איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג פון די סאָציאַ־לע פ אָ ר מ ע ן א ו ן פ אַ ר ה ע ל ט ע נ י ש ן און מען האָט גע־מיינט, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע וועלט־איבערקערעניש. דער סאָציאַלער געדאַנק איז געבליבן געפּלעפט און האָט זיך פאַרלוירן אונטערן שטאַרקן אָנדראַנג פון די מעכטיקע פאָרם־ענדערונגען פון דער מאָדערנער עקאָנאָמיק, פּאָליטיק און בכלל קולטור. אין מענטשן האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן, דער מענטש איז גאָרנישט, דער מענטש איז נול.

ווער האָט איינגעגעבן דעם מענטשן דעם געדאַנק וועגן סאָ־ציאַליזם? פאַרוואָס האָט דער מענטש דערפונדן די סאָציאַליסטישע אידעע? וואָס איז אַזעלכעס די לעצטע דעפיניציע פון סאָציאַליזם?

די סאָציאַליסטישע אידעע באַהערשט די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע. די סאָציאַליסטישע אידעע איז שוין אַזוי אַלט, ווי אַלט עס איז עכט־מענטשלעכע קולטור, ווי אַלט עס איז דער מענטש אַלס מאָראַליש וועזן. דער מענטש האָט די סאָציאַליסטישע אידעע דערפונדן פון זיך אַרויס. צום ערשטן האָט די נאַטור געמאַכט די סאָציאַליסטישע דערפינדונג אין מענטשן און נאָכדעם האָט דער מענטש איר דערבליקט אין זיך, אין זיין גייסט און וועזן און איר געדאַנקלעך פאָרמולירט.

## II

אַן געדאַנק פון ביפּסיכיזם איז אַבסאָלוט אוממעגלעך זיך צוצורירן צו פאַרשטיין געשיכטע. די דואַליטעט אין דער געשיכטע איז אַזוי בולט און עווידענט, אַז עס איז איבערראַשנדיק דער פאַקט, וואָס מ'האָט נאָך ביז איצט דעמדאָזיקן מאָמענט נישט אויפגענומען, וויסנשאַפטלעך אויסגעפאָרשט און געצויגן די געהעריקע שלוסן.

די פראַגע פון גוטס און שלעכטס, איז די פונדאַמענטאַלסטע פּראַגע פון מענטשלעכן לעבן. זי איז די פראַגע פון אַלע צייטן און אַלע דורות. אַלע מאָל דערשיינט זי אונטער אַן אַנדער צייטלעך־אָרטלעכן לבוש; זי איז אָבער שטענדיק פאַראַן.

ווען איז דען נישט געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דער מענטשהייט די שטרעבונג צו מאַכן דאָס לעבן גוט און גערעכט? ווען איז דען נישט געווען אַקטועל די פראַגע פון מאַכן שענער און בעסער די וועלט? ווען און ווו האָבן זיך דען די מענטשן נישט געקלאָגט אויף דער זינדיקייט פון זייער דור? שטענדיק האָבן מענטשן גערעדט און געטרוימט וועגן גוטס און טוגנט; שטענדיק האָבן מענטשן געוווּסט, אַז לעבן האָט העכערע צילן און אויפגאַבן. ביי דער גאַנצער זינדיקייט פון די מענטשן אין אַלע צייטן, איז דאָך שטענדיק געווען אַ רייד און אַ שטרעבונג און אַ ווונטש צו גוטס און טוגנט און שיינקייט. עס זעט אויס ווי אַן אומפאַרמיידלעכקייט אין דער געשיכטע די טענדענץ בעסער צו מאַכן דאָס לעבן.

וויפל מאָל עס זענען אויפגעקומען באַוועגונגען, וואָס האָבן געהאַט אַלס ציל צו פאַרבעסערן דעם מענטשן און דאָס לעבן און זיי זענען דורכגעפאַלן, האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן נייע אויף זייער אָרט. אַזוי חזרט זיך עס איבער כסדר. דער געדאַנק וועגן אַ גוט לעבן ווערט קיינמאָל נישט באַזיגט און הויבט אָן אַלע מאָל פונדאָסניי זיין אַנגריף אונטער מער פּולקאָמע און אויסקריסטאַליזירטע פאָרמען.

שוין אין די עלטסטע צייטן געפינען מיר דעם ביפּסיכיזם

סימבאָליזירט אין די געשטאַלטן פון גוטע און שלעכטע געטער; געטער, וואָס זענען גוט צום מענטשן, ליבן אים און זוכן אים צו באַשיצן, און געטער, וואָס זענען שלעכט צום מענטשן, האַסן אים און ווילן אים שאָדן ברענגען. האַלטנדיק זיך ביי דעם כלל, אַז די מענטשן האָבן אויסגעטרוימט זייערע גאָטהייטן לויט זיך נאָך און אַז זיי האָבן זיי שטענדיק צוגעשריבן אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס זיי, די מענטשן, האָבן זיי באַזעסן, וועט אויסקומען, אַז די אויסטרוימונג פון גוטע געטער, וואָס ליבן דעם מענטשן און ווילן אים גוטס טאָן, דאַרף זיין אַ באַווייז, אַז דידאָזיקע אייגנשאַפט האָט אָנגעהויבן זיין נאָענט דעם מענטשן. דער אינטערעסאַנטסטער מאָמענט אין דער געשיכטע פון רעליגיע, איז דער, וואָס ווייזט אונז די עוואָלוציע פונם מענטשנס נאַטור. לויט דעם, ווי עס שטייגט דער עטישער מאָמענט אין רעליגיע, משפטן מיר וועגן דער עטיזירונג פון דעם מענטשנס נאַטור. אין די גאָר אַלטע געטערשאַפטן איז נישט געווען פאַרטראָטן קיין שום מאָראַלישע גאָטהייט. די עלטסטע געטערשאַפט איז באַשטאַנען בלויז פון ביי־זע, מענטשן־פיינטלעכע גייסטער, — אַמאָראַלישע סימבאָלן. די מאָראַליזירונג פון די געטער קומט ערשט שפּעטער, דעמאָלט, ווען דער מענטש האָט שוין באַזעסן אַן אַנטוויקלטע מאָראַלישע נאַטור. דאָך, איז אפילו אין די שפּעטערדיקע עטישע רעליגיעס געבליבן פּלאַץ פאַר בייזע גייסטער, וואָס פאַרפירן דעם מענטשן און רעדן אים אָן צו זינדיקן און שלעכטס צו טאָן. ביי דער העכסטער הערשאַפט פון אַ באַרמהאַרציקן אַלמעכטיקן גאָט, איז דאָך שטענדיק געבליבן פּלאַץ פאַר דער הערשאַפט פונם שטן, וואָס איז דער מקור פון אַלדאָס שלעכטע און בייזע.

מער ווי אין אַלע רעליגיעס איז די דאָפּלטע בוכהאַלטעריע געקומען צום אויסדרוק אין דער זאָראָאַסטרישער. דידאָזיקע רעליגיע איז דירעקט געווען באַגרינדעט אויף דער הערשאַפט פון צוויי ריוואַליזירנדיקע געטלעכקייטן: אַ גוטער גאָט, הורמיז, דער גאָט פון ליכטיקייט, אמת, אָפנהאַרציקייט, און אַ שלעכטער גאָט, אַכרימען, דער גאָט פון ליגן, אינטריגע און פינסטערניש. אין 3־טן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסן, איז דערדאָזיקער געדאַנק פון דוטע־

איזם באַניים געוואָרן דורכן פּערסער מאַני, דער גרינדער פונם מאַניכעאיזם, אַ רעליגיעזע שיטה, וואָס איז ביי טויזנט יאָר געווען פאַרשפּרייט אין מיטל- און פאָדער-אַזיע. צום סוף פון 10-טן יאָר-הונדערט האָט דערדאָזיקער געדאַנק וועגן דוטעאיזם זיך אַריינ-געריסן אין סאַמע האַרץ פונם אייראָפּעאישן קריסטנטום און דע-מאָלט איז עס אין פראַנקרייך אַנטשטאַנען די באַרימטע באַוועגונג פון די אַלביגענזער אַפּיקורסים, קעגן וועלכע די קירכע האָט עס אַרויסגעוויזן אַזויפיל „פייערדיקע ליבע״, אומבאַרענגעגדיק זיי אויפן שוידערלעכסטן אופן.

דידאָזיקע דריי רעליגיעזע שיטות זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, אָ פ י צ י ע ל באַגרינדעט אויפן בי-טעאיסטישן פּרינציפּ. די אי-בעריקע רעליגיעס, כאָטש אָפיציעל זענען זיי געווען מאָנאָטע-איסטיש, דאָך, אומאָפיציעל, האָט שטענדיק דער טייוול אין זיי געשפּילט נישט קיין קלענערע ראָלע, ווי גאָט.

אין קריסטנטום האָט עס געהייסן, אַז יעדע שלעכטע טאַט ווערט אינספּירירט פונם טייוול. פאַרקערט, טאָמער האָט איינער גע-טאָן „מעשים טובים״, איז געווען גוט און ליבנדיק, איז געווען ערלעך און טוגנטהאַפט, איז דאָס געווען דער „הייליקער גייסט״ אין אים, וואָס האָט אים דערצו אָנגערעדט. פלעגט אין אַ זינדיקן דערוואַכן זיין געוויסן און ער פלעגט פילן געוויסנספּיסן און חרטה האָבן אויף זיין שלעכטער טאַט און ער פלעגט זיך מתודה זיין און נעמען אויף זיך מער נישט צו באַגיין קיין עולות, פלעגט פון אים „אַרויספליען״ דער טייוול און „אַריינפליען״ דער געטלעכער גייסט... טאָמער, ווידער, פלעגט זיך אין אים שטאַרקן די תאווה און די שלעכטע אימפּולסן און ער פלעגט זינדיקן, פלעגט פון אים צוריק אַרויספליען דער הייליקער גייסט און צוריק אַריינפליען דער טייוול...

ווען מ'וואַרפט אַראָפּ פון דידאָזיקע גלויבענישן זייער מיסטישן שלייער און מ'גיט זיי זייער געהעריקע פּסיכאָלאָגישע אינטער-פּרעטאַציע, באַקומט זיך, אַז עס זענען געווען אין מענטשן צוויי קעגנזעצלעכע ווילנס-שטראָמען — אַ „גוטער״ און אַ „שלעכ-טער״. פאַר דעם מעטאַפיזיש-איינגעשטעלטן, וואָס האָט אַלץ גע-

זען אין ליכט פון מיסטישע ווערנס, האט געמוזט אויסקומען, אז די גוטע פילעווודיקייט, וואס ער האט עמפינדעט אין זיך, די ליכטיקע עמאציעס, די ליבע־קוואלן, וואס האבן געשלאגן אין אים און וואס האבן אים געשטויסן צו טוגנט און „מעשים־טובים", — דאס אלץ איז געווען גאט אין אים, דער „הייליקער גייסט"; די שלעכטע געפילן, די קנאה־שנאה, די תאוה, נקמה, רשעות, וועלכע האבן אים געשטויסן צו פארברעכן און צו שלעכטס טאן, דאס אלץ איז געווען דער טייוול אין אים.

ווען מיר לאזן דורך די אלע מיסטישע פערזאניפיצירונגען דורך דער פריזמע פון ריין־פסיכאלאגישן אנאליז, דעמאלט צעלויפן זיך די שאטנס און עס בלייבט איבער דאס רעאל־פסיכאלאגישע, וואס הינטער זיי. אט, למשל: ווען א געצנדינער איז ארייגעטראטן אינם קריסטלעכן טויף־וואסער און דער גייסטלעכער האט אים געזאגט, אז אין אים איז ארייין דער „הייליקער גייסט" און אז פון איצט אן דארף ער זיין גוט און פרום, האט דער נעאפיט טאקע געפילט אן איבערברוך. עס האבן אנגעהויבן ארויפקומען אין אים גוטע געפילן; ער האט אנגעהויבן פילן ליבע צו זיינע מיטמענטשן; עס האבן אנגעהויבן פולסירן אין אים א גאנצע מענגע לויטערע עמאציעס, טיף־פארשידענע פון די, וואס ער האט געפילט פריער. ער איז געווארן אן „אנדער מענטש", א נייגעבוירענער. ווען מ'האט אים געזאגט, אז דאס איז דער „הייליקער גייסט", וואס איז ארייין אין אים, האט ער עס אויסגעצייכנט פארשטאנען, ווייל עס איז טאקע געווען א מין הייליקער איבערבייט, וואס איז מיט אים פארגעקומען. דאפגלייכן איז געווען פארקערט, ווען דער רשעותדיקער ווילן פלעגט אין אים אויפטויכן און ער פלעגט אנהויבן האסן און טאן שלעכטס, האט ער פארשטאנען, אז דאס דארף זיין דער טייוול, וואס האט זיך פארנעסטיקט אין אים און מאטערט אים און רעדט אים אן צו אלדאס בייז.

מיר, וואס די ווערטער „הייליקער גייסט" און „טייוול", זענען פאר אונז נישט מער ווי סימבאלן, קאנען בלויז לייקענען אין די סימבאלן; מיר קאנען דאך אבער נישט לייקענען אין די פסיכישע פאקטן, וואס ווערן סימבאליזירט.

דער פאקט בלייבט א פאקט, אז מיטן אקט פון טויפונג, למשל, איז פארגעקומען אן איבערבייט אין דער פסיכיק פון א געגעבענעם מענטשן: א מענטש, וואס איז געווען שלעכט, איז „געווארן" גוט. זאל זיין, אז דאס איז געקומען דורך פארגלויבטקייט און די פאר־גלויבטקייט איז געווען א פאלשע. דער פסיכאלאגישער איבערבייט איז דאך אבער געווען אן אמתער; אין דעם קאנען מיר נישט צווייפלען, און, זיכער, אז ווען עס וואלט נישט געווען קיין מעג־לעכקייט פאר אזא אומבייט פון גייסט, וואלט פארגלויבטקייט גאר־נישט געקאנט אויפטאן. קיינער, למשל, וואלט דאך נישט געווארן קיין געניע בלויז מיט דעם, וואס ער זאל אנהויבן גלויבן, אז א געניאלער געטלעכער גייסט איז אריין אין אים און, יעדער איז יא גוט געווארן, דורכן גלויבן, אז א גוטער געטלעכער גייסט איז אריין אין אים. דאס באווייזט, אז גוטסקייט איז פאראן אין יעדן מענטשן און זי דארף נאר בלויז ארויסגערופן ווערן. דורך דער אילוזיע פון א „הייליקן גייסט" איז זי ארויסגערופן געווארן. פונקט אזוי, מיינען מיר, וואלט גוטסקייט געקאנט ארויסגערופן ווערן דורך אן אנדער באוווסטזיינס־מיטל.

דער אונטערשיד צווישן אונז און דעם גלויביקן באשטייט בלויז אין דעם: דער גלויביקער האט געגלויבט, אז גאט האט אים באשאפן; מיר גלויבן, אז מיר האבן גאט באשאפן פון אונז ארויס; דער גלויביקער האט געגלויבט, אז ער איז געווארן גוט, ווייל גאט איז אריין אין אים און איז געווארן שלעכט, ווייל דער טייוול איז אריין אין אים, און מיר גלויבן, אז דערפאר, וואס דער מענטש האט געהאט אין זיך גוטס און שלעכטס, האט ער אויסגעדענקט די וועזנס פון א גאט און א טייוול. וואלט דער מענטש נישט גע־האט קיין גוטס אין זיך, וואלטן אים קיין צען הייליקע גייסטער נישט גוט געמאכט, ווייל קיין הייליקע גייסטער זענען נישטא, פונקט אזוי זענען נישטא קיין טייוולשע גייסטער. גוטס און שלעכטס זענען פסיכישע רעאליטעטן, פונקט ווי עס זענען רעאַ־ליטעטן די נאטור־דערשיינונגען, וואס זענען פארגעטלעכט גע־ווארן. מיר האבן זיך בלויז געקאנט איבערצייגן אין דער אומ־עקזיסטענץ פון די מיסטישע אילוזיעס, מיר מוזן אבער זיין אי־

בערצייגט, אז אונטער די אילוזיעס איז געשטאנען א ווירקלעכקייט, וועלכע מיר דארפן דערקענען און אויספארשן.

גייען מיר אזוי צו צו רעליגיע, דאן איז רעליגיע פאר אונז אן אוצר פון פסיכאלאגישער דערקענטעניש. אונז אינטערעסירט באזונדער די קאנטראסטירנדיקע דואליטעט, וואס קומט אזוי בולט צום אויסדרוק אין רעליגיע און וועלכע דערווייזט אונז מיט א באַזונדערער קלארקייט די טאפלטקייט פון דעם מענטשנס נאטור. אויב פסיכישע דואליטעט איז, ווי מיר האבן געזאגט, דער בולטסטער שטריך אין דער מענטשלעכער קולטור בכלל, איז עס אין רעליגיע א סך מער בולטער. אן קאנפליקט פון גוטס און שלעכטס, אן געראנגל פון ליכטיקייט און פינסטערניש, אן קאמף פון ליבע און האס, האט רעליגיע לחלוטין קיין זינען נישט.

אונטער קיין שום קולטור־פארם איז נישט אזוי לייכט צו דערקענען דעם מענטשן, צו וויסן, וואס איז דער מענטש, ווי אונטער רעליגיע. קודם דערפאר, וואס רעליגיע האט זיך אראפגעלאזט אזוי טיף אין מענטשן; דורך רעליגיע האט דער מענטש געמאכט די טיפסטע עקסקורסיעס אין זיך אריין. דער שטארקסטער זעלבסט־אנאליז, די טיפסטע אינטראספעקציע, „הסתכלות הנפש" און זעלבסטבאאבאכטונג — איז געוועזן דער וועג צו לויטערונג און „שלימות". צווייטנס, די קלארע בילדער־ און סימבאלןשפראך, וואס רעליגיע האט באנוצט אויף צו באצייכענען אלע דערשיינונגען אינעם מענטשנס גייסט.

מיר קאנען היינט גאר קיין באגריף נישט האבן וועגן דעם, וואס די מענטשהייט האט געפילט אונטער רעליגיע; וויפל אומענדלעכע קוואלן פון קרישטאל־ריינער ליבע און איידעלער, הערלעכער פרומקייט דאס מענטשלעכע הארץ האט פון זיך ארויסגעגעבן! ווי וואלט דען די מענטשהייט גענומען כוח דורכצומאכן אזויפיל ליידן, אזויפיל פיין, אזויפיל פארקנעכטונג און אונטערדריקונג, ווען נישט דאס, וואס דורך רעליגיע האט זי געהאט א מעגלעכקייט ארויסצוברענגען פון זיך דעם מאקסימום ליבע, פרייד און גליק. אן אינערלעך ליכט האט ארויסגעבלענדט פון מענטשן און אים באלויכטן דעם פינסטערן דערנער־וועג פון זיין

געשיכטע. צי ווייסן מיר דען היינט, וואָס דער מענטש האָט גע־פילט בעת אַ ריינע תפילה פלעגט זיך אַרויסרייסן פון זיין האַרץ צו גאָט; בעת ער פלעגט קומען תשובה טאָן און חרטה האָבן אויף די באַגאַנגענע עולות! צי ווייסן מיר דען היינט דעם זיסן תענוג, די לויטערקייט פון געמיט און די שטילע, לירישע פרייד, וואָס עס האָט געבראַכט די מענטשן אַ יום־טוב און אַ שבת! אין דער רעליגיעזער עפּאָכע האָט די מענטשהייט געלעבט אין פּאַר אונז אומבאַקאַנטע געפילס־וועלטן. דאָס גאַנצע לעבן איז געווען באַ־לויכטן מיט אַ העל־שימערירנדיקער זון. אמת, אַ סך, גאָר אַ סך נע־גאַטיוום איז געווען אין רעליגיע. דאָך, דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט, אַז די אידעע פון אַן אומענדלעך־ליבנדיקער גאָטהייט איז געווען דאָס טיערסטע ביים מענטשן דורך יאָרטויזנטער, הייסט עס, אַז די ליבע איז געווען און איז דאָ אין מענטשן, ווייל ווען נישט, וואָלט עס קיין אידעע נישט געקאָנט באַשאַפן אין אים און עס וואָלט גאָר לכתחילה אַזאַ אידעע נישט אויפגעקומען.

III

זינט דער מענטש איז מענטש געוואָרן, שרייט פון אים אַרויס אַ שטים פון ליבע און גערעכטיקייט. מענטש־ווערן מיינט טאַקע דאָס, עס מיינט, אַז אין זיין סאַמע יסוד איז אַריינגעקנאָטן געוואָרן אַ לייכטנדיקער גייסט־עלעמענט, וואָס שטויסט אים צו גוטס, וואָס שטויסט אים צו חבר־ליבע און גערעכטיקייט.

דער מענטש האַלט זיך אין איין ראַנגלען מיט זיך אַליין. ער וויל זיך בייקומען, ער וויל זיין בעסער פון זיך אַליין. דאָס, וואָס שטויסט דעם מענטשן צו ראַנגלען זיך מיט זיך, צו וועלן זיין אַנדערש ווי ער איז, איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ צווייטער זיין. אונטער דעם זיין פון דער הויך, איז פאַראַן אַ זיין פון אונטן. דער מענטש איז צוויי אין איינס.

ווו איז דען פאַראַן אַ מענטש, וואָס זאָל נישט האָבן שעהן פון טיפער ליבשאַפט? ווו איז דען פאַראַן אַ מענטש, וואָס זאָל אין געוויסע מאָמענטן נישט פול ווערן מיט באַדויער אויף דער

שלעכטסקייט פון זיין לעבן און זאָל נישט פילן אַ באַדערפעניש צו טאָן אַ גוטע טאַט, וואָס זאָל אים טרייסטן, באַרואיקן און מוטיקן, ווי איז דען פאַראַן אַ מענטשן־האַרץ, וואָס זאָל זיין אַבסאָלוט אויסגעליידיקט פון ליבע, אַזוי, אַז קיין זאַך, וואָס איז ריין און אומשולדיק, זאָל עס נישט רירן און מאַכן אין דעם אַ וויבריר־טאָן אַ סטרונעלע פון גוטס, ווי איז צו געפינען אַ מענטשלעכע נשמה, וואָס זאָל זיין דורך און פינסטער און עס זאָל אַפילו קיין איין ליכטיק פּעדעמל נישט זיין פאַרוועבט אין איר? נישטאָ אַזעלכע!

נישט גערעכט זענען יענע פּעסימיסטישע דענקער, וואָס זעען אין מענטשן בלויז אַ חיה־רעה. ניין, דער מענטש איז אויך גוט. די פּעסימיסטישע פילאָזאָפן אורטיילן צו איינזייטיק, פונקט ווי עס אורטיילן צו איינזייטיק די אָפּטימיסטן, וואָס זעען דעם מענטשן בלויז אַלס צדיק. דער מענטש איז אי צדיק, אי רשע. ער איז אַזעלכער נישט דורך געדאַנק און באַוווסטזיין און אויך נישט דורך גוטע אָדער שלעכטע אומשטענדן. ער איז אַזעלכער מיט זיין וועזן. ווען דער מענטש וואָלט געווען בלויז שלעכט, וואָס פאַרא זינען וואָלטן געהאַט די אַלערליי מאָראַלישע גערעדערייען, מיט וועלכע אונזער געשיכטלעך לעבן איז אָנגעפילט? זאָל שוין אַפילו זיין, אַז זיי זענען פאַלשע און געמאַכטע, איז דאָך שוין דאָס אַליין, וואָס מ׳זוכט נאָכצומאַכן און אַרויפציען אויף זיך אַ מאַסקע פון גוטסקייט און פרומקייט, אַ באַווייז, אַז גוטסקייט און פרומקייט האָבן אַ ווערט. קיינער וועט דאָך נישט זוכן זיך אַרונטער־צושטעלן אונטער אַן אָפּשטויסנדיקער מאַסקע און נאָכמאַכן זאַכן, וואָס מען שאַצט־גרינג און מ׳פאַראַכטעט.

וואָלט דער מענטש געווען בלויז שלעכט, וואָלט אַפילו דער בלויזער געדאַנק פון אַ גוט לעבן אים נישט געקומען אין קאָפּ אַריין. אַזאַ געדאַנק וואָלט אים געווען אָרגאַניש פרעמד און זיין שכל וואָלט אים נישט דערפונדן.

וואָלט דער מענטש נאָרנישט געהאַט קיין גוטס אין זיך, וואָלט אויסגעקומען, אַז זיין זעלבסשטענדיק מאָראַליש שטרעבן איז אומנאַטירלעך. ווי קאָן אַ באַשעפעניש, דורך טויזנ־

מער יאָרן, זיך פאַרליגן אויף זיך אַליין און ווען דוקא לעבן קעגן דער אייגענער נאַטור? דאָס וואָלט געהייסן, אַז די מענטש־הייט פּלאָנטערט זיך אין אַן אײביקן אומזין!

ס׳איז נישט אַזוי. מיט דעם אומאויפהערלעכן שטרעבן צו גוטס, קעמפט דער מענטש נישט קעגן זיין נאַטור, נאָר פאַר זיין נאַטור, דאָס איז ביי אים אַן אומאויפהערלעך רייסן זיך נישט פון זיך, נאָר צו זיך. יעדעס באַשעפעניש איז אָנגעפילט מיט שטרעבן צו זיין דאָס, וואָס עס איז, און נישט צו זיין דאָס, וואָס עס איז נישט. אויב ביים מענטשן איז געמאָלט צו רעדן וועגן אַז „אַנטלויפן פון זיך אַליין", איז עס נאָר דערפאַר, וואָס דאָס מיינט, אַנטלויפן פון איין „זיך אַליין" און לויפן צו אַ צווייטן „זיך אַליין". אויב דער מענטש קאָן זיין אי גוט, אי שלעכט, מיינט דאָס נישט, אַז ער קאָן זיין אי נאַטירלעך, אי אומנאַטיר־לעך, נאָר עס מיינט, אַז ער קאָן זיין אי לויט איין נאַטור זיינער, אי לויט דער צווייטער. אין ביידע פאַלן איז ער נאַטירלעך.

IV

שוין באַלד דריי טויזנט יאָר, ווי מיר זעען אין דער געשיכ־טע פאַרקומען אַ כסדרדיקן אָנדראַנג פון עטישע באַוועגונגען. אין אַלע וועלט־טיילן, אונטער די פאַרשידנסטע תנאים, אַן אונטערשיד פון ראַסע און שפּראַך. אַט איז עס קאָנפוציאַניזם, אַט מאַזדאַיזם, אַט בודיזם, אַט אַנטיקע מאָראַל־פילאָזאָפיע, אַט קריסטנטום, אַט הומאַניזם, אַט סאָציאַליזם. דער תמצית פון אַט דידאָזיקע אַלע באַוועגונגען איז איין און דערזעלבער. אַלע האָבן זיי געוואָרפן איין און דיזעלבע לאָזונג: „ליב דיין חבר ווי זיך אַליין!" דידאָזי־קע אַלע באַוועגונגען זענען, א י ן ג ײ ס ט, אַזוי אידענטיש, אַז זיי זענען נישט קיין סך באַוועגונגען, נאָר איין לאַנגע, אומאונ־טערבראָכענע באַוועגונג, וואָס האַלט זיך, ביי פאָרמעל־געענדערטע וואַריאַציעס פון צייט און אָרט, אין איין איבערחזרן אַלע מאָל פונדאָסניי. אַט ליידט זי אַ דורכפאַל דאָ און אַט שטייט זי שוין אויף ערגעץ אַנדערש; אַט ווערט זי אָפּגעשוואַכט אין איין גע־

שיכטלעכער תקופה, אונטער איין פאָרם, און אַט שטייט זי אויף א נייע און א געשטאַרקטע אין אַן אַנדער געשיכטלעכער תקופה, אונטער אַן אַנדער פאָרם. אַלע מאָל מיט מער באַוווּסטזיין, אַלע מאָל מיט מער קלאָרן געראַנק, מיט מער ניכטערקייט און בעסער באַגרינדעט.

האָט נישט דידאָזיקע קאָנסטאַנטע און אומאויפהערלעכע עטי־שע טענדענץ, וואָס באַהערשט די גאַנצע געשיכטע, קיין שום באַ־דייטונג? דאַרף נישט די סאָציאַלע וויסנשאַפט זיך מיט דעם רע־כענען און מאַכן דערפון די נעהעריקע אויספירן? זאָל זיין, אַז עס גייט בלויז וועגן שטרעבונגען צו גוטס, זענען דאָך שטרעבונ־גען אויך א פאַקט, וואָס באַדייט עפּעס און שטרעבונגען זענען דאָך פאַראַן אַזויפיל! שוין בלויז דאָס, וואָס מיר האַלטן אין איין אָנווייזן אויפן פאַרלאָפּענעם שלעכטס, איז א באַווייז, אַז מיר זע־נען אויך גוט, מחמת ווען עס וואָלט קיין גוטס נישט געווען, וואָלט דאָס שלעכטס נישט שאָקירט, ווען עס וואָלט קיין גוטס נישט גע־ווען, וואָלט קיין שלעכטס נישט געווען, וואָרום פון וואַנען וואָלטן מיר דען געוווּסט, אַז ס'איז שלעכטס? ווייסן מיר, אַז ס'איז פאַראַן שלעכטס, איז א סימן, אַז ס'איז פאַראַן דער קעגנזאַץ דערפון — גוטס.

ווייל מען זיין ערלעך און אָביעקטיוו און קוקן די פאַקטן אין די אויגן אַריין, מוז מען, טראָץ דאָס גאַנצע נעגאַטיווע, וואָס איז פאַראַן אין איר, דורכגענומען ווערן מיט אַן עטישן באַוווּסטזיין פון דער געשיכטע. אויב מיר קאָנען, פון איין זייט, איינזען אַן עקשנותדיקע אַנהאַלטונג פונם שלעכטס, קאָנען מיר, פון דער צווייטער זייט, איינזען א נישט ווייניקער עקשנותדיקע אַנהאַל־טונג פון דער טענדענץ צו גוטס. נישט מער, די עטישע טענדענץ פון דער געשיכטע איז נאָך אַלץ נישט ווי געהעריק איז באַנומען געוואָרן און עס זענען נאָך נישט געצויגן געוואָרן דערפון די גע־העריקע שלוסן אויף להבא.

מען דאַרף די אַלע עטישע קולטור־באַוועגונגען, סיי די רע־ליגיעזע, סיי די וועלטלעכע, אויסטאָן פון זייערע צייטלעך־אָרט־לעכע לבושים און פון זייער טעותדיקער גערעכטלעכקייט און זיי

צוריקפירן צו רייגעם גייסט. דעמאָלט וועלן מיר זען, אַז זיי אַלע זענען איין און דיזעלבע זאַך. ערלעכע יידישקייט, ערלעכע קריסט־לעכקייט, ערלעכע פרומקייט, ערלעכע מאָראַל, ערלעכע פילאַנטראָ־פּיע, ערלעכער הומאַניזם און אַזוי ווייטער און ווייטער, זענען נישט מער ווי פאַרשידענע אויסאַרבעטונגען פון איין און דעמ־זעלבן גייסט. אַלע גוטסקייטן זענען געשמאָלצן פון דעמזעלבן גאָלד, כאָטש נישט אַלע אין דערזעלבער פאָרם און נישט אַלע האָבן אין זיך דיזעלבע מאָס פון דעם פּרעכטיקן מעטאַל.

עס איז באמת נישט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די עטישע טענדענץ פון דער געשיכטע, ווי בכלל מאָראַל, זענען ביז איצט נאָך נישט קיין שטרענג־וויסנשאַפטלעכע אמתן. פאַרוואָס זענען די כוחות, וואָס שטראָמען אינם שטאָף פון אַלע ברואים יאָ קעגנשטאַנד פאַר פּרעציזער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און נאָר בלויז די כוחות, וואָס שטראָמען אין מענטשן, זענען אַ קעגנ־שטאַנד פאַר ענדלאָזע פּילפּולים און מיספאַרשטענדענישן? פאַר־וואָס זענען די ספּעציפיזירטע קרעפטן פון כעמישע עלעמענטן יאָ אָביעקטן פאַר וויסנשאַפט און די ספּעציפיזירטע קראַפט, וואָס שטראַלט ארויס פונם מענטשנס עלעמענט, איז עס נישט?... מאָ־ראַל איז, פריער פון אַלץ, פּ ס י כ אָ ע נ ע ר ג י ע, גייסט און קראַפט. פּונקט ווי יעדעס באַשעפעניש אין דער נאַטור האָט זיך זיין ספּעציפיזירטע קראַפט און כאַראַקטער, אַזוי איז מאָראַל דעם מענטשנס קראַפט און כאַראַקטער. פאַרוואָס איז די ענערגעטישע זייט פון אַלע באַשעפענישן יאָ אַן ענין פאַר עקזאַקטער פאָרשונג און וויסנשאַפטלעכער דעפיניציע, נאָר דעם מענטשנס ענערגעטי־שער זיין איז אַן ענין פאַר גרינגשעצונג און ביטול? רעדן מיט גרינגשעצונג, אָדער נאָר פאַרלייקענען מאָראַל, ווייזט אונז אויס נישט קליגער, ווי גרינגשעצן אָדער פאַרלייקענען וועלכע עס איז קאָסמישע כוחות, גראַוויטאַציע און עלעקטריציטעט, למשל. דאָס יאָ, די פאַרווירקלעכונג פון דער מאָראַלישער נאַטור אין לעבן, איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, ווייל זי האָט אַלס שטאַרקערן קעגנגע־וויכט די אַנימאַלע נאַטור. איז דערדאָזיקער נשמה־דואַליזם אַ שווער סאָציאַל פּראָבלעם. די שווערקייט באַשטייט אין דעם: ווי

אזוי מאכט מען, אז די מאראלישע נאטור זאל נעמען די אויבער־האנט איבער דער אנימאלער. צו דער עצם דערשיינונג אבער פון מאראל האט עס קיין שייכות נישט. ווען אפילו די מאראלע נא־טור ווערט באזיגט פון דער אנימאלער, איז זי, די מאראלע נאטור, פארט פאראן. באזיגט ווערן מיינט נישט אויפהערן צו זיין.

פונדעסטוועגן, צוליב די טעותדיקע אויסטייטשונגען פון די ווערטער מאראל און עטיק, ווי אויך צוליב דער היפאקריטסטווע און פאלסיפיקאציע פון מאראל און עטיק, וואס האט געבראכט דערצו, אז מ'זאל די ווערטער פיינט קריגן און זיי אויסשפאטן, וואלט כדאי געווען זיי צו פארבייטן מיט מער אנטשפרעכנדיקע און וויסנשאפטלעכע טערמינען. דאס בעסטע וואלט געווען, ווען רעדנדיק וועגן מענטשנס גייסט, וואלט מען באנוצט אזעלכע פינקטלעכע אויסדריקן, ווי: פאזיטיווע פסיכאענערגיע און נעגאטיווע פסיכאענערגיע. דאס ערשטע זאל בא־צייכענען די עטישע נאטור פון מענטשן און דאס צווייטע — די ראציאאנימאלע נאטור פון מענטשן. מיטן דאזיקן פינקטלעכן בא־צייכענען מאראל וואלטן אוועקגעפאלן אלע טעותן, וואס זענען וועגן מאראל געמאכט געווארן. עס וואלט אוועקגעפאלן דער מע־טאפיזישער טעות, וואס האט ארויסגענומען די מאראל פון מענטשן און עס אריינגעזעצט אין גאט. עס וואלט אויך אוועקגעפאלן דער פארמאליסטישער טעות, לויט וועלכן מאראל איז א קאמ־פלעקס קארעקטע אויפפירונגען, וואס בייט זיך לויט ארט און צייט, ווי די פרויען־מאדע. אויך: ווען עס וואלט געווען א רייד פון א פאזיטיוון און א נעגאטיוון גייסט, וואלט שטענדיק געווען אין באוווסטזיין דער קאמף פון די קעגנזעצלעכע כוחות אין מענטשן און דאס וואלט מיטגעהאלפן צום נצחון פון די גוטע כוחות איבער די שלעכטע.

V

סאציאליזם איז דער קאנסעקווענטסטער אויסוועג פאר אונזער עטישער נאטור; סאציא־

ליזם איז די פולשטענדיקסטע און אַלזייטיקסטע אויסשעפונג און
פאַרווענדונג פון אונזער מענטש־גייסט. אַלע גוטע באַוועגונגען פון
פריער האָבן געליטן פונם פעלער, וואָס זיי האָבן אונזער מאָראַלי־
שע נאַטור נישט פאַרשטאַנען און האָבן איר נישט ריכטיק אָנגע־
ווענדט אין לעבן. די מאָראַלישע רעליגיעס, למשל, כאָטש זייער די־
רעקטע אינספּיראַציע איז געקומען פון מאָראַלן גייסט, האָבן זיי
אָבער געמאַכט דעם טעות, וואָס געדאַנקלעך האָבן זיי זיך באַ־
ווענט אין אַ מעטאַפיזישער ספערע. די גוטע פילבאַרקייט איז פאַר־
טייטשט געוואָרן אַלס אַ טייל פון גאָט אין אונז. א ו נ ז ע ר גוטס
איז איבערגעפירט געוואָרן אין אַ באַרמהאַרציקער גאָטהייט. האָט
עס פּאַסירט, אַז דאָס גוטס, דער תמצית, איז אויסגערונען און די
געטלעכע אילוזיע איז געבליבן. גאָט, דער „אל רחום״, האָט גאָ־
געקאָנט ווערן דער גאָט פון אינקוויזיציעס און אויטאָדאַפעען,
גאָט, וואָס איז, אייגנטלעך, געווען נישט מער, ווי די אידעאַלע
פערזאָניפיקאַציע פון אונזער עטישן איך, האָט זיך אָנגעהויבן
אויסליידיקן פון זיין אָריגינעלן, אויטענטישן אינהאַלט און איז
געבליבן בלויזע פאָרם, בלויזע קליפה. צווייטנס, איז זייער סאָ־
ציאָלאָגיע געווען אַ פּרימיטיווע. זיי האָבן נישט געוווסט, נישט
דעם אורשפּרונג און נישט די אַנטוויקלונג פון אונזער געזעל־
שאַפטלעכן סדר. פאַר זיי איז די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג געווען
אַ „חוק ולא יעבור״. דעריבער האָט ביי זיי די עטישע נאַטור גע־
ווירקט נישט מער ווי צו הייסן מילדערן די סאָציאַלע שלעכטס.
ערשט איצט, ווען מיר זענען בכוח זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין
אונזער געזעלשאַפט; ווייסן איר אורשפּרונג און אָפּשטאַם; ווייסן
איר סטאַטיק און דינאַמיק; ווייסן, פאַרוואָס זי איז אַזוי ווי זי איז
און ווי אַזוי זי קאָן און דאַרף זיין אַנדערש, ערשט איצט זענען
מיר בכוח צו געבן אונזער עטישע נאַטור איר טאָטאַלע אויסוויר־
קונג און פאַרווענדונג — דאָס איז דער סאָציאַליזם.

געשאַצט פון שטאַנדפּונקט פון אוממיטלבאַרער גייסטיקייט,
איז סאָציאַליזם געווען דער מהות פון אַלע עטישע תורות, פון אַלע
פילאַנטראָפּישע געבאָטן און הומאַניסטישע כללים, פון אַלע אַל־
טרואיסטישע פּרינציפּן און מאָראַלישע נאָרמען. זיי אַלע קאָנען

אָנגערופן ווערן „פּרימיטיווער סאָציאַליזם", פּרימיטיוו, נישט אין גייסט, נאָר אין דער אידעע. די שטויסקראַפט פאַר די אַלע איז דיזעלבע, וואָס פאַרן סאָציאַליזם, דאָס, וואָס טיילט אָפּ דעם סאָציאַליזם פון די ערשטע, איז נאָר די הויכע שטופע פון סאָציאַלער געדאַנקלעכקייט, וואָס קומט אין אים צום אויסדרוק און די קאָנסעקווענטע פאַרווענדונג פון אונזער עטישן זיין.

אזוי ארום באַקומען מיר אַן עטיש־געשיכטלעכע באַזע פאַרן סאָציאַליזם. אויב אַפילו געדאַנקלעך האָט די סאָציאַליסטישע אידעע געפעלט, איז אָבער דער סאָציאַליזם געווען אין אַלע עכטע קולטור־באַוועגונגען, אַלס אומדעפינירטער תוך. סאָציאַליזם איז א היסטאָרישע אומפאַרמיידלעכקייט. די מענטשהייט וועט זיך מער קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון סאָציאַליסטישע שטרעבונגען. די סאָציאַליסטישע אידעע וועט בלייבן אויף שטענדיק פאַרוואָרצלט אין איר, ווייל דאָ גייט נישט בלויז אין קיין אידעע, נאָר דאָ גייט אין אונזער גוטער נאַטור, וואָס קריגט אַ פולע פאַרענטפערונג אין סאָציאַליזם. סאָציאַליזם איז אויסגעקריצט אין אונזער וועזן. ווי קאָן עס זיין, אַז מיר זאָלן פאַרגעסן אין זיך אַליין! ווי איז עס דענקבאַר, אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן צו זיין, וואָס מיר זענען!...

דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם איז דער קאַמף פונם מינ מענטש זיך אויסצולעבן אין דער טיפערער פריהייט פון זיין נשמה. טויזנטער יאָרן זוכט דער מענטש זיין וועג צו זיך. זינט ער איז געוואָרן אַן עטיש באַשעפעניש און ער האָט דערהערט אין זיין בלוט דעם געשריי פון ליבשאַפט, האַלט ער אין איין זוכן מיטלען, ווי אַזוי דערמאָזיקן געשריי איינצושטילן און אויסצולעבן. אַלע מאָל האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין אַן אַנדער אילוזיע און געמיינט, אַז דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צו זיין עטישער פאַרווירקלעכונג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט די זענען געווען די געזוכטע וועגן. ביז ענדלעך האָט דער מענטש דעם ריכטיקן וועג יאָ געפונען, — ער האָט געפונען דעם סאָציאַליזם. וועט שוין דער מענטש פון דעם וועג מער נישט אָפּטרעטן! האָט

זיין ערשטער פּרוּוו צו באַטרעטן דעמדאָזיקן דעמגעטלעכן וועג געמענט זיין א פּעלערהאַפטער — וועט ער אָבער פון אים שוין מער נישט אוועק.

פאַלש און אומזיסט זענען די האָפענונגען פון די אידעאָלאָגן און פּאַרטיידיקער פון דער איצטיקער היהשער געזעלשאַפט, אַז זי וועט שטענדיק בלייבן, אַז סאָציאַליזם איז אַן אוטאָפּיע, אַ חלום, וואָס קאָן נישט פאַרווירקלעכט ווערן. סאָציאַליזם וועט יאָ פאַרווירקלעכט ווערן! סאָציאַליזם איז נישט קיין אוטאָפּיע און קיין חלום; סאָציאַליזם איז אונזער טיפסטע מענטש־ווירקלעכקייט, אַ סך אַ טיפערע, ווי די ראַציאָ־היהשע, אויף וועלכער עס באַזירט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט.

פאַלש און אומזיסט זענען די פאַרמעסטונגען פון די הארן און הערשער פון דער איצטיקער וועלט אומצוברענגען דעם סאָציאַליזם. דאָס פאַרמעסטן זיי זיך אומצוברענגען אונזער נאַטור. נאַטור קאָן מען נישט אומברענגען. א ו נ ז ע ר ג א נ צ ע געשיכטע איז אַ באַווייז דערפון, אַז דער עטישער דראַנג פון דער מענטשהייט איז אומבאַזיגבאַר. נישט מער, דאָס, וואָס האָט שטענדיק געהייסן מענטשן־ליבע, מאָראַל, יושר, פילאַנטראָפּיע און אַזוי ווייטער, דאָס אַלץ וועט אין דער צוקונפט זיך קאָנצענטרירן אין איין וואָרט: ס אָ צ י א ל י ז ם.

אין דער אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם, סיי אין די וועגן און מעטאָדן, ווי אַזוי אים צו דערגרייכן, האָבן מיר געמאַכט גרויסע פעלערן. הויפּטזעכלעך דערמיט, וואָס מיר זענען אוועק זוכן דעם סאָציאַליזם דאָרט, ווו ער איז נישטאָ און געמאַכט פאַר זיינע הויפּט־טרעגער אַזעלכע, וואָס זענען עס נישט. די אמתע טרעגער זיינע האָט מען פאַרטריבן...

דאַרפן מיר די געמאַכטע טעותן פאַרריכטן. אונזער לאָזונג דאַרף ווערן: צ ו ר י ק צ ו ם ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ן ק ו ו א ל א י ן א ו נ ז! די סאָציאַליסטישע אידעע האָט דער מענטש ארויסדערפונדן פון זיך ארויס און דורך זיך דאַרף ער איר פאַרווירקלעכן.

די באַזע פון עטישן סאָציאַליזם איז: — אַנטקעגנשטעלן דער „קאַפּיטאַליסטישער נאַטור" אין מענטשן די „סאָציאַליסטישע נאַטור" אין אים און אַזוי אַרום צוגיין בויען דאָס נ י י ע ל ע ב ן.

מיר זאָגן דאָס „נייע לעבן" נאָר אויס שפּראַכלעכער געוווינהייט, ווייל אין דער אמתן פּאַסט דאָ גאָרנישט דאָס וואָרט „נייע" אַזעלכע ווערטער, ווי: „ניי לעבן", „נייער מענטש", „נייער גייסט" א. א. וו., זענען נישט מער ווי מליצה־ווערטער. שטרעבן אין תוך צו אַ נייעם מענטש און צו אַ נייעם גייסט, וועלכע זענען נאָך נישטאָ, קאָנען מיר נאָרנישט. ווי שוין פיל מאָל געזאָגט, זענען מענטש און גייסט זאַכן, וואָס די נאַטור באַשאַפט אין משך פון גאָר־גאָר לאַנגע צייט־פּעריאָדן און עס וואָלט געווען אַן אַבסורד, אַז מיר זאָלן פאַרנעמען צו שטרעבן צו אַ זאַך, וואָס איז נאָך נישט באַשאַפן.

די אַלע אויסגעדאַכטע „נייעסן" זענען שוין גאָר קיין נייעסן נישט. דער אַזוי־גערופענער נייער גייסט און נייער מענטש, זענען שוין לאַנג באַשאַפן. אַלץ, וואָס עס פעלט, איז זיי אַרויסצולאָזן פון דער אינערלעכער עקזיסטענץ אין לעבן אַריין.

אַלע אונזערע שטרעבונגען פאַר דער צוקונפט, ווי פאָלקאָם, ווי אידעאַל, ווי הויך און לויטער זיי זאָלן נישט זיין, זענען נישט קיין שטרעבונגען צו עפּעס נייס, וואָס איז נאָך גאָרנישט פאַראַן, נאָר זיי זענען נישט מער, ווי דראַנג צו עקסטעריאָריזאַציע, צו זעלבסטפאַרווירקלעכונג. שוין דער בלויזער פאַקט, וואָס מיר שטרעבן צו עפּעס, באַווייזט, אַז דאָס, צו וועלכעס מיר שטרעבן, איז אונז נויטווענדיק, דאָס מיינט, איז אָנגעצייכנט אין אונז. צו אַזעלכעס, וואָס איז אונז אַבסאָלוט אומבאַקאַנט, צו וועלכעס אונזער וועזנטלעכקייט איז אינדיפערענט, צו דעם קאָנען מיר נישט שטרעבן.

נישט קיין נייעם מענטש און נישט קיין נייעם גייסט ווילן מיר באַשאַפן. מיר ווילן דעם „נייעם מענטש" און דעם „נייעם גייסט", וואָס איז שוין זייער אַלט אין אונז, אַרויסלאָזן פריי אין לעבן אַריין. דערצו איז נישט נויטיק צו וואַרטן אויף קיין שום עוואָלוציעס, אויף קיין שום העכערע מדרגות פון פאָלקאָמענהייט, צו

װעלכע מיר דאַרפֿן נאָך דערגרייכן. סאָקראַטעס און יעזוס, למשל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, זענען שוין געשטאַנען אויף דער העכ־סטער מדרגה פֿון שלימות, וואָס קאָן נאָר זיין.

נישטאָ וואָס צו וואַרטן, אַז דער מענטש אין זיך, װעזנטלעך, זאָל ווערן בעסער אָדער ערגער, ווי ער איז. די מענטשן, אַזוי ווי זיי זענען, אַזוי וועלן זיי שוין בלייבן ווער ווייס ביז ווי לאַנג. דאָס, וואָס מיר ווילן, איז, נישט מאַכן דעם מענטשן בעסער, ווי ער איז, נאָר אַרויסברענגען דאָס גוטע, וואָס איז שוין פאַראַן אין אים. מיר זאָגן, אַז דער מענטש, ווי ער איז, איז ביכולת, איז צוגעגרייט און רייף צו פֿירן אַ בעסער לעבן, ווי דאָס, וואָס ער פֿירט. עס פֿעלט בלויז, מ׳זאָל עס אָנ־הויבן איינצואָרדענען.

אַז דער מענטש וועט נישט בעסער ווערן נישט אין קומענ־דיקן דור, נישט אין צווייטן און נישט אין דריטן, זעען מיר דער־פֿון, וואָס ער איז נישט בעסער געוואָרן פֿון אָנהויב געשיכטע ביז היינט.

מ׳קאָן אָנווייזן, אַז אין געוויסע תקופות, אונטער בעסערע אומשטענדן, זענען די מענטשן בעסער און אין אַנדערע תקופות, אונטער ערגערע אומשטענדן — ערגערע; דאָס מיינט אָבער נישט, אַז זיי ווערן בעסער אָדער ערגער אין זיין, נאָר עס מיינט, אַז עס ווערט אַרויסגעבראַכט דער ערגערער אָדער בעסערער טייל פֿון זיין זיין. פּונקט ווי דער יחיד קאָן ווערן פֿאַרביטערט און בייז אונטער שלעכטע אומשטענדן און קאָן ווערן פֿרידלעך, אויפֿגע־לייגט און גוט־געשטימט אונטער גוטע אומשטענדן, אַזוי קאָן דאָס אויך ווערן דער כלל. די מענטשהייט קאָן דורכמאַכן גערדריקטע סיטואַציעס און ווערן בייז, פֿאַרביטערט און טראַציק. דאָס אַלץ בייט זיך, אָבער, אַזוי גלייך, ווי די געדריקטע לאַגע גייט פֿאַרביי. צייטן פֿון קריזיס און רעאַקציע קאָנען באַצייכנט ווערן ווי קאַ־לערישע תקופות אין דער געשיכטע, וואָס ווערן פּראָוואָצירט פֿון די צרהדיקע אומשטענדן פֿון דער געגעבענער צייט. די דאָזיקע תקופות זענען אָבער אומנאָרמאַלע. כעס און צאָרן זענען נישט קיין

נאָרמאַלע צושטאַנדן, נישט ביים יחיד און נישט ביים כּלל, נאָר־מאָל איז נישט צו זיין אין כעס.

מיט אַנדערע ווערטער קאָן עס אויך הייסן אַזוי: די פּעריאָ־דישע אומבייטן, וואָס מיר זעען אין דער געשיכטע: אַמאָל אַ תקופה פון רעאַקציע און רשעות, אַמאָל, ווידער, אַ תקופה פון מאָראַלישן דראַנג און עטישע אידעען, זענען נישט מער, ווי נאָר אויפשוווּנגען פון דעם מענטשנס אַנימאַלער אָדער מאָראַלישער נאַטור. אַזוי, למשל, איז דער פאַריקער יאָרהונדערט געווען — לכּל הפּחות אידעאָלאָגיש — דער יאָרהונדערט פון אונזער מאָ־ראַלישער נאַטור. דער הייַנטיקער יאָרהונדערט, אין קעגנטייל, שיינט צו זיין דער יאָרהונדערט פון אונזער אַנימאַלער נאַטור. מירן דאָך נישט זאָגן, אַז דער מין מענטש איז פון 19־טן ביזן 20־טן יאָרהונדערט געוואָרן מאָראַליש דעגענערירט און אַז הייַנט ווערן געבוירן ערגערע אינדיווידן ווי מיט אַ דור צוריק...

## VI

ביז איצט האָט מען מענטשן קלאַסיפיצירט לויט אַלץ, וואָס איר ווילט: לויט קלאַס און שטאַנד, לויט ראַסע און פאָלק, לויט גלויבן און אידעאָלאָגיע, לויט בילדונג און קענטעניש א. אַ. וו., נאָר לויט זייערע נשמות האָט מען די מענטשן נישט קלאַסיפי־צירט. מען דאַרף די נייע קלאַסיפיצירונג איינפירן.

ווען מיר רעדן פון אַ געוויס פאָלק און מיר באַווייזן זיינע שלעכטע אייגנשאַפטן אַלס אַזעלכעס, וועלן מיר שטענדיק זיין רעזערווירט אין אונזער קריטיק און צוגעבן, אַז אין גאַנצן גענומען פאָלק זענען פאַראַן אויך גוטע. עס באַקומט זיך, אַז געשאַצט די מענטשן אונטערן נאַציאָנאַלן קוק, זענען אין יעדן פאָלק פאַראַן גוטע, וואָס אפילו קעגנער זענען עס מודה. דאָסזעלבע בנוגע קלאַס: יעדער, וואָס וועט רעדן וועגן די שלעכטע אייגנשאַפטן פונם רייכן קלאַס, וועט צוגעבן, אַז עס זענען פאַראַן גוטע מענטשן צווישן דעם רייכן קלאַס אויך. אַן אַנדערער, וואָס וועט רעדן וועגן די שלעכטע אייגנשאַפטן פון אָרעמען קלאַס, וועט פונדעסטוועגן

צוגעבן, אז עס זענען פאראַן גוטע מענטשן אויך צווישן די אָרע־מע. א דריטער, וואָס וועט רעדן וועגן די שלעכטע אייגנשאַפטן פון מיטלקלאַס, וועט לאָזן א סך פּלאַץ פאַר גוטע אין דאָזיקן קלאַס. עס באַקומט זיך, אַז געשאַצט די מענטשן אונטערן קלאַסן־קוק זענען פאראַן גוטע אין יעדן קלאַס, וואָס אפילו קעגנער אָנער־קענען עס. דאָסזעלבע אויך וואָס שייך דערציאונג און געלערנזאַמ־קייט. די, וואָס שטעלן זיך איין דערפאַר, אַז בילדונג איז א מיטל גוט צו מאַכן דעם מענטשן, וועלן, פונדעסטוועגן, מוזן צוגעבן, אַז ס'זענען פאראַן גאָר־גאָר א סך געבילדעטע לייט, וואָס קאָנען אין רשעות קאָנקורירן מיט אַנאַלפאַבעטן. פאַרקערט, וועלן דיזעל־בע מוזן צוגעבן, זענען פאראַן גאָר־גאָר א סך אומגעבילדעטע, פּראָסטע מענטשן, וואָס שטייען אויף גאָר א הויכער שטופע פון מאָראַלישקייט. די, ווידער, וואָס זעען איין אין דער אויפקלערונג און אין דער ציוויליזאַציע די סיבה פון אַלדאָס בייז, וועלן פונ־דעסטוועגן מוזן צוגעבן, אַז צווישן די אויפגעקלערטע און ציווי־ליזירטע זענען פאראַן אָן א שיעור הויך־מאָראַלישע מענטשן, אי־דעאַליסטן און קעמפער פאַר גוטס. פאַרקערט, זענען צווישן המון פאראַן אָן א צאָל אויסוואורפן.

אין סך־הכל: נישט פאָלק, נישט קלאַס, נישט בילדונג און דערציאונג, זענען די פאַקטאָרן, וואָס באַשטימען דעם מענטשן, ווייל אונטער די אַלע, גיט יעדער צו, זענען פאראַן גוטע און שלעכ־טע, הייסט עס, אַז דער פאַקט פון גוטע און שלעכטע איז נישט אָפּהענגיק פון זיי אַלע, נאָר איז אָפּהענגיק פון עפּעס אַן אַנדער סיבה, וואָס שטייט אויסער די אַלע און זי מאַכט עס, אַז עס זאָל זיין גוטע און שלעכטע ביי אַלע פעלקער, אין אַלע קלאַסן, ביי געבילדעטע און אומגעבילדעטע א. א. וו. וואָס־זשע איז דיזאָזיקע סיבה? — עס ווערן געבוירן גוטע און שלעכטע.

נישטאָ קיין געמיינשאַפט, אין וועלכער עס זאָל נישט לעבן דער „גוטער מענטש". אין ענגסטן קיבוץ מוז מען רעזערווירן פּלאַץ פאַר ערלעכע און טוגנטהאַפטע, וואָס וועלן זיך אין די געהעריקע מאָמענטן אויסטיילן און באַווייזן, ווער זיי זענען. מענן דיזעלבע א גאַנץ יאָר זיין איינגעפלאַכטן און איינגעגלידערט אין זייער קרייז

און זיך מיט נאַרנישט אויסצייכענען, וועלן זיי, אין מאָמענט, ווען עס פאָדערט זיך מאָראַלישער מוט, זיך אַנטפּלעקן און אַרויסווייזן.

אין האַרץ פונם עטישן מענטשן שטראָמען קוואַלן פון ליבע, קוואַלן פון לויטערן גוטן ווילן. דידאַזיקע קוואַלן שטאַרקן זיך און פליסן אַרויס פון זיין מאַטעריע און שטאָף. זיי פּראָדוצירן זיך אינעווייניק אין זיין פיזיק. וואָס־זשע קאָן דאָ אויפטאָן סביבה און כאַציאַלער שטאַנד? איז דען דער מאַטעריע און שטאָף, וואָס דאַרפן פון זיך אויסטיילן אַזאַ און אַזאַ גייסטיקייט, אַ חילוק, צי זי געפינט זיך אין פּאַלאַצן אָדער אין פינסטערע קעלערס; צי זי איז באַקליידט מיט סאַמעט און זייד, צי מיט שמאַטעס. וואָס איז דען דער מאַטעריע און שטאָף, וואָס מוז פּראָדוצירן לויטערע פילבאַרקייט, דער חילוק, צי אין באַוווּסטזיין פון געגעבענעם אינדיוויד וועלן יאָ אָדער נישט אַריינגעלייגט ווערן די אָדער יענע קענטעניש? עס קומט אַרויף פון אינעווייניק אַ קראַפט. די קראַפט וויקלט זיך אָפּ; זי וויקלט זיך אַרויס פון זיין, אין וועלכן זי איז פאַרוויקלט, און רעגט און שטויסט. איז ווי־זשע קאָן דאָ אויסערלעכע סיבה אָפּשטעלן דעם אינערלעך־נויטווענדיקן פּראָצעס?

מען איז איינגעוווינט, ווען מען רעדט וועגן גוטע, ערלעכע מענטשן, אָפּצוענטפערן: „מענטשן פון ביכער". דאָס מיינט אַזוי גוט, ווי „אויסגעטראַכטע מענטשן". דאָס איז אַ פאַלשע טענה. און אָט פאַרוואָס: אויסגעטראַכטע מענטשן, מיט אויסגעטראַכטע נשמות וואָלטן נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין אונז. מיר וואָלטן זיי נישט פאַרשטאַנען און זיי וואָלטן פאַר אונז געבליבן פרעמד און גלייכגילטיק און וואָלטן נישט געקאָנט זיין קיין טעמע פאַר ליטעראַטור. ביכער אַפּעלירן אָבער יאָ צו אונז, דרינגען אַריין אין אונז, צענעמען אונז; מיר לעבן מיט מיט די העלדן, מיר ליידן מיט זיי און פרייען זיך מיט זיי; זייערע מחשבות ווערן אונזערע און זייערע געפילן ווערן אונזערע; מיר אידענטיפיצירן זיך מיט זיי און ווערן אויף אַ מאָמענט די העלדן פון די ביכער, מיר פּאַסן זיך אַריין אין זייערע ראָלן, איז אויב אַזוי, ווי קאָנען די העלדן זיין פאַלשע און אויסגעטראַכטע? אויסער דעם: וועלכער

מחבר וואָלט דאָס געקאָנט אויסטראַכטן אַ מענטשן מיט אַ פאַל־שער נשמה? צוליב וואָס זאָל ער עס אויסטראַכטן? פאַרוואָס האָט ער אויסגעטראַכט די פאַלשע נשמה פּונקט אַזוי און נישט אַנ־דערש? און, זאָל מען שוין זאָגן, אַז איינער אַ מחבר האָט צוליב עפּעס אַ קאַפּריז אויסגעטראַכט אַ משונהדיקן מענטשן און האָט אים באַשריבן. קאָן אַזאַ קונץ גילטן איין מאָל, אָבער נישט, אַז משונהדיקע, אויסגעטראַכטע מענטשן זאָלן כסדר און דורכאַנאַנד אויספילן אַלע בעלעטריסטישע ביכער, — שרייבער זאָלן האַלטן אין איין אויסטראַכטן פאַלשע מענטשן און די לייענער זאָלן האַלטן אין איין לייענען וועגן די פאַלשע מענטשן מיט די פאַלשע נשמות און זיך איבערנעמען מיט זיי.

פּונקט פאַרקערט: דער חסרון פון די „מענטשן פון די ביכער" באַשטייט נישט אין דעם, וואָס זיי זענען פאַלש, נאָר אין דעם, וואָס זיי זענען צו אמת. אויב מיר מאַכן מיט דאָס לעבן פון די ביכער־העלדן, איז דאָס אַ באַווייז, אַז זיי זענען דאָ אין אונז. נישט מער, זיי זענען בלויז דאָס, און מיר, די דורכשניטס־מענטשן, הייסט עס, זענען נאָך עפּעס. זיי, די אידעאַלע מענטשן, זענען גוט אין דער ווירקלעכקייט, און מיר, די דורכשניטס־מענטשן, זענען גוט אין דער אילוזיע. פאַרשטייען זיי קאָנען מיר; לעבן ווי זיי — נישט. פאַרוואָס? ווייל מיר האָבן אויסער אונזערע „אידעאַלע" אימפּולסן אויך „רעאַלע" אימפּולסן, וועלכע זענען שטאַרקער ווי די ערשטע, און דריבער, ווען עס קומט צו לעבן, האָבן זיי, די רעאַלע אימפּולסן, די אויבערמאַכט. די גוטע נשמה אונזערע נוצן מיר נאָר ביי ביכער לייענען, (און די שריי־בער ביים שרייבן!) ביי קריטיקירן אַנדערע, אום שבת און יום־טוב און גלאַט אין „פייערלעכע מאָמענטן". אינדערוואָכן, אָבער, האָבן מיר אַן אַנדער נשמה, אַ „פּראָסטע"... די מענטשן פון די ביכער, אין קעגנטייל, נוצן שטענדיק איין נשמה. ביי זיי איז שטענדיק יום־טוב, זייערע פייערלעכע מאָמענטן שפּרייטן זיך אויס אויף אַלע טעג. זייער מענטש־נשמה איז שטענדיק טעטיק אין זיי און באַשטימט זייער לעבן פון אַ גאַנץ יאָר; זייער גוטס־עמפּינד־לעכקייט איז שטענדיק וואַכעדיק אין זיי און זיי פילן שטענדיק

גוטס צו טאָן און ליב צו האָבן. דער עטישער מענטש איז נישט צעטיילט אויף צוויי, נאָר איז איינהייטלעך און גאַנץ.

דער אַנאָנימער, גוטער מענטש איז נישט קיין ביכער־העלד, נאָר אַ העלד פון לעבן. נישט מער: אין לעבן איז ער אינקאָגני־טאָ; אין דער ליטעראַטור ווערט ער אויפגעדעקט.

ווען אַלע עטישע מענטשן וואָלטן זיך קעגנזייטיק דערקענט, ווען זיי וואָלטן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די פאַרשידענע סאָציאַלע שלייערן, וואָס סביבה און דערציאונג האָבן אויף זיי אַרויפגעטאָן און וואָלטן דערזען נאַקעט זייערע געמיינזאַמע נשמות, ווער ווייס, ווי גרויס זייער צאָל וואָלט געווען! יחידימווייז ווערן דידאָזיקע פאַרדרענגט, צעריבן און צעשטויסן אין דער ראַציאָ־חיהשער גע־זעלשאַפט, וועלכע דערווידערט זיי און לייקנט זיי אָפּ. פאַראייניק־טערהייט, אָבער, ווער ווייס, וואָס פאַרא געדיכטע מחנות זיי וואָלטן מיט זיך פאַרגעשטעלט; ווער ווייס, וואָס פאַרא כוח זיי וואָלטן געוואָרן!...

קאַפּיטל פינף

# די איבערגאַנגס - געזעלשאַפט

## I

עס קאָן קיין ספק נישט זיין דערין, אַז די מענטשהייט, ווי זי איז, שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין איינהייטלעכקייט אין דעם זין, אַז אַלע זאָלן קאָנען זיין אונטערגעוואָרפן איין און דעמזעלבן לעבנס־אופן. אויף קיין איין געביט קאָן נישט זיין קיין איינהייטלעכע קולטור פאַר אַלע מענטשן. אַלע מיסדערפאָלגן און דורכפאַלן, וואָס עס האָבן געליטן די עטישע באַוועגונגען אין דער געשיכטע, די מאָדערנע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איינגעשלאָסן, נעמט זיך דערפון, וואָס מ'האָט אויף כוח געוואָלט איינשטעלן אַן איינהייטלעך לעבן פאַר אַן אומאיינהייטלעכער מענטשהייט.

ווו איז דער אויסוועג? דער אויסוועג איז אַ פּילהייטלעכער געזעלשאַפטלעכער סדר. מען דאַרף זיך אויפהערן יאָגן נאָכן אוממעגלעכן. מען דאַרף קוקן דער ווירקלעכקייט אין די אויגן אריין און נעמען די זאַכן ווי זיי זענען. עס זענען פאַראַן, אַזוי צו זאָגן, מערערע מענטשהייטן, מערערע מענטשלעכע ווירקלעכקייטן, וואָס קאָנען איינע די אַנדערע נישט פאַרגוואַלטיקן. ביז איצט האָט יעדער געוואָלט, אַז אַ ל ע זאָלן זיין ווי ע ר. דער אידעאַליסטישער מענטש האָט געזען אַלעמען אין שיין פון זיין אייגענעם

איך און האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע מענטשהייט באַשטייט פון לויטער אידעאַליסטן. דער עגאָאיסטישער מענטש האָט געזען אַלעמען אין שיין פון זיין אייגענעם איך און האָט געזאָגט, אַז די מענטשהייט באַשטייט פון לויטער עגאָאיסטן. ביידע זענען זיי באַגאַנגען דעם פעלער פון זעלבסטפאַרגלעכן. מיט אַן אמת זענען זיי ביידע גערעכט: עס זענען פאַראַן מענטשן פון ביידע סאָרטן.

עס דאַרף איינגעשטעלט ווערן אַ געזעלשאַפטלעכער סדר, וועלכער זאָל פאַסן סיי פאַרן דורכשניטס־מענטש און סיי פאַרן עטישן מענטשן און אין וועלכן עס זאָל דאָך אָנגיין אַ טיפע און אַלזייטיקע דערציאונג פונעם כלל־מענטש צו אַן אמת שיין און ברידערלעך לעבן.

ביז איצט האָט מען געהאַלטן, אַז מען קאָן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט גלייך געבן אַ גיי־איבער צו דער סאָציאַליסטישער. מיר מיינען, אַז צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און דער סאָציאַליסטישער, דאַרף קומען אויף אַ לאַנגער צייט אַן איבערגאַנגס־געזעלשאַפט. ווען די סאָציאַלע פראַגע איז געווען אַן אינסטיטוציאָנעלע פראַגע, האָט מען זי שנעל געקאָנט לייזן, ווערט אָבער די סאָציאַלע פראַגע אַ ביאָ־פּסיכישע פראַגע, קאָן מען זי אַזוי שנעל נישט לייזן. איבערמאַכן די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פאָדערט נישט קיין סך צייט, אין קעגנטייל, וועזנטלעך פאַרבעסערן די מענטשן פאָדערט דורות לעבן, ווענען גאַנצע אָריענטאַציע און שטרעבן זאָל לויפן צו אַ מאָראַלישן ענדציל.

ביז איצט האָט מען געהאַלטן, אַז מען קאָן פון היינט אויף מאָרגן טאָן אַ גיי איבער פון אַ געזעלשאַפט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אומגערעכטיקייט און פאַרקנעכטונג, צו אַ געזעלשאַפט פון אַ פריי און גלייך לעבן. דיזעלבע מענטשן, וואָס זענען נעכטן פּעאיק געווען אויסצוזויגן דאָס בלוט און שווייס פון זייערע מיטמענטשן, וועלן מאָרגן פעאיק זיין זיך אָפּצוזאָגן פון פּריוואַטן באַזיץ, ווערן אויס עגאָאיסטן, זאָרגן פאַרן וווּיל פון קאָלעקטיוו. דערדאָזיקער וועג איז אַ טעות. כדי דער מאַסע־מענטש זאָל אַמאָל

מעאיק זיין צו לעבן אין סאָציאַליזם, איז נויטיק, אַז ער זאָל פריער אַ לאַנגע צייט לעבן אין אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל אים צוגרייטן און דערציען צום סאָציאַליזם. צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער און סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט דאַרף קומען אַ צווישן־געזעלשאַפט, וואָס אין איר דאַרף פאַרקומען די גייסטיקע אינטימע פאַרבינדונג פון די מאַסן מיט אַ שענער לעבן. ס'איז נאָך דאָ גאָר אַ סך צו אַרבעטן איבער דעם סתם־מענטש, כדי ער זאָל מיט אַן אמת מסוגל זיין צו אַ פריי און גלייך לעבן. ער דאַרף אַ לאַנגע צייט לעבן אין אַזאַ מין אַטמאָספער, אין וועלכער ער זאָל זיך ביסלעכווייז מיט זיין געדאַנק און געפיל אָפּרייסן פון דער לאַנגער אַנימאַל־קאַפּיטאַליסטישער רוטין, אין וועלכער ער זאָל זיך זען אַרומגערינגלט פון אידעאַל־סאָציאַליסטישע ביישפּילן, פון אויפאָפּפערונג פאַרן חבר און כלל, אין וועלכער די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן זאָלן ווירקן אויף אַן עטיזירנדיקן אופן: זיי זאָלן פון איין זייט לאָזן פּאַסיוו זיין אַנימאַל־גייסט און פון דער צווייטער זייט ביזן מאַקסימום קולטיווירן זיין מענטש־גייסט. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע וועט אָנגעפירט ווערן פון עטישן מענטשן.

אין דער אמתן דערפילט דער עטישער מענטש אַ פאַר־מענטשונגס־מיסיע דורך דער גאַנצער געשיכטע. אַלע קולטור־באַוועגונגען, וואָס זענען ווען עס איז אויפגעקומען, וועלכע האָבן געשטויסן דער מענטשהייט אויף פאָראויס; אַלדאָס גוטע, וואָס איז נאָר אַמאָל געפּרוווט געוואָרן איינצושטעלן, איז געווען אינספּירירט, אויסגעטראָגן און קולטיווירט פון דעם עטישן מענטשן. נישט מער, שטענדיק איז די ווירקונג פון עטישן מענטשן געבליבן רעדוצירט צו בלויזער אַבסטראַקציע; צו שיינער אידעע און שיינעם געדאַנק. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די מאַכט איבערן לעבן האָט זיך געפונען אין די הענט פון דער האָמאָ־בעסטיע. דער מאָראַל־מענטש האָט געפּריידיקט; די האָמאָ־בעסטיע האָט געהערשט; דער מאָראַל־מענטש האָט געזאָגט, ווי אַזוי עס וואָלט באַדאַרפט זיין; דער מאַכט־האָבנדיקער אונטערמענטש האָט געמאַכט די זאַכן, ווי זיי

זענען; דער עטישער מענטש האָט געוואָלט בויען מיט וואָרט, די הערשנדיקע חיה האָט צעשטערט מיט טאָט.

און דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצן. דער בעסערער מענטש גופא איז געווען פאַרשקלאַפט צו דעם הערשנדיקן האַמאַאַנימאַל און האָט זיך נישט געקאָנט פריי באַוועגן. ער איז געווען געצוווּנ־גען מיטצומאַכן דאָס גאַנצע בייז פונם הערשנדיקן סדר, סײַ װעלכן ער האָט געפּרידיקט און װעלכער איז אים דערווידער און לייקנט אים אָפּ ביז די טיפענישן. קעגן זיין ווילן און קעגן זיין געוויסן איז ער געווען געצוווּנגען אָפּצוהיטן געזעצן און כללים, וואָס זענען אין גרעסטן ווידערשפּרוך צו זיין גייסט. און טאָמער האָט ער זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן און האָט געוואָלט לעבן אין אָנקלאַנג מיט זיך איז ער אָדער פאַרניכטעט געוואָרן אָדער געוואָרן אַן איזאָלירטער גליד פון לעבן.

וואָס פאַר א השפעה האָט דער מאָראַל־מענטש געקאָנט אויסאיבן אונטער אַזעלכע אומשטענדן? קיינמאָל האָט די מאָראַ־לישע קראַפט זיך נאָך נישט אויסגעווירקט אין לעבן מיט דער גאַנצער שטאַרקייט און העפטיקייט, אין דער גאַנצער ברייט און טיף. דאָס דאַרפן מיר ערשט זען צו דערגרייכן פאַר דער צוקונפט.

צו דער מאַכט דאַרף קומען דער עטישער מענטש. מאָראַל דאַרף אויפהערן געפּריידיקט צו ווערן, מאָראַל דאַרף אָנהויבן רעגירן; מאָ־ראַל דאַרף אויפהערן צו געבן עצות, ווי אַזוי עס וואָלט געקאָנט זיין בעסער, נאָר טאַקע אָנ־הויבן מאַכן בעסער.

ברענגען דעם עטישן מענטשן צו דער מאַכט, דאָס אַליין, אָן איבעריקע באַדינגען, — מיינט לייזן דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם.

און — דער עטישער מענטש קאָן קומען צו דער מאַכט. דער כלל־מענטש וויל, מיט אַן אמת, אַז אַלץ זאָל זיך פירן לויט יושר און גערעכטיקייט. זעט ער עמעצן טאָן אַן אומרעכט, דריקט ער אויס זיין פּראָטעסט; דערוויסט ער זיך פון א פאַרברעכן, איז ער גרייט צו באַשטראָפן דעם פאַרברעכער. ער פאַראַכטעט צבועקעס

און שפּאַט אויס ליגנער, ער האָט פיינט עגאָאיסטן און דערווי־
דערט גענאַרער. מיט איין וואָרט: דער דורכשניטס־מענטש וואָלט
געוואָלט, אַז אַלץ זאָל זיך פירן לויט די העכסטע פּרינציפּן פון
אמת, גערעכטיקייט און טובת הכלל. ער קאָן עס אָבער נישט פאַר־
ווירקלעכן. עס פעלט אים אויס מאָראַלישער כוח דאָס דורכצופירן
אין דער פּראַקטיק. דער לאָגישער אויסוועג, אַלזאָ, איז, אַז די־
יעניקע, וואָס זענען דאָס יאָ בכוח דורכצופירן אין דער פּראַקטיק,
דאַרפן ווערן די באַלעבאַטים איבערן לעבן, כדי אַזוי אַרום צו דער־
גרייכן דעם געמיינזאַמען ציל.

דער איינציקער, וועלכער באַזיצט די אמתע באַגאַבונג צו קאָ־
נען פאַרווירקלעכן דאָס גערעכטע, איז דער אָרגאַנישער טוגנט־
מענטש, דער, ביי וועמען דער „גערעכטיקייטס־אינסטינקט" איז
שטאַרקער פון אַלץ. איז עס דען נישט מער ווי לאָגיש, — וויבאַלד
אַלע שטרעבן צו גערעכטיקייט, נאָר נישט אַלע קאָנען עס דורכ־
פירן, — אַז ער, דער וועזנטלעכער גערעכטיקייטס־מענטש, די לע־
בעדיקע פּערזאָניפיקאַציע פון יושר, זאָל איבערנעמען דעם רודער
פון לעבן אין זיינע הענט און אַלע זאָלן אים דערצו מיטהעלפן?
עס וואָלט דאָך געווען די טובה פון אַלע!

די שענסטע תורות זענען געבליבן ליגן פון וואָרט; די שענ־
סטע געזעצן זענען געבליבן טויטע בוכשטאַבן; די הומאַניטאַר־
סטע געבאָטן זענען געבליבן פּעדער־סקריפּן, ווייל — די, וואָס
האָבן געהאַט די מאַכט איבערן לעבן, די, וואָס האָבן אַממייסטן
באַאיינפלוסט דאָס לעבן און האָבן עס געגעבן אינהאַלט און פאָרם,
זענען געווען אַגרעסיווע אַנימאַלן. איז דער חיה־גייסט געוואָרן דער
ר ע אַ ל ע ר אימפּעראַטיוו פון לעבן און דאָס מענטשלעכע איז
געבליבן א י ד ע א ל ע ר שקר. ווען די מאַכט איבערן לעבן
וואָלט אָבער איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די־יעניקע, ביי
וועלכע די „שיינע תורה", דאָס „שיינע געזעץ" און דער „הו־
מאַניטאַרער" געבאָט איז נאַטור, איז לעבנס־קראַפט, איז גייסטי־
קער פאַראַנזיין, דעמאָלט וואָלט עס געהייסן, אַז דאָס מענטשלעכע
לעבן איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון
דער עטישער קראַפט; דאָס מאָראַלישע געזעץ וואָלט באַקומען

בלוט און פלייש, די לעבעדיקע מאראל־קראפט וואלט רעגירט מיטן לעבן.

דער עטישער מענטש ביי דער מאכט, וועט האבן די אויפגאבע אויף אלערליי אופנים צו סטימולירן און ארויסרופן די פרייע גייסטיקע כוחות, וואס זענען פאראן פאר א בעסער לעבן; ער וועט אויפמונטערן און אויפרודערן דעם גאנצן ספאנטאנעם דראנג, וואס איז פאראן פאר גלייכהייט און ווערעכטיקייט; ער וועט שטעלן צו דינסט דעם פרייען אויפקום פון סאציאליזם אלע מעגלעכע עקאנאמישע, קולטורעלע און דערציאונגס־רעסורסן. דער עטישער מענטש ביי דער מאכט, וועט מיט זיך פארשטעלן אזא מלוכה, וואס וועט לויט איר עצם און מהות זיין סאציאליסטיש און איר אויפגאבע וועט זיין צו פראטעזשירן, באשיצן און ארויסרופן אלע כוחות פאר דער איינשטעלונג פון סאציאליזם. דערביי, ביים סטימולירן די פרייע כוחות, וועט זיך ענדיקן איר אויפגאבע. קיין מאכט־מיטלען וועט זי נישט אנווענדן, נישט אויף ארויפצוצווינגען דעם סאציאליזם, נישט צו שטערן דעם קאפיטאליזם. די עטישע מלוכה וועט זיך בלויז האלטן ביים פרינציפ פון באווירקן און נישט באצווינגען.

אומגעהויערע רעזערוון פון גוטן ווילן און עטישער ענערגיע איז פארבארגן צווישן די מענטשן. מען וואלט נאר דידאזיקע כוחות באדארפט ווי געהעריק איז ארויסברענגען, זיי פאנאנדערבלאזן, זיי אויפמונטערן און לאזן פריי ארויסקומען אין לעבן און זיי וואלטן ווונדער באוויזן. די אנימאל־קאפיטאליסטישע מלוכה, לא די, וואס זי האט דידאזיקע כוחות נישט סטימולירט און נישט באגינסטיקט, האט זי נאך געמאכט, דירעקט און אומדירעקט, די גרעסטע שוועריקייטן. און נישט נאר די מלוכה, נאר די אינערציע און דער גייסט פון קאפיטאליזם גופא האט געשטערט און טארמאזירט די פרייע אויסווירקונג פון די מאראלישע כוחות.

אויף דערדאזיקער גרונט־הנחה איז באזירט דער געדאנק פון עטישער מלוכה. מיר זאגן: מלוכה איז נישט בארופן צו מאכן קיין שום תוכיקע ענדערונג אין מענטשלעכן לעבן. יעדע סאציאלע ענדערונג פון אן אבסאלוטן, — נישט פארמעלן, — כאראק־

טער, קאָן נאָר געמאַכט ווערן דורך אַ פרייען אויסטויש פון דעם מענטשנס גייסטיקע כוחות. אַלץ, וואָס מ׳דאַרף, איז באַשאַפן אַזאַ מלוכה, וואָס זאָל זיך שטעלן אויף דער זייט פון די פּאָזיטיווע גייסטיקע כוחות און דערמעגלעכן, אַז זיי זאָלן, דורך זייער פרייער אויסווירקונג, דורכפירן די תוכיקע ענדערונג אין מענטשלעכן לעבן, צו וועלכן נאָר זיי זענען באַרופן.

די עטישע מלוכה וועט נישט זיין קיין מאַכט־אָרגאַן, וואָס יועט אַרויפצווינגען אַ באַשטימטן לעבנס־אופן אויף אַלע, זי וועט זיין אַן אָרגאַן פון געזעלשאַפטלעכער איבערדערציאונג.

באַשטייענדיק אַליין פון די בעסטע אינדיווידן, וואָס דער מענטשלעכער מין גיט פון זיך אַרויס, אַזעלכע, וואָס *וועלן* *זיך אָפּזאָגן פון יעדן רייכטום און באַזיץ*, וועלן לעבן גלייך מיט דעם איינפאַכסטן פון די איינפאַכע און זייער איינציקער ציל וועט זיין צו דינען דער מענטשהייט מיט גרויס ליבע, וועט די עטישע מלוכה מיט זיך פאָרשטעלן אַן *איבער־סאָציאַלע קערפערשאַפט*, וועמענס אויפגאַבע ס׳וועט זיין צו רעגולירן די מענטשלעכע ענינים אין אָנקלאַנג צו זייערע וועזנטלעכע מעגלעכקייטן און אָריענטירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דער ריכטונג פון אַלגעמיינעם וווילזיין און אַלגעמיינעם גליק, ווו אומרעכט זאָל נישט עקזיסטירן און עקספּלואַטאַציע זאָל קיין אָרט נישט האָבן. אַזאַ מלוכה וועט נישט ווירקן מיט אירע מאַכט־מיטלען, וועלכע וועלן, אגב, שטיין צו איר דיספּאָזיציע, נאָר מיט איר דערציערישער, מאָראַלישער קראַפט. מיר וועלן האָבן פאַר זיך אַ נייעם טיפּ מלוכה, ווו דאָס דערציערישע און הערשערישע וועלן קומען צוזאַמען; מירן האָבן פאַר זיך אַ נייעם טיפּ מלוכה־מאַן, וואָס וועט ווירקן נישט ווי אַ מאַכטהאָבער, נאָר ווי אַ לערער דער פרינציפּ פון דערציאונג, וואָס איז די באַווירקונג פון פרייען ווילן און דער פרינציפּ פון שטאַט, וואָס באַשטייט אין מאַכן דערפילן די געזעלשאַפטלעכע התחייבותן, וועלן ווירקן צוזאַמענגענומען.

## II

סיי די, וואָס האָבן געוואָרט אויפן סאָציאַליזם דורך דער דע־מאָקראַטישער מלוכה און סיי די, וואָס האָבן געוואָרט אויף אים דורך דער רעוואָלוציאָנערער מלוכה, האָבן דעם סאָציאַליזם דער עיקר געמאַכט אָפּהענגיק פון מ ל ו כ ה; די מלוכה וועט איינ־שטעלן דעם סאָציאַליזם פאַר אַ ל ע; סאָציאַליזם וועט באַפוילן ווערן פון די מאַכט־אָרגאַנען פאַר אַלע; סאָציאַליזם וועט דיקטירט ווערן פון די רעגירנדיקע קערפּערשאַפטן פאַר אַלע. ביז אַלע וועלן נישט זיין קיין סאָציאַליסטן, קאָן קיין ט י י ל קיין סאָציאַליסטן נישט זיין. און אויף דעם, כדי צו מאַכן אַ ל ע פאַר סאָציאַליסטן, איז געוועזן אָפּגעגעבן די גאַנצע ביז־איצטיקע סאָציאַליסטישע טע־טיקייט. דער ווייט־גרעסטער טייל פון די ביז־איצטיקע סאָציאַ־ליסטן, פון עקסטרעם־רעכטס ביז עקסטרעם־לינקס, זענען אַליין, מיט זייער גייסט און מעשים, געווען הימל־ווייט פון סאָציאַליזם. סאָציאַליזם איז געווען ביי זיי אָרגאַנישער ליגן און געדאַנקלעכע אילוזיע. יאָ, „נאָכדעם", „נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע", נאָכדעם, ווי אַלע וועלן זיין סאָציאַליסטן, וועלן זיי אויך זיין. דער עיקר איז זיי געגאַנגען אין דעם, אַז — אַלע זאָלן זיין...

דערדאָזיקער צוגאַנג צום סאָציאַליזם האָט געבונדן די הענט ביי אַלע אָרגאַנישע סאָציאַליסטן; דאָס האָט זיי אַנטוואָפנט און געמאַכט אוממעכטיק. זיי האָבן זייער גאַנצע ענערגיע און מי געמוזט אָפּגעבן אויף דעם, כדי, כלומרשט, אונטערצוויאָגן יענעם מאָמענט, ווען אַלע וועלן געצוווּנגען ווערן פון דער מאַכט צו ווערן צדיקים און לעבן אין גלייכהייט.

דערדאָזיקער וועג צום סאָציאַליזם און אַלע זיינע אומוועג־לעך איז געווען אַ זעלבסטנענאַרערישער. זאָגן: איך בין אַ סאָ־ציאַליסט און איך טו פאַר דעם, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַזא מאַכט, וואָס זאָל צווינגען אַלע צו זיין סאָציאַליסטן, איז זייער אַ באַקוועמער אופן, ווי אַזוי אָפּצונאַרן זיך אַליין. און מיר זעען טאַקע, וואָס פאַרא סאָציאַליזם עס האָבן געבויט סיי די דעמאָ־

קראַטיש־,,סאָציאַליסטישע'' מלוכות און סיי די רעוואָלוציאָנער־,,סאָציאַליסטישע'' מלוכה.

מיר זאָגן: ניין! די־יעניקע אַלע, וואָס ווילן באמת דעם סאָ־ציאַליזם, דאַרפן אויף קיינעם און אויף גאָרנישט נישט וואַרטן, זיי דאַרפן אים אָנהויבן בויען; זיי דאַרפן אָנהויבן לעבן סאָציאַ־ליסטיש אַזוי און אויף וואָס פאַרא אופן זיי קאָנען. לעבן מוז אויפקומען ספּאָנטאַן פון מענטשן אַרויס. לעבן, וואָס וועט אַרויסגעצוווּנגען ווערן פון אַ מאַכט, וועט האָבן אַזאַ האַפּט, ווי רויך אונטער אַ שטורעם. אַז סאָציאַליזם זאָל קאָנען דיקטירט ווערן דורך דעקרעטן, צו קיין גרעסערער אומוואַרשיינלעכקייט האָבן זיך מענטשן גאָרנישט געקאָנט דערטראַכטן.

ווען די גאַנצע מי און ענערגיע און מאַטעריעלע מיטלען, וואָס עס האָט ביז איצט שוין אָפּגעקאָסט דער קאַמף פאַר סאָציאַ־ליזם, וואָלט פאַרווענדט געוואָרן נישט צו מאַכן בגוואַלט אַלע פאַר סאָציאַליסטן, נאָר וואָלט פאַרווענדט געוואָרן אויף צו מאַכן, אין לעבן, פאַר סאָציאַליסטן די, וואָס זענען עס אין גייסט, וואָלטן מיר שוין איצט געהאַט אַ העלפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט פאַרבויט מיט סאָציאַליזם.

די ביז־איצטיקע סאָציאַליסטן האָבן געוואַרט, אַז צומערשטן זאָל איינגעשטעלט ווערן סאָציאַליזם און נאָכדעם ערשט וועלן זיי זיין סאָציאַליסטן, און מיר זאָגן פונקט פאַרקערט: צומערשטן דאַרף מען זיין סאָציאַליסטן און נאָכדעם וועט קומען דער סאָציאַ־ליזם. וואַרטן מיטן סאָציאַליסטישן טאַט, ביז עס וועט זיין איינ־געשטעלט סאָציאַליזם, הייסט וואַרטן אייביק, ווייל סאָציאַליזם וועט נישט זיין איינגעשטעלט אַזוי לאַנג, ביז מ'וועט אים נישט פּראַקטיצירן. דער קאַפּיטאַליזם וועט אַנדערש נישט געבראָכן ווערן, ביז וואַנען ס'וועלן זיך נישט געפינען מאַסן מענטשן, וואָס וועלן גרייט זיין, אונטער יעדן אומשטאַנד, מיט זייער לעבן און מעשים אים אָפּצולייקענען. קיין געוואַלט טאָר פאַר סאָציאַ־ליזם נישט אָנגעווענדט ווערן. צוואַנג טאָרמאָזירט דעם פרייען מאָראַלישן ווילן. יעדער צוואַנגס־מיטל פאַר שיין לעבן, מוז האָבן פונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג. סאָציאַליזם מוז זיין פרייע אויס־

ווירקונג פון אונזער ליבשאַפטס־נאַטור, פון אונזער עטישן „גלײַכ־הייטס־אינסטינקט". אַזוי גלײַך, ווי מען הויבט נאָר אָן אָנווענדן מאַכט און צוואַנג צו מאַכן גוט, אַזוי גלײַך קומט אַ פּאַראַליזירונג פון דעם גוטן ווילן און עס הויבט זיך אָן אַ רעאַקציע אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג.

אויפן ערשטן אָרט מוז גיין דער אויטאָנאָמער פּראָצעס פון דיפערענצירן אַ לעבן אין אַ לעבן, דערפאַר, וואָס עס איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט פאַר אַזאַ דיפערענציאַציע; אָנהויבן דעם סאָציאַליזם מוזן די סאָציאַליסטן מיט זייער „פּערזענלעכער אויפפירונג" און מיט זייער „טאָג־טעגלעך פּריוואַט לעבן". ערשט נאָכדעם קאָן מען פאַרלאַנגען, אַז מלוכה זאָל נאָכגיין אין דעם וועג, וואָס ווערט פאַר איר אויסגעטראָטן. נישט וואַרטן, אַז מלוכה זאָל שלעפּן לעבן פאָראויס, נאָר, פאַרקערט, לעבן זאָל שלעפּן מלוכה פאָראויס.

נישט אין אָפּנעמען דאָס באַזיץ ביי די רייכע איז דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַליזם. ווען עס וואָלט געגאַנגען בלויז אין דעם, וואָלט עס זייער לייכט געווען צו טאָן. דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַליזם באַשטייט אין דעם: ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די מענטשן זאָלן נישט וועלן רייך ווערן; ווי אַזוי מאַכט מען, אַז אַלע זאָלן וועלן זיין גלײַך. דערצו איז שוין קיין איינמאָליקע געוואַלטזאַמע עקספּראָפּריאַציע קיין עצה נישט. היינט האָט מען עקספּראָפּריאירט איין באַזיצנדיקן און מאַכט־האָבנדיקן שיכט און אין פופציק יאָר אַרום קאָן שוין זיין אָנגעוואַקסן אַן אַנדער באַזיצנדיקער און מאַכט־האָבנדיקער שיכט.

ביז איצט האָט מען געמיינט, אַז די פראַגע קאַפּיטאַליזם צי סאָציאַליזם, איז אַ פראַגע פון צוויי סאָציאַלע סיסטעמען. בכן, איז דער וועג געווען אויף כוח צו ברעכן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם און אויף זיין אָרט איינשטעלן דעם סאָציאַליסטישן סיסטעם. אָבער, ניין, קאַפּיטאַליזם צי סאָציאַליזם איז אַ פראַגע פון צוויי נאַטורן, בכן, איז געוואַלטזאַמער איבערברוך קיין וועג נישט, יישט אויף צו ברעכן די קאַפּיטאַליסטישע נאַטור און אודאי נישט אומפאָנירן די סאָציאַליסטישע. דאָרט, ווו עס גייט אין נאַטור,

קאָן זיין אַ רייד נאָר פון איר פרייער אויסווירקונג, אָבער נישט פון קיין צוואַנג.

דער אידעאַליזם און דער מסירת־נפש פון די נעכטיקע אמתע סאָציאַליסטן איז פאַרלוירן געגאַנגען, ווייל זיי האָבן געקעמפט איינצושטעלן אַ סיסטעם, וואָס וועט צווינגען אַלע צו זיין סאָציאַליסטן און דאָס קאָן נישט זיין: מ׳קאָן נישט קומען פון קיין סיסטעם צום סאָציאַליזם, נאָר מ׳מוז קומען פון סאָציאַליזם צו אַ סיסטעם. צום ערשטן מוז זיין לעבן און דערנאָך די אָרגאַניזאַציע און נישט אָן אָרגאַניזאַציע אויף צו באַשאַפן אַזאַ און אַזאַ סאָרט לעבן. די סאָציאַליסטן פון מאָרגן, וועלן איינפירן סאָציאַליזם פאַר סאָציאַליסטן און אַלע זאָלן קומען, ווען זיי וועלן דאַרפן קומען. די סאָציאַליסטן פון נעכטן האָבן געוואָלט פון איין זייט איין סאָרט לעבן באַקעמפן מיט מאַכט און פון דער צווייטער זייט אַן אַנדער סאָרט לעבן בויען מיט מאַכט, די סאָציאַליסטן פון מאָרגן וועלן לעבן באַקעמפן מיט לעבן.

ביז איצט, ווען סאָציאַליזם איז געווען אַ זאַך פאַר אַלע, האָט מען אים כסדר געהאַלטן אין איין צופּאַסן צו דער פּסיכאָלאָגיע פון אַלע, ביז עס איז פון אים גאָרנישט געבליבן. ווען סאָציאַליזם וועט, אין דער ערשטער ריי, זיין די זאַך פון סאָציאַליסטן, וועט ער זיין הונדערט־פּראָצענטיק.

אונטער סאָציאַליזם דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אָט וואָס:

אַלע דאַרפן גלייך דערפילן זייער אַרבעטס־פליכט לגבי דער געזעלשאַפט און אַלע דאַרפן גלייך באַלוינט ווערן. קיינער קאָן, אויף קיין שום גערעכטן אופן, נישט האָבן מער פאַרן צווייטן. דער, וואָס איז פון דער נאַטור באַגליקט מיט בעסערע פעאיקייטן און איז דעריבער לייסטונגספעהיגער פאַר דער געזעלשאַפט, האָט, פאַר זיין נאַטור־באַגליקונג, נישט מער רעכט אויף לעבן, ווי דער נישט־באַגליקטער.

ס א ָ צ י א ַ ל י ז ם  ב א ַ ש ט י י ט  ה ו י פּ ט ז ע כ ל ע ך  א י ן  א ָ פּ ש א ַ פ ן  י ע ד ע  מ א ַ ט ע ר י ע ל ע  פּ ר י ו ו י ל ע ג י ע  פ ו ן  ד ע ם  ש ט א ַ ר ק ע ר ן  (מ ע ר  ב א ַ ג א ַ ב ט ן)  א י נ ד י ו ו י ד

לגבי דעם שוואכערן. סאָציאַליזם דאַרף אינ־גאַנצן זיין דאָס געווינס פון די שוואַכערע (וויניקער פעאיקערע).

ווען מיר דערלאָזן נאָר די קלענסטע אומגלייכקייט און גיבן דעם פעאיקערן אַביסעלע מער און דעם אומפעאיקערן אַביסעלע וויניקער, איז שוין מיט דעם אומגעוואָרפן דער גאַנצער רעכט־לעכער יסוד פון סאָציאַליזם. אויסער דעם איז בכלל נישט מעג־לעך „אַביסעלע מער״ און „אַביסעלע וויניקער״, ווייל ווו ווילן מיר נעמען די מאָס פאַרן ביסעלע. אויב מיר אָנערקענען, אין פּרינ־ציפּ, אַז עס קאָן קומען איינעם מער און דעם צווייטן וויניקער, איז פאַרוואָס פּונקט אַזויפיל, פאַרוואָס נישט אַ סך מער? ווילן מיר דערלאָזן אַביסל אומגלייכקייט, ווילן מיר, מיט דער צייט, האָבן אַ סך אומגלייכקייט. ווילן מיר ליקווידירן די אומגלייכ־קייט, דאַרפן מיר זיין קאָנסעקוועט ביזן סוף און איינשטעלן אַן אַבסאָלוטע גלייכקייט. קיין מיטלוועג איז דאָ גאָרנישט מעגלעך.

די פראַגע פון גלייכקייט איז די פראַגע פון סאָציאַליזם. אַזוי איז עס לאָגיש און אַזוי איז עס פּסיכאָלאָגיש. קאַפּיטאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן מיט קליינער אומגלייכקייט. די אורשפּרינגלעכע קליינע אומגלייכקייט איז געווען דער עמבריאָ־צושטאַנד פון דער איצטיקער אויסערגעוויינלעך־אומגלייכער געזעלשאַפט. אַזוי לאַנג, ווי עס וועט זיין די קלענסטע אומגלייכקייט, אַזוי לאַנג וועט זיין דער וואָרצל פון קאַפּיטאַליזם. מיטן אָפּשאַפן די קאַפּי־טאַליסטישע מלוכה און פּריוואַט־אייגנטום, האָט מען בלויז אָרומ־געשניטן די פּרוכטן פון קאַפּיטאַליסטישן בוים. דער בוים גופא, די אומגלייכקייט, איז געבליבן, און פריער אָדער שפּעטער וועט זיך די געשיכטע אָנהויבן איבערחזרן נאָכאַמאָל. די געבליבענע אומ־גלייכקייט וועט זיך פאַרפעסטיקן. זי וועט מוזן קריגן אַ לעגאַל־געזעלשאַפטלעכע סאַנקציע, ד. ה. געזעצן, וועלכע זאָלן געבן דעם אויבערשטן (טויגעוודיקן) שיכט אַ רעכט זיך אויסצונוצן מיט זיי־נע מאַטעריעלע פּריווילעגיעס. דערדאָזיקער שיכט וועט, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, פּרעטענדירן צו האָבן די מאַכט און וועט איר

האָבן. אַזוי וועט זיך אומקערן צום פּריערדיקן: שטאַרקע וועלן הערשן און שוואַכע וועלן באַהערשט ווערן.

דער אויסשפּרייט־פּראָצעס פונעם סאָציאַליזם פאַר דער גאַנצער מענטשהייט וועט מעגלעך דויערן אַ סך צייט. וויפל, קאָן מען נישט פאָראויסזאָגן. דאָס דאַרף די דערפאַרונג לערנען. יעדנפאַלס אינטערעסירט עס אונז גאָרנישט. אַלץ, וואָס עס אינטערעסירט אונז יאָ, איז, אַז אַזאַ אויסשפּרייט־פּראָצעס זאָל אָנגיין. דער געדאַנק, אַז מ׳קאָן געבן אַ שאָף אָפּ די איצטיקע געזעלשאַפט, וואָס עקזיסטירט „פון אייביק אָן״ און איז געמאַכט פון נאַטור און באַזירט אויף נאַטור — פון היינט אויף מאָרגן, איז אַן איינבילדונג. דער אומגעדולד פאַרן סאָציאַליזם, צו זען אים שוין און באַלד פאַרווירקלעכט, וואָס דאָס האָט געפירט צום געדאַנק פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, דאַרף זיך אויסדריקן אין דעם, וואָס מ׳טוט פאַרן סאָציאַליזם אַלץ, וואָס מ׳קאָן.

זאָלן די־יעניקע, וואָס האָבן קיין צייט נישט און ווילן אויפן מאָמענט די גאַנצע וועלט מאַכן פאַר סאָציאַליסטן, צום ערשטן דאָס אַליין ווערן. זאָלן זיי אָפּגעבן אַלץ, וואָס זיי האָבן; זאָלן זיי אַרבעטן אַ מאַקסימום און באַלוינט ווערן אַ מינימום; זאָלן זיי ווייזן, אַז זיי זענען גרייט צו זיין אַבסאָלוט גלייך מיט דעם שוואַכערן און ווייניקער לייסטונגס־פעאיקן פאַר זיי און— זיי וועלן שוין און באַלד האָבן איינגעשטעלט דעם סאָציאַליזם. זאָל זיי ווייניקער אַרן פאַר אַלע און מער פאַר זיך אַליין. ווען יעדן וועט אַרן פאַר זיך, וועלן שוין במילא זיין אַלע...

יעדער דאַרף אָנצינדן זיין אייגן ליכט און מיט דעם קומען צום קאָלעקטיוון פלאַם; יעדער דאַרף זיך אַליין דיסציפּלינירן און אָנשליסן זיין ווילן אין דעם ווילן פון אַלע; יעדער דאַרף זיך אַליין רעגירן, כדי אַלע זאָלן רעגירט ווערן און קיינער זאָל קיינעם נישט רעגירן. נאָר אַזוי אַרום קאָן געשאַפן ווערן יענע ענג־געשלאָסענע פּיראַמידע פון אַן איינהייטלעכן מאַסן־ווילן, וועמענס באַזע עס וועט זיין פריער ווילן פון יחיד, אין וועמענס שפּיץ, אָבער, עס וועלן זיין צונויפגענאָסן אַלע ווילנס, וועלכע

װעט מיט זיך פֿאָרשטעלן דעם אומצעפּרעכבאַרן אָרגאַניזירטן װילן פֿון כּלל...

דו, יחיד, װאָרט נישט, אַז דער כּלל זאָל דיך דערלייזן, דערלייז דיך אַליין! אַזױ אַרום װעט שױן במילא קומען די דערלייזונג פֿון כּלל. דער װעג פֿון מענטשלעכן אױפֿשטײַג קאָן נישט גײן פֿון כּלל צום פּרט, נאָר, פֿאַרקערט, פֿון פּרט צום כּלל. אױב די סאָציאַלע קעמערלעך װעלן זײַן פּאַטאָלאָגיש, װעט קײנמאָל קײן געזונטער סאָציאַלער אָרגאַניזם נישט זײַן. די סאָציאַלע מחלה נעמט זיך פֿון דער „צעלולאַרער פּאַטאָלאָגיע" און נישט פֿון קײן שלעכטער פֿונקציע פֿון סאָציאַלן אָרגאַניזם (װי דאָס האָט געמײנט דער מאַרקסיזם). פֿאַרשטײט זיך, אַז מען קאָן נישט פֿריער אױסהײלן דעם אָרגאַניזם און נאָכדעם די אײנציקע קעמערלעך, נאָר צום ערשטן מוז פֿאָרקומען די געזונטמאַכונג פֿון די „געזעלשאַפֿטלעכע קעמערלעך" און נאָכדעם װעט שױן דער אָרגאַניזם פֿון זיך אַלײן געזונט װערן.

דו, יחיד, װײס, אַז אין דיר נעסטיקט דאָס, װאָס מאַכט, אַז די געזעלשאַפֿט זאָל פֿול זײַן מיט פֿאַרקנעכטונג און אונטערדריקונג. אין דיר איז דער מקור פֿון דעם סאָציאַלן בײז און אַלע אומרעכטן. אין דיר איז די סיבה פֿונם גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן שלעכטס. דו ביזט שולדיק אין דער נױט פֿון די מיליאָנען אױסגעזױגענע אַרבעטס־מענטשן, דו ביזט שולדיק אין די אײביקע מלחמות און טײַכן בלוט, װאָס װערן פֿאַרגאָסן, דו ביזט שולדיק אין דעם, װאָס אין אײן אָרט שטאַרבן מענטשן פֿון הונגער און אין אַן אַנדער אָרט פֿאַרניכטעט מען שפּײַז, דו ביזט שולדיק אין דער דערנידעריקונג און פֿאַרפֿאָלגונג פֿון שװאַכע פֿעלקער און ראַסעס. מיט אײן װאָרט: דו ביזט שולדיק אין יעדן סאָציאַלן אומרעכט, װאָס װערט באַגאַנגען אין דעם װײַטסטן װינקל פֿון דער ערד, װײַל דאָס, װאָס באַװעגט יענע אַזױ צו האַנדלען, װאָלט אױך דיך באַװעגט אַזױ צו האַנדלען.

באַשולדיק נישט די אָרדענונג, נאָר זיך אַלײן. דו מאַכסט די אָרדענונג און נישט די אָרדענונג מאַכט דיך. װען דו װאָלסט געװען אַן אַנדערער, װאָלט די אָרדענונג געװען אַן אַנדערע. װען דו

וואָלסט נישט געוואָלט עקספּלואַטירן דיין מיטמענטש, ווען דו וואָלסט נישט געוואָלט גיין אוועקהרגענען דיין שכן פון יענער זייט גרענעץ, ווען דו וואָלסט נישט געוואָלט דערנידעריקן און פאַר־פּאָלגן דאָס שוואַכערע פאָלק, — צי וואָלט דען געווען אַן אָרדע־נונג, וואָס זאָל עס ווען?! די אָרדענונג, דאָס ביזטו.

די, וואָס האַלטן דיר אין איין אַריינשרייען: „די אָרדענונג איז שולדיק, מ׳דאַרף איבערמאַכן די אָרדענונג און אַלץ וועט גיין גוט", — דיינע פירער און „אויפקלערער", — זיי אַליין זענען טאַקע די שלעכטע אָרדענונג, די שלעכטע אָרדענונג איז פאַרוואַקסן אין יעדן פיבער פון זייער נשמה און כדי זיי עטוואָס צו פאַר־בעסערן, וואָלט מען באַדאַרפט איינשטעלן אַזאַ כשופדיקע אָרדע־נונג, וואָס זאָל זיי איבערמאַכן ביזן לעצטן אַטאָם... און דאָך הערן דידאַזיקע נישט אויף צו שרייען: „שלעכטע אָרדענונג", „כאַפּט דעם גנב", און זיי זעען נישט, ווי אַזוי זיי אַליין זענען כולו גנב...

וואַרט נישט אויף קיין „סאָציאַלע משיחים", וואָס וועלן דיך אויף כוח באַפרייען, אויף כוח איבערשאַפן. באַפריי דיך אַליין, באַשאַף דיך אַליין! דאָס, וואָס דו וועסט פאַר זיך נישט טאָן, וועט קיינער פאַר דיר נישט טאָן! קיין שום מאַכט אין דער וועלט וועט נישט באַפרייען די מענטשן, ווען זיי וועלן זיך אַליין נישט באַפרייען. דערלייזערס זענען אַ ליגן. אַ דערלייזער קאָן נישט מער, ווי רופן די מענטשן צו זעלבסטדערלייזונג. פאָלגן זיי נישט, בלייבן זיי קנעכט...

קיין אידעאַל קאָן אַנדערש נישט פאַרווירקלעכט ווערן, ווי נאָר דעמאָלט, ווען די, וואָס זענען פאַר אים, הויבן אים אָן צו פּראַקטיצירן. יעדער, וואָס מיינט ערנסט מיט אַן אידעע, דאַרף זיין דער ערשטער איר צו פאַרווירקלעכן; יעדער, וואָס איז פאַר אַ גערעכט לעבן, דאַרף עס אָנהויבן פון זיך!

דאָס יאָ, דער יחיד טאָר נישט בלייבן איזאָלירט. ער טאָר עס נישט, סיי צוליב זיך אַליין און סיי צוליבן כלל.

צוליב זיך: ווען מען איז איינער אַליין, קלעקט נישט קיין כוח; מ׳ווערט פאַרדרענגט און פאַרשריגן און — מ׳ווערט בטל, ד. ה., מ׳ווערט אפילו אויס איינער. ווען מ׳איז אָבער אַ סך,

שטייגט דער מוט, וואקסט דער ווילן, איינער וועקט און מונטערט דעם צווייטן, דאָס הייסט, דער איינער ווערט א סך, דער יחיד באַקומט דעם כוח פון רבים.

צוליבן כלל: דאָס שלעכטס איז אָרגאַניזירט, מוז זיך דאָס גוטס אויך אָרגאַניזירן, ווארום ווייבאַלד, אַז דאָס גוטס וועט בלייבן יחידיש, וועט עס שטענדיק צונישט ווערן אונטערן אַנגריף פונם אָרגאַניזירטן שלעכטס. קעגן איין אָרגאַניזירטן כוח קאָן ארויסטרעטן נאָר אַ צווייטער אָרגאַניזירטער כוח.

דעריבער, כאָטש יעדער איינער דאַרף פאַר זיך אַליין זיין „די סאָציאַליסטישע מלוכה", די „סאָציאַליסטישע דיקטאַטור", מוז ער אָבער אַלס זעלבסטבאַפרייטער און זעלבסטדערלייזטער אינדיווויד זיך צונויפגיסן מיטן זעלבסטדערלייזטן כלל. נאָר אין דער אָרגאַניזירטער געמיינשאַפט קריגט דער אידעאַליסטישער יחיד זיין תיקון און ווערט סאָציאַל וואַלאַריזירט. אַלס יחיד איז ער אַ סאָציאַלער זעראָ.

דער אַלגעמיינער איבערגאַנג פונם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם דאַרף באַשטיין פון אַ לאַנגן אָפּקלייב־פּראָצעס. עס דאַרף פאָרקומען אַן אַנהאַלטנדיקער עלימינאַציע־פּראָצעס פון דער מענטשהייט אויף דער זייט צום סאָציאַליזם. די אַלע, וואָס געפינען אויס דאָס סאָציאַליסטישע פּראָגראַם אין זיך; וואָס זענען גרייט זיך אַליין צו אונטערדריקן ביזן לעצטן, אַבי נישט צו באַוועלן דעם צווייטן און דעם כלל; וואָס זענען גרייט מקריב צו זיין מיט אַלץ, אַבי צו זען גלייכהייט און גערעכטיקייט הערשן צווישן מענטשן, דערדאָזיקער ווילן און דראַנג קומט אין זיי אויף ספּאָנטאַן און אַנהאַלטנדיק — די אַלע זאָלן קומען און אָנהויבן לעבן סאָציאַליסטיש.

די הויפּט־פליכטן פון אַ סאָציאַליסט זענען:

קיין סאָציאַליסט טאָר נישט פאַרמאָגן קיין פּריוואַט־אייגנטום, מער ווי דאָס, וואָס ער האָט נויטיק פאַר זיין אוממיטלבאַרן פאַרברויך. האָט אַ סאָציאַליסט אַ פאַרמעגן, מוז ער עס אָפּגעבן דעם כלל.

דאָס אָפּגעבן דאָס פּריוואַט־פאַרמעגן דער געזעלשאַפט דאַרף

באטראכט ווערן ווי דער „באקערונגס־אקט" צום סאציאליזם, ווי די „סאציאליסטישע טויפונג". אן דעם קאן מען קיין סאציאליסט נישט ווערן.

יעדער סאציאליסט מוז לעבן פון זיין ארבעט. אונטער „אר־בעט" ווערט פארשטאנען יעדע מעגלעכע לייסטונג פאר דעם כלל.

יעדער סאציאליסט, ווי ווערטפול זיינע לייסטונגען זאלן נישט זיין פאר דער געזעלשאפט, מוז באשטיין צו נעמען א גלייכן לוין מיט אלע.

דאס סאציאליסטישע לעבן, וואס הויבט זיך אן בויען לעבן קאפיטאליסטישן, אונטער דער פראטעקציע און מיטארבעט פון דער עטישער מלוכה, איז אי א ציל אן און פאר זיך און אי א קאמפס־מיטל. ציל איז עס מיט דעם, וואס די־יעניקע אלע, וואס ווילן לעבן אין גלייכהייט און גערעכטיקייט און פילן זיך דערווידערט און פארלעצט אין דער איצטיקער אנימאל־קאפיטאליסטישער וועלט, קאנען שוין און באלד אנהויבן לעבן אין אנקלאנג מיט זיך אליין. קאמפס־מיטל איז עס מיט דעם, וואס אזא לעבן, אינספירירט און דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון ליבשאפט און ברודערשאפט, וועט אונטערגראבן די יסודות פון קאפיטאליזם און וועט אים טרייבן צו פולקאמען אונטערגאנג.

ווען איין טייל פון דער מענטשהייט וועט לעבן אין גלייכהייט און ליבשאפט, וועט דער אנדערער טייל זיך פילן כסדר אראפגע־פאלן מיט זיין חיהש לעבן. די איצטיקע „גערעכטיקייט" וועט ווערן אפגעלייקנט און אויסגעשפאט. די אנהאלטנדיקע אקטואציע פון די סאציאליסטישע המונים, וועט זיין די בעסטע דעמאנסטרא־ציע פארן גלייכהייטלעכן מ ע נ ט ש ־ ר ע כ ט. דעמאלט וועט דער באוווסטזיין וועגן איצטיקן אומרעכט (חיה־רעכט), בליען אין מענטשלעכן גייסט און וועט ווערן קאנטראל און טארמאז, ביז עס וועט קומען דער אלגעמיינער און דעפיניטיווער איבערברוך.

צערודערן און צעטרייסלען דעם מענטשנס נשמה ביזן יסוד; שטערן דעם נארמאלן שטראם פון זיין ראציא־חיהש לעבן; אים ארויסשלאגן פון זיין סאציאלער אינערציע, — דאס וואלט גע־מיינט צעטרייסלען די זיילן פון דער אנימאליסטישער געזעלשאפט.

דאָס קאָן מען נישט מאַכן מיט קיין צוואַנגס־דעקרעטן, דאָס קאָן מען נאָר מאַכן מיט אַ מוסטער־לעבן פון אַ טייל מענטשהייט.

דעם קאַפּיטאַליזם דאַרף מען אויסרייסן מיטן וואָרצל; טאָר־מאָזירן זיין סטיכיע; אַפּטויטן זיין גייסט; זיך אַריינרייסן אין זיין טיפסטן אינגעווייד און דאָרט אים דערשיטערן און צעשטערן.

גייסט און טאַט וועט זיין די לאָזונג פון פריען סאָציאַליזם. דאָס ערשטע וועט סטימולירן דאָס צווייטע און דאָס צווייטע וועט באַגלויבט מאַכן און באַוווּרטיקן דאָס ערשטע. פּונקט ווי גייסט אין אומבאַגלויבט און אומווירקזאַם אָן טאַט, אַזוי איז פּרוכטבאַרע טאַט נישט מעגלעך אָן זיין סטימול — גייסט. גייסט און טאַט קריגן זייער פולן ווערט ערשט דעמאָלט, ווען זיי קומען סינטעטיש פאַרבונדן. פּונקט ווי עס איז ווערטלאָז צו וועלן אויפבויען אַ מעכאַניש, גייסטלאָז לעבן, אַזוי איז אויך ווערטלאָז צו קולטיווירן דעם גייסט און ער זאָל נישט אויסגעדריקט ווערן אין טאַט.

גוטער גייסט פון אינעווייניק, מיינט גוטע טאַט פון דרויסן. דאָס צווייטע איז די פּראָבע פון ערשטן. דאָס איינציקע, אין וואָס מען גלויבט נאָך היינט און מ׳וועט שטענדיק גלויבן, איז טאַט. גייסט אָן מעשים האָט קיין ממשות נישט, גייסט אָן מעשים איז ליגן. פריידיקן שיין צו פילן און נוט צו פילן און דערביי זאָל עס בלייבן, איז ווערטלאָז. דער ציל פון גייסט איז טאַט און דורך טאַט ווערט גייסט באַוווּרטיקט.

דעריבער וועט די אַרבעט געפירט ווערן גלייכצייטיק אויף ביידע פראָנטן: אויפן אינערלעכן און אויפן אויסערלעכן. מ׳וועט בויען דאָס נייע לעבן אין דער נשמה און אין סאָציאַלן סדר. מ׳וועט צעשטערן די חיה־געזעלשאַפט אין גייסט און צעשטערן אירע איינריכטונגען. אין מענטשן וועט מען אונטערגראָבן דעם גייסט פון די ביז־איצטיקע אינסטיטוציעס און אין לעבן אונטערגראָבן די אינסטיטוציעס גופא. די רעוואָלוציע פון גייסט וועט זיין בלויז אויף אַ העלפט, די צווייטע העלפט וועט זיין די רעוואָלוציע פון טאַט.

די פריער־דערמאָנטע פליכטן וועלן דאַרפן זיין דער מאַקסימום־פּראָגראַם פון דעם פרייוויליקן סאָציאַליזם אונטערן שוץ און

סטימול פון דער עטישער מלוכה. דערמיט וועט זיך עס אָבער נישט ענדיקן. די עטישע מלוכה וועט אויך האָבן אַלס איר אויפ־גאַבע צו שיצן און סטימולירן יענע אַלע סאָציאַלע פאָרמען, וואָס שטייען אויף אַ צווישנשטופע צווישן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַ־ליזם.

אַלע די־יעניקע, וואָס וועלן זיך נישט פילן בכוח אָפּצוזאָגן פון אייגנטום און פּראַקטיצירן אַבסאָלוטע גלייכהייט, נאָר וועלן דאָך וועלן איינשטעלן אַ געמיינזאַמען אופן אויפן געביט פון פּראָדוקציע און פאַרטיילונג, וועלן בילדן אַ צווישנשטופע און די אויפגאַבע פון דער עטישער מלוכה וועט זיין צו געבן דעראָזיקער צווישנשטופע אַלע מעגלעכע דערלייכטערונגען און שטיצעס, זי זאָל דערגרייכן דעם העכסטן פּונקט, לויט די פרייע איניציאַטי־וועס, וואָס וועלן זיין פאַר איר.

און די, וואָס וועלן דוקא וועלן ווייטער פאָרזעצן דאָס קאַ־פּיטאַליסטישע לעבן? — דיזאָזיקע וועט די עטישע מלוכה נישט פאַרגוואַלטיקן און וועט אויף כוח זיי נישט צווינגען צו לעבן אַנ־דערש, ווי זיי זענען. און — מעג דער בעסערער מענטש פילן און זיין איבערצייגט, אַז קאַפּיטאַליזם איז רויב און די, וואָס לעבן אין אים, זענען רויבער, — מוז ער זיך רעכענען מיטן פאַקט, אַז אַזוי זענען די מענטשן. און וויבאַלד זיי זענען אַזוי, העלפט דאָ נאָר ווייניק, וואָס ער וויל, אַז זיי זאָלן זיין אַנדערש. קעמפן מיט נאַטור איז אומפּרוכטבאַר. איבערמאַכן דאָס מענטשלעכע לעבן אין תוך איז אַ פראַגע פון אַ דורות־לאַנגער און ווירקזאַמער קולטיווירונג פון דעם מענטשנס מאָראַלישער נאַטור. און דאָס וועט מען קאָנען טאָן נאָר דאַן, ווען די בעסטע וועלן האָבן די מאַכט איבערן לעבן און זיי וועלן אין דער גאַנצער ברייט און טיף אַרבעטן איבערן איבערדערציען און קולטיווירן דעם מענטשנס מאָראַלישע נאַטור. אָנהויבנדיק פון דער פריסטער קינדהייט און ענדיקנדיק אין טיפן עלטער, זאָל אַלץ — אַלץ, וואָס וועקט און באַפרוכפּערט דעם גייסט, וואָס דערציט און באַווירקט דעם ווילן — אָנגעווענדט ווערן צו שטויסן דעם מענטשן צו אַ שענער און בעסער לעבן, ווי דאָס, וואָס ער פירט.

ביז איצט האָט אַזאַ מלוכה קיינמאָל און אין ערגעץ נישט עקזיסטירט. די ביז־איצטיקע מלוכה, נישט נאָר זי האָט נישט אויסגעאיבט קיין מאָראַליזירנדיקע ווירקונג אויף די מענטשן, נאָר זי האָט יעדע עכטע און אמתע מאָראַל־אַקציע געשטערט.

נאָר ווען דער עטישער מענטש וואָלט געקומען צו דער מאַכט; נאָר ווען מלוכה וואָלט געוואָרן די העכסטע דערציערישע אינסטאַנץ פון דער געזעלשאַפט, נאָר דעמאָלט און נאָר אַזוי אַרום וואָלט עס געקאָנט געמאָלט זיין, אַז, מיט דער צייט, זאָל קומען די אַלגעמיינע, אמתע און אָרגאַנישע, פרייהייט,־ גלייכהייט און ברידערלעכקייט־געזעלשאַפט...

## III

רעדנדיק וועגן פאַרבעסערן דאָס מענטשלעכע לעבן, מוז מען אַנטשידן אָפּטיילן דאָס נאַטירלעכע שלעכטס, וואָס איז פאַראַן אין דעם, פון דעם אויסגעלערנטן שלעכטס.

למשל, אומגלייכקייט און פּריוואַט־אייגנטום זענען נאַטירלעך שלעכטס. זיי עקזיסטירן ספּאָנטאַן. מען לערנט זיי נישט מיט די קינדער אין די שולן; מ׳פירט נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיי; זיי זענען נישט קיין פּונקט אין דער פאָלקס־דערציִאונג א. א. וו. אומגלייכקייט און פּריוואַט־אייגנטום נעמען זיך פון דעם עגאָאיסטישן „אינסטינקט”. מיט אינסטינקט איז שווער זיך אַן עצה צו געבן; אינסטינקט דאַרף מען באַקעמפן. און פירן אַ קאַמף מיט אינסטינקט איז, יעדנפאַלס, נישט אַזאַ לייכטע אונטערנעמונג.

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט אַזאַ אינסטיטוציע, ווי נאַציאָנאַליזם. ווען מ׳וואָלט נאַציאָנאַליזם אויף כוח די מענטשן נישט אַרויפגעצוווּנגען, וואָלטן זיי גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס דאָס איז אַזעלכעס. פירט צונויף קינדער פון אַלע נאַציעס און אַלע ראַסעס פון דער גאַנצער וועלט, דערציט זיי, פון געבוירנטאָג אָן, אינאיינעם און דערציילט זיי נישט קיין מעשיות פון נאַציאָנאַלער ערד, פאָטערלאַנד־ליבע, דו אַזאַ פאָלק, יענער אַזאַ פאָלק, און זיי וועלן די מינדסטע אַנונג נישט האָבן וועגן דערדאָזיקער פאַר־

שאַלטענער פּלאַן, וואָס פאַרביטערט און פאַרפינסטערט איצט אַזוי שטאַרק דאָס לעבן פון דער מענטשהייט. נישט אַפילו דער פאַר־שידענער קאָליר פון די הויטן וועט אַריינברענגען דעם מינדסטן געדאַנק ביי די ווייס־הויטיקע קינדער, אַז זיי זענען אַנדערש, שע־נער און גרעסערע מיוחסים, פאַר די שוואַרץ־הויטיקע און זיי דאַרפן זיי פיינט האָבן, פונקט ווי אַזעלכעס פילן נישט די בלאָנדע קינדער וועגן די ברונעטע, אָדער פאַרקערט. דער קאָליר פון דער הויט וואָלט געווען די סאַמע נאַטירלעכסטע זאַך און וואָלט קיין שום באַזונדערע געדאַנקלעכע אויפמערקזאַמקייט נישט געצויגן. עס וואָלט בלויז געשפּילט אַ ראָלע די אינדיווידועלע כאַראַקטער און אינטעלעקט־פאַרשידנקייט, וואָס דאָס שפּילט במילא אַ ראָלע אַפילו אינערהאַלב דעם ענגסטן קיבוץ, אָבער צו קיין פאַרשידנ־קייט פון גרופּעס אַלס גאַנצע וואָלט עס נישט געקומען.

פאַרשטענדלעך, אַז אויסגעלערנט און דערצויגן שלעכטס איז אַ סך לייכטער צו באַקעמפן, ווי איינגעבוירן שלעכטס.

די וועלט־מלוכה איז גיכער דורכפירבאַר, ווי די עקאָנאָמישע אויסגלייכונג פון דער געזעלשאַפט. דאַרף דאָס לייכטער־דורכפיר־באַרע אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ פריערדיקן פּלאַץ, ווי דאָס שווערער־דורכפירבאַרע, כדי דאָס ערשטע זאָל קאָנען דינען ווי אַ רעסורס פאַרן צווייטן.

דער געדאַנק פון וועלט־מלוכה שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ גרינטלעכע און טאָטאַלע לייזונג צו די אַלע אָנגעוויטאָגטע און דרינגלעכע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט, בפרט אין דער איצ־טיקער צייט, אַז עס בלייבט נאָר איבער זיך צו וווּנדערן, פאַרוואָס דערדאָזיקער געדאַנק איז אַזוי ווייניק פּאָפּולער צווישן די ברייטע קרייזן פון דער געזעלשאַפט.

מיט ווייטאָג מוז מען צוזען, ווי אַזוי קעגנזעצלעך צו די אַלע תנאים פון מאָדערנעם לעבן, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט אַ כוואַליע פון קראַנקהאַפטן נאַציאָנאַליזם. די פעלקער ווערן אָנגעשטעקט מיט אַ נאַציאָנאַלן גרויסקייט־שגעון. עס ווערן קינסטלעך קולטיווירט און אַרויסגערופן די שעדלעכסטע און נאַרישסטע סענטימענטן פון פעלקער־גאוה, וואָס האָבן לחלוטין

קיין אָרט און קיין באַרעכטיקונג נישט אין דער איצטיקער וועלט.

עס בעט זיך ממש אָנצוווייזן אויף דער באַוווּסטזיניקער און בכיוונדיקער פאַקריפּלונג פון די פעלקער און אויף דער ציניש־ברוטאַלער פאַרגוואַלטיקונג פון אַלע מאָדערנע קולטור־דערגרייכונ־גען, וואָס אָריענטירן די וועלט דווקא אין דער ריכטונג פון אַל־פעלקערלעכקייט.

ווי אַזוי קאָן אין דער איצטיקער צייט, ווען קאָנטינענט מיט קאָנטינענט רעדן זיך צונויף פון מויל צו אויער, זיין מעגלעך נאַציאָנאַליסטישע אָפּגעשלאָסנקייט; ווי אַזוי קאָן אין אַ צייט פון לופט־קאָמוניקאַציע, ווען ימען און אָקעאַנען ווערן אויגנבליקלעך דורכגעשניטן, זיין פּאַסיק פעלקערלעכע אָפּזונדערונג; ווי אַזוי קאָן אין צייטן פון אומפאַרמיידלעכן סחורה־טויש פון די פאַרשידנסטע לענדער און פעלקער, זיין מעגלעך דאָס ארומגרענעצן זיך אין נאַ־ציאָנאַלע ד' אמות; ווי אַזוי קאָן אין צייט פון אַלמענטשלעכער וויסנשאַפט, קונסט, טעאַטער, פילם, בוך, ציַיטונג, קליידונג, שו־כונג, וווינונג, מיט איין וואָרט, אַלץ — אַלץ, וואָס איז קולטור און לעבן, — זיין נאָרמאַל נאַציאָנאַלער קולט?! דאָס איז אומ־נאָרמאַל! דאָס איז ביַיזוויליקע נעגאַציע צום פּאָזיטיווסטן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע; דאָס איז בכיוונדיקע פאַרלעצונג פון דעם בעסטן פון דער קעגנוואַרטיקער צייט. נישטאָ קיין מער אַנטי־מאָדערנע דערשיינונג, ווי פאַשיזם. אין היינטיקער צייט בויען אויף נאַציע, הייסט אַרויסטרעטן קעגן דער תקופה, הייסט זיך קעגנשטעלן דעם קולטורעלן פאַראויסגאַנג פון דער געשיכטע, הייסט זיך קלאַמערן אין אַן אָפּגעשטאָרבענער קולטור פון פאַר־צייטן, וואָס האָט היינט בשום אופן מער קיין אָרט נישט.

די אַלערליי נאַציאָנאַל־פאַשיסטישע אידעאָלאָגיעס זענען אַבסורדער און לעכערלעכער אַנאַכראָניזם. וואָס פאַרא זינען האָבן איצט לענדער און לענדערלעך, טעריטאָריעס און טעריטאָריעלעך, גרענעצן און גרענעצלעך. די פעלקערלעך און לענדערלעך טויגן נאָר אויף אָנצומאַכן זיך צרות איינער דעם אַנדערן. זיי זענען נעסטן פון קעגנזייטיקער שנאה, אינטריגע און אַרומרייסעניש בלפּי־חוץ, און נעסטן פון פּאַראַזיטיזם, ביוראָקראַטישער פאַר־

קנעכטונג און גייציקן קאריעריזם פאר אַלערליי פּאַטריאָטן, ,,פאָלקס־פריינט'' און ,,הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן'', כלפּי־ פּנים. אַלע דאַרפן זיי אַרמייען, קריגס־הוצאות און אָנגעשוואָלענע ביוראָקראַטן פאַר שטאַטס־אַדמיניסטראַציע. מ'ווערט דערשטיקט אינם קנויל פון מיזעריע, גאווה און האַס, אַבי מ'פּראָוועט נאַציאָ־ נאַליזם.

דער מאָדערנער שנעל־צוג ווייס נישט פון קיין ווייטקייט און דיסטאַנץ; די לופט־שיף און דער אַוויאָן אָנערקענען נישט קיין גרענעצן; דער טעלעפאָן, טעלעגראַף און ראַדיאָ שרומפּן איין אונזער פּלאַנעט צו אַ פּיטשינק קיילעכל, ווו צעטיילטקייט האָט קיין זינען נישט. די שול און דאָס אומגעהויער פאַרשפּרייטע גע־ דרוקטע וואָרט גראָבן אונטער די יסודות פון דער שפּראַכן־צע־ ברעקלונג און לייגן אויס אַ וועג פאַר אַן איינהייטלעכער שפּראַך. דער מאָדע־זשורנאַל פון פּאַריז און ניו־יאָרק באַשטימט די הלבשה פון גאָר דער מענטשהייט. אָפּגערעדט, אַז דער ווייץ און דער אייל, די מאַשין און דער טראַקטאָר ווילן נישט וויסן פון קיין נאַציאָ־ נאַל־פאַשיסטישע טעאָריעס און שטרעבן דווקא צו קומען אַהין, ווו מען נויטיקט זיך אין זייער פאַרברויך און ווו מען קאָן באַקומען אין זייער אויסטויש אַנדערע ווערטן.

וואָס פאַרא זינען האָט איצט דאָס היסטעריש־ווילדע ריטשען פון די פאַשיסטישע טיראַנען. זיי ווילן אַרויפצווינגען אויף אונ־ זער צייט אַ קולטור, וואָס וואָלט געפּאַסט פאַר די צייטן פון סו־ מאַרא און עגיפּטן. זיי ווילן פאַרטומלען און פאַרשיכורן די המונים מיט אומגלויבלעך־לעכערלעכע גרויסקייט־דאָקטרינעס. יע־ דער איינער פון דידאָזיקע באַדויערלעכע טיפּשים פּייערט צו זיינע אָנהענגער: מיר זענען די גרעסטע און די בעסטע, די שענסטע און די קלינסטע, די שטאַרקסטע און געוואַגטסטע, מיט איין וואָרט, דאָס סאַמע אויבערשטע פון שטויסל און אַלע איבעריקע פעלקער זענען גאַלע טויגעניכטסן און פּחדנים, בלאָטע שבבלאָטע, און מיר דאַרפן זיי מאַכן פאַר אונזערע קנעכט אָדער אויסהרגענען. אַזא נאַציאָנאַלע טעאָריע בויען אויס די דייטשע פאַשיסטן בנוגע דעם איטאַליענישן פאָלק, למשל, און די איטאַליענישע בנוגע דעם

דייטשן פאָלק. און דאָס אָרעמע מענטשל, דאָס פאָלק, נעמט זיך איבער: אודאי זענען מיר די גרעסטע און די בעסטע און די שענסטע. אזוי שאַרפט יעדעס „גרעסטע און בעסטע" פאָלק דאָס געווער קעגן יעדן „ערגסטן און קלענסטן" פאָלק... וואָלט די שפּיל נישט געווען אזוי טראַגיש און געפערלעך, וואָלט זי נישט געשטעלט אין געפאַר מיליאָנען לעבנס פון אָט־אָ דידאָזיקע „גרעסטע און בעסטע", וואָלט זי אודאי געווען צום לאַכן און אַ פיינער שפּאַס אין דער געשיכטע פון דער העכסטער ציוויליזאַציע.

די איינציקע, פאַר וועמען עס לוינט זיך די נאַציאָנאַל־פּאַשיסטישע מעגאַלאָמאַניע, זענען די קאַפּיטאַליסטישע גרויס־רויבער. דידאָזיקע אומדערזעטלעכע וואַמפּירן פון דער מענטש־הייט האָפן, דורכן צעבלאָזן דעם נאַציאָנאַלן גרויסקייט־שגעון, צו קאָנען אויסרויבן די קאַסעס איינער ביים צווייטן און די פעלקער זאָלן זיי דינען אַלס אינסטרומענט דערצו. (אָ, פאָלק, מאַסע, סאַראַ אומגלויבלעך לייכטזיניקייט, נאַריש באַשעפעניש דו ביזט!...).

סיי אָביעקטיוו, דאָס הייסט, לויט די אומשטענדן פון דער צייט און סיי סוביעקטיוו, ד. ה. לויט דעם מענטשנס איינגשאַפטן און גייסט, איז די וועלט־מלוכה מעגלעך און נויטווענדיק. די איצטיקע כוואַליע פון נאַציאָנאַל־שאָוויניזם קאָן בשום־אופן נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. בטבע האָט זיך נישט די מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער. דער איצטיקער האַס איז אַ קינסטלעך באַלעבעטער. פון זיך אַליין, נישט אונטערגעהעצט און נישט פּראָוואָצירט, שפּילט דער נאַציאָנאַלער מאָמענט אַבסאָלוט קיין ראָלע נישט ביים אויסאַרבעטן די צווישנמענטשלעכע באַציאונגען. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט הויבט אָן ווערן אַקטועל דע־מאָלט, ווען מ'מאַכט אים אַקטועל. רייצט מען אים נישט און מען העצט אים נישט, עקזיסטירט ער נישט. בלויז די ארכי־בורזשויען צוזאַמען מיט די קרענקלעכע פּאַטריאָטן, האָבן אַן אינטערעס, אַז די פעלקער זאָלן זיין אָפּגעזונדערט און פיינטלעך צווישן זיך און זיי מונטערן און וועקן דעם מעגאַלאָמאַנישן פּאַטריאָ־קולט צווישן די מאַסן און לאָזן נישט, אַז דידאָזיקע אומגעזונטע, אומקולטו־

רעלע און אוממאָדערנע סענטימענטן און באוווּסטזיין זאָלן איינ־דאַרן און אָפּשטאַרבן. לויט אירע ספּאָנטאַנע געפילן, וואָלט די מאַסע פּונקט אַזוי גוט זיך געקאָנט אויסלעבן אין אַ וועלט־שטאַט, ווי זי לעבט זיך אויס אין דעם פיל־געפייערטן נאַציאָנאַלן שטאַט. דער דורכשניטס־מענטש איז אַבסאָלוט גלייכגילטיק צו דער פראַגע פון נאַציאָנאַלער אָדער אינטערנאַציאָנאַלער מלוכה. אויב ער ווייזט זיך איצט אַרויס צו זיין אַזאַ הייסער נ אַ צ י אָ נ אַ ל־פּ אַ ט ר י אָ ט, וואָלט ער פּונקט געקאָנט זיין אַזאַ הייסער ו ו ע ל ט ־ פּ אַ ט ר י אָ ט, ווען די געלט־ און מאַכט־פּאַראַזיטן פייערן אים נישט אָן, נאָר ער ווערט דערצויגן אין גייסט פון אינ־טערנאַציאָנאַלער ברודערשאַפט.

די איצטיקע וועלט, וואָס שטייט פאַרזונקען אין אַ ים פון בלוט און טרערן פון אַ פאַרפייניקטער און ליידנדיקער מענטש־הייט, איז צו דעמדאָזיקן מצב דערפירט געוואָרן פון די גאָלד־וואַמפּירן צוזאַמען מיט די בלוטיקע מאַניאַקן. דער איצטיקער וועלט־חורבן איז נישט קיין פּועל־יוצא פון נאַטירלעכע אויסוויק־לונגען, נאָר פון אומנאַטירלעך־געשאַפענע אומשטענדן. דאָס האָבן עס די ערגסטע טיפּן, וואָס דער מענטשלעכער מין גיט פון זיך אַרויס, דערפירט די וועלט צו אַזאַ לאַגע.

די פאַקטישע און אָרגאַנישע איינהייט פון דער איצטיקער וועלט איז אַ דערשיינונג, וואָס ליגט פון סאַמע אויבנאויף. ד י ו ו ע ל ט ־ א י י נ ה י י ט א י ז א י י נ ג ע ש ט ע ל ט „ד ע פ אַ ק־ ט אָ“, מ ע ן ד אַ ר ף ז י ב ל ו י ז אָ נ ע ר ק נ ע ן „ד ע י ו ר ע“. נישטאָ קיין איין איינציקע וויכטיקע געשעעניש אויפן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן צי קולטורעלן געביט, וואָס זאָל פאָרקומען אין איין ציוויליזירט לאַנד, און זאָל נישט האָבן קיין טיפע השפּעה אויף אַלע איבעריקע לענדער.

דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון אַלע קולטור־פעלקער פון דער וועלט איז איצט אַזוי ענג פאַרקניפּט און פאַרבונדן צווישן זיך, אַז זיי, די פעלקער־ווירטשאַפטן, שטעלן מיט זיך פאָר ט י י ל ן פון אַן אָרגאַניש־איינהייטלעכן, אומצעטיילבאַרן וועלט־ווירטשאַפט־

לעבן סיסטעם, וואָס יעדער דעפעקט און שטערונג אין איין טייל מוז האָבן אַן איינפלוס אויף אַלע איבעריקע.

די פאַרצווייפלטע קאַמפן און ראַנגלעניש, וואָס די פעלקער מאַכן איצט דורך אויפן עקאָנאָמישן געביט, האָבן נישט קיין אַנ־דער סיבה, ווי נאָר די, וואָס די מאַכטהאָבער ווילן נישט אָנער־קענען דעמדאָזיקן בולטסטן פאַקט פון אונזער צייט, נאָר ווילן דווקא, אַז איינצלנע אָפּגעריסענע גלידער זאָלן פירן אַ זעלבסט־שטענדיקע עקזיסטענץ.

דאָס באַמיען זיך צו לייזן דעם איצטיקן עקאָנאָמישן קריי־זיס פון דער וועלט אין נאַציאָנאַלע ראַמען, שטעלט מיט זיך פאָר אַ טראַגיש שפּיל פון וועלן פאַרגוואַלטיקן די מאָדערנע קולטור־ווירקלעכקייט מיט מיטלען, וואָס האָבן זיך אויסגעאַרבעט אין אַ פּרימיטיווערער וועלט ווי די, אין וועלכער מיר לעבן איצט. „נאַ־ציאָנאַלע עקאָנאָמיק" אין דער איצטיקער צייט מיינט נישט עפּעס אַנדערש, ווי איינשפּאַנען אַ פּאָר אָקסן אין אַ לאָקאָמאָטיוו אָדער אַריינשפּאַרן אַ וואָלקנקראַצער אין אַ פּאַרצייטיקער כאַטע וכדומה...

די איינשטעלונג פון אַ וועלט־מלוכה איז אַ נויטווענדיקייט, וואָס וואַקסט אוממיטלבאַר אַרויס פון די קעגנוואַרטיקע לעבנס־פאַקטאָרן, וועלכע אָריענטירן די וועלט צו אַן איינהייטלעכער קול־טור בכלל און צו אַן איינהייטלעכער עקאָנאָמיק בפרט. די וועלט־מלוכה איז די אַנטשפּרעכנדיקע פּאָליטישע אינסטיטוציע פון דער איצטיקער עפּאָכע. אָן איר וועט מוזן זיין אומאויפהערלעכער פּלאָנ־טער און גערּאַנגל. די וועלט־מלוכה קומט אויסגלייכן דעם גרויסן ווידערשפּרוך, וואָס מען האָט בכיוון געשאַפן צווישן דער קולטור פון דער צייט און די אַנאַכראָנישע מעטאָדן, וואָס ווערן אָנגע־ווענדט. זי קומט רעהאַביליטירן אונזער נייסטע געשיכטע, וועלכע מ'האָט פאַרגוואַלטיקט, פאַרקריפּלט און בכיוון אַראָפּגעפירט פון וועג.

נישט קוקנדיק אויף די שוועריקייטן פון מאָמענט, איז דאָך נישט פאַראַן קיין שום רעפאָרם אין אונזער לעבן, וואָס זאָל זיין אַזוי דרינגענדיק און וואָס וואָלט געקאָנט אַזויפיל גוטס טאָן אַלע שיכטן פון דער מענטשהייט, ווי די באַשאַפונג פון דער פעדעראַטי־ווער פעלקער־מלוכה.

די פעדעראַטיווע פעלקער־מלוכה וואָלט געראַטעוועט די וועלט ניט נאָר פון איר פּאָליטישן חורבן, נאָר אויך פון עקאָנאָמישן; ניט נאָר וואָלט זי געווען אַן איינמאָליקע לייזונג צו דער קראַנקער וועלט, זי וואָלט געווען אַ היילונג אויף שטענדיק. אונטער איר ממשלה וואָלט די וועלט מער קיינמאָל ניט צוגעקומען צו דעם מצב, וואָס איצט.

די ציוויליזאַציע און די טעכניק האָבן דערמעגלעכט, אַז אַלע מענטשן, וואָס לעבן אויף דער ערד, זאָלן קאָנען האָבן אַלע זייערע מאַטעריעלע און גייסטיקע הצטרכותן. דער מאַנגל אין עקזיסטענץ־מיטלען, וואָס איז אַמאָל געווען אַ באַרעכטיקטע סיבה פאַר קאַמף, איז היינט מער ניטאָ. אַלע קאָנען היינט האָבן גענוג און איבערגענוג.

וואָלט די אַלפעלקערלעכע מלוכה געוואָרן אַ פאַקט, וואָלט די וועלט דערלייזט געוואָרן: די אַרמייען וואָלטן צעלאָזן געוואָרן, די וואָפן וואָלטן ליקווידירט געוואָרן, די צאָל־באַריערעס און די גרענעצן וואָלטן אָפּגעשאַפט געוואָרן. די גאָלד־אוצרות, וואָס ליגן פאַרגליווערט אין די אונטערערדישע קעלערן פון די בענק און פינאַנץ־צענטערן, וואָלטן געצוווּנגען געוואָרן צו ווערן באַוועגלעך. עס וואָלטן אונטערגענומען געוואָרן עפנטלעכע אַרבעטן פון אַ וועלט־מאַסשטאַב. די אַרבעטסלאָזיקייט וואָלט פאַרשווונדן, די אינדוסטריע און דער האַנדל וואָלטן אויפגעבליט און דער וווילשטאַנד וואָלט זיך צוריקגעקערט. דער עיקר: עס וואָלט איינגעשטעלט געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטראָל, אַז די פּראָדוקציע און דער פאַרבּרויך זאָלן זיך געפינען אין גלייכגעוויכט און עס זאָל ניט קומען צו קיין אומאָרדענונגען אין דער וועלט־ווירטשאַפט. וואָס העכער עס וואָלט געשטיגן די פּערפעקציאָנירונג פון די פּראָדוציר־מיטלען, אַלץ נידעריקער וואָלט געפאַלן די אַרבעטס־צייט. אויף כוח וואָלטן געקאָוועט געוואָרן די מאָנסטעריעזע, וועלט־פאַרשלינגערישע אַפּעטיטן פון גרופּקעס אַרכי־מיליאַרדערן. אַרבעטסלאָזיקייט און עקאָנאָמישע דעפּרעסיע וואָלטן געווען אַ זאַך פון דער אוממעגלעכקייט. די פראַגע פון איבערבאַפעלקערונג וואָלט בשום־אופן ניט געקאָנט זיין קיין מאָטיוו פאַר קאָנ־

פּליקטן, ווייל עס זענען נאָך פאַראַן קאָנטינענטן מיט צוגעננלעכע באַדינגונגען, וואָס וואָלטן געקאָנט לייזן די פראַגע. מיט איין וואָרט: די וועלט וואָלט אויפגעריכט געוואָרן. אָרעמקייט און האַס וואָלטן פאַרשוווּנדן און זייער אָרט וואָלט פאַרנומען רייכקייט און פרידן.

און ערשט דעמאָלט, ווען די וועלט וואָלט זיך פרידלעך און נאָרמאַל אַנטוויקלט, וואָלט רייף געוואָרן די צייט פאַר דעם פרייען אויפקום פון סאָציאַליזם, ערשט דעמאָלט וואָלט געקאָנט אויסגע־בויט ווערן די האַרמאָנישע געזעלשאַפט פון ברידער און גלייכע. אָן צוואַנג און אָן פאַרגוואַלטיקונג, נאָר דורכן בלויזן באַפרוכ־פערן, באַלעבן און אַקטיוויזירן דעם גוטן ווילן און די מאָראַלישע כוחות פון דער מענטשהייט.

און דאָס קאָן זיין! די וועלט־מלוכה טרעפט נישט אָן קיין שום שטערונגען אין דעם מענטשנס נאַטור. דאָס איינציקע, וואָס עס פעלט, איז אַן אָרגאַניזירטער כוח, וואָס זאָל שטויסן די מענטשהייט אין דערדאָזיקער ריכטונג. ד ע ר ד אָ ז י ק ע ר אָ ר־ג אַ נ י ז י ר ט ע ר  כ ו ח  מ ו ז ן  ו ו ע ר ן  ד י  ב ע ס ע ר ע  מ ע נ ט ש ן  פ ו ן  אַ ל ע  פ ע ל ק ע ר  א ו ן  אַ ל ע  נ אַ צ י ע ס. אַזוי לאַנג, ווי דער א י צ ט י ק ע ר  ט י פּ הערשער וועט זיין ביי דער מאַכט, אַזוי לאַנג וועט עס גיין אַלץ ערגער און ערגער. די מאַכט איבערן לעבן מוז איבערגיין אין די הענט פון די בעסטע, פון די צומווינציקסטן גייציקע, פון די צוממערסטן מענטשן־ליבנדיקע. די איצטיקע הערשער זוכן אַרויסצוברענגען אַלדאָס בייזע און עגאָאיסטישע, וואָס איז פאַראַן אין מענטשן און מאַכן דערפון אַ געבערויך פאַר זיך.

דער געדאַנק פון אַן עטישער מלוכה און דער געדאַנק פון וועלט־מלוכה זענען אַזוי אינטים פאַרוועבט צווישן זיך, אַז מען קאָן זיי גאָרנישט נעמען באַזונדער. זיי שליסן זיך, נויטיקערווייז, איין און דערגענצן זיך איינער דעם צווייטן. ווייל — פונקט ווי עס איז דעם בעסערן מענטשן אָרגאַניש פרעמד און דערווידער די איינגעטיילטקייט פון דער געזעלשאַפט אויף אויסגענוצטע און אויסנוצערישע קלאַסן, אַזוי איז אים אויך אָרגאַניש פרעמד און

דערוווּדער די איינגעטיילטקייט פון דער געזעלשאַפט אויף פעלקער און פעלקערלעך, ריוואַליזירנדיקע און פיינטלעכע איינע די אַנ־דערע. דער עטישער מענטש פילט ליבע צו אַלע מענטשן פון אַלע פעלקער גלייך. ער פילט נישט קיין שום אונטערשיד צווישן אַ מיט־גליד פון זיין פאָלק און אַנדערע פעלקער. און נאָר דעמאָלט, ווען ער וואָלט געקומען צו דער מאַכט, נאָר דעמאָלט וואָלט געקאָנט געשאַפן ווערן די איינהייט פון די פעלקער.

IV

נאַציאָנאַליזם איז די קראַנקהייט פון אונזער צייט. אַלע מענטשן, אַן אויסנאַם, אַזוי גוט דער בעסערער מענטש, ווי דער דורכשניט, ליידן פון דערדאָזיקער מחלה.

אויב דער דורכשניט איז פארכאַפּט פונם פּאָליטישן (אַני־מאַלן) נאַציאָנאַליזם, איז דער בעסערער מענטש פארכאַפּט פונם קולטורעלן (עטישן) נאַציאָנאַליזם.

וועגן דעם ערשטן סאָרט נאַציאָנאַליזם וועלן מיר דאָ מער נישט רעדן. מיר ווילן דאָ נאָר עטוואָס זאָגן וועגן צווייטן סאָרט נאַציאָנאַליזם.

מיר פארשטייען נישט, וואָס קאָן אין דער איצטיקער צייט מיינען קולטורעלער נאַציאָנאַליזם. אַלץ, וואָס איז **קולטור** פון איצט, איז — אַזוי איז דער פאַקט — פון אַלמענטשלעכן שניט.

נעמט וואָס פארא קולטור־געביט איר ווילט נאָר אַליין: נעמט ליטעראַטור, מוזיק, מאָלעריי, ארכיטעקטור, וויסנשאַפט, טעכניק, פּאָליטיק, מאָראַל (מאָראַלע פאָרמען), געזעצגעבונג, הלבשה, דירה און אַלץ, וואָס איר ווילט נאָר פארשטיין אונטער „קולטור", און איר וועט איינזען, אַז **פאַקטיש** פּראָדוצירן זיך אין היינטיקער צייט דידאָזיקע אַלע ווערטן פון אַן אַלמענטשלעכן שניט.

ליטעראַטור. — אַזוי גוט די בעלעטריסטיק ווי די פּאָעזיע פון דער מאָדערנער צייט טראָגן אַן אַלמענטשלעכן כאַראַקטער. מעגן זיי זיין געשריבן אין וואָס פארא שפּראַך עס זאָל נישט זיין, אויב זייער סיוזשעט איז אַן **אַקטועלער** און עס ווערן אין

זיי ארויסגעשטעלט מענטשן און לעבנסשטייגערן פון דער קעגנ־וואַרט, זענען זיי פון אינטערנאַציאָנאַלן ווערט און טויגן אַזוי גוט פאַר איין פאָלק, ווי פאַרן צווייטן און פאַרן דריטן.

נישט גייענדיק ספּעציעל זוכן דאָס כאַראַקטעריסטיש־נאַציאָנאַלע אין דער מאָדערנער בעלעטריסטיק און פּאָעזיע, איז דער ראָמאַן אָדער ליד, געשריבן פון פראַנצויז, ענגלענדער, ייד, אַמעריקאַנער א. א. וו., צוגעפּאַסט פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. די פּערסאָנאַזשן און דאָס לעבן אין די אַלע, זענען זיך, אין גרויסן און גאַנצן, אידענטיש. טאָמער זענען פאַראַן געוויסע לאָקאַלע אָדער נאַציאָנאַלע ניואַנסן, פאַרלירן זיי זיך אין דאָס פיל געמיינזאַמע.

אויב אַזוי איז אויפן געביט פון דער וואָרט־קונסט, איז עס נאָך מער אויפן געביט פון דער מאָלעריי און מוזיק. יעדער קינסטלער, צו וואָס פאַרא פאָלק ער זאָל נישט געהערן, אויב זיין טעמאַטיק איז אַן אַקטועלע, אַ היינטצייטיקע, קאָנען זיינע קונסט־ווערק טויגן פאַר אַלע מענטשן.

דאָך, אויב אויפן געביט פון די קונסטן, קאָן מען נאָך דערלאָזן אַ געוויסן ספּאָנטאַנעם נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, איז אַזעלכעס לחלוטין נישט צו דערלאָזן אויפן געביט פון די וויסנשאַפטן. וויסנשאַפט איז דאָך שוין זיכער אַן אַלמענטשלעכע קולטור־דערשיינונג. די אמתן און געזעצן פון די וויסנשאַפטן ווייסן דאָך זיכער נישט פון קיין נאַציאָנאַלע ראַמען. און — די וויסנשאַפטן זענען דאָך די באַזע פון דער קעגנווארטיקער קולטור און קולטור־מענטש!

דאָס, וואָס מיט די וויסנשאַפטן איז מיט דער פּאָליטיק, מיט דער עקאָנאָמיק, מיט דער יוריספּרודענץ, מיטן הויזלעכן לעבן, איז אַלץ, וואָס איז קולטור פון איצט — צי מען וויל יאָ, צי מען וויל נישט — פון אַלמענטשלעכן שניט.

אויסשליסנדיק דעם פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם מיט זיינע דערשיינונגען: הערשער־קליקעס, אַרמייען, ביוראָקראַטיעס, גרענעצן, צאָל־אַמטן, פּאַטריאָטישע גאווה, נאַציאָנאַלע העלדן א. א. וו., נאָר האַלטנדיק זיך אין די ראַמען פון קולטור־נאַציאָנאַליזם, קאָנען

מיר נישט תופס זיין זיין באַטייט אין איצטיקן מאָמענט. מען זאָגט: אויפהאַלטן די קולטור פון אייגענעם פאָלק. נו, גוט. אָבער ווי ווערט דען אויפגעהאַלטן די קולטור פון אייגענעם פאָלק? דאָס אייגענע פאָלק, לאָמיר זאָגן, האָט אַמאָל אַזאַ גלויבן געהאַט, אויף אַזאַ אופן פרום געווען, אַזוי געדאַווענט און געלערנט, אַזעלכע שבתים און יום־טובים געהאַט, אַזוי זיך געפּרייט און אַזוי גע־ליטן, אַזעלכע לידער געזונגען און אַזעלכע מעשיות פאַרפאַסט, אַזעלכע ווינונגען געהאַט און אַזאַ הלבשה געגאַנגען, אַזוי פּרי־מיטיוו געאַרבעט, אַזוי פּרימיטיוו פאַרבראַכט און אַזוי פּרימיטיוו געדענקט. הייסט דען נאַציאָנאַלע קולטור אָנהאַלטן דאָס אַלץ ווי אַקטועלן לעבנסשטייגער? — קיינער וועט עס נישט צוגעבן. נאָר וואָס דען — קענען דידאַזיקע אַלע אַמאָליקע לעבנס־שטייגערן און אַמאָליקע קולטור פון אייגענעם פאָלק דורך דער היסטאָריע און ליטעראַטור, — דאָס הייסט נאַציאָנאַלע קולטור? לערנען מיר דאָך די קולטור־געשיכטע פון דאָס גייסטיקע און מאַטעריעלע לעבן פון אַלע אַלטע פעלקער און קיינעם וועט נישט איינפאַלן, אַז מיר זענען „קולטורעלע נאַציאָנאַליסטן" פון די אַלטע עגיפּטער, כאַלדייער, אַסירער, גריכן, רוימער א. א. וו. סיידן, עס שפּילט דאָ די גאַנצע ראָלע דער באַוווּסטזיין, אַז די קולטור־געשיכטע, וואָס מיר לערנען איז דירעקט פאַרבונדן מיט אונז, ד. ה., אַז מיר שטאַמען אָפּ פון דעמדאָזיקן פאָלק, וואָס האָט אַמאָל אַזוי און אַזוי געלעבט און — מיר היטן־אויף דעם אָנדענק פון דער קולטור פון אונזערע אבות, כאָטש אונזער אייגענע קולטור איז ווייט נישט ענלעך אויף זייערער. איז דאָס אינגאַנצן דער מער מיטן קולטור־נאַציאָנאַליזם?...

לאָמיר איינשליסן אין קולטור־נאַציאָנאַליזם אויך דעם בּיאָ־פּסיכאָלאָגישן מאָמענט, ד. ה. די אייגנאַרטיקייט פון גייסט און כאַראַקטער פון די פעלקער, וואָס איז געקומען אַ דאַנק דאָס לעבן אַ לאַנגע צייט אונטער איינהייטלעכע אומשטענדן, און זאָגן, אַז נאַציאָנאַלע קולטור הייסט אָנהאַלטן און פאַרפלאַנצן דעם נאַציאָ־נאַלן גייסט און כאַראַקטער. קאָנען מיר דאָס אויך נישט. ערשטנס, ווי אַזוי מאַכט מען עס? ווייבאַלד די איצטיקע לעבנס־ און קולטור־

שטייגערן זענען פון אַן אַלמענטשלעכן שניט, וועלן, במילא, פריער אָדער שפּעטער, די נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־אייגנאַרטיקייטן אָפּגעשוואַכט ווערן און עס וועט קומען פאַרענגלעכונג. וועלן קינסטלער, דורכן בלויזן באַוווּסטזיין פון אונזער פאָלקס אמאָליקן אייגנאַרטיקן לעבנסשטייגער, אויפהאַלטן גייסטי־קע אייגנשאַפטן קאָן מען נישט. דורכן בלויזן באַוווּסט־מאַכן אונזערע קינדער, אַז אונזערע עלטערן האָבן געפירט אַזאַ און אַזאַ קולטור־לעבן, וועלן מיר מיט דעם אין זיי נישט דערהאַלטן דעם פאָלקס־כאַראַקטער. דאָס לעבעדיקע לעבן טוט זיין אַרבעט און קיין לימוד פון היסטאָריע קאָן נישט זיין קיין קעגנגעוויכט צו לעבן. אויסער דעם גיט דער קולטור־נאַציאָנאַליזם נישט קיין שום פּסי־כאָלאָגישע דירעקטיוון, וואָס מען דאַרף טאָן, כדי צו דערהאַלטן אין זיך די נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן...

צווייטנס, ווען מ׳רעדט וועגן נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־אייגנ־שאַפטן, איז פאַראַן אַ ממה נפשך: זענען די נאַציאָנאַלע אייגנ־שאַפטן פּאָזיטיווע (וואָס אַזוי האַלט יעדעס פאָלק וועגן זיך) אַזוי גוט אויפן געביט פון אינטעלעקט ווי פון כאַראַקטער, איז פאַר־וואָס זיי וועלן האַלטן אונטער שלאָס און ריגל נאָר פאַר זיך און נישט וועלן זיי פאַרפלאַנצן אויך צווישן אַלע מענטשן? אַלא, זע־נען די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן נעגאַטיווע (וואָס קיין פאָלק וועט עס וועגן זיך נישט צוגעבן), איז דאָך אודאי נישטאָ וואָס צו קול־טיווירן די אייגענע פעלערן...

דריטנס, שטייען אַלע קולטור־פעלקער, מער אָדער ווייניקער, אויפן זעלבן ניוואָ פון גייסט און כאַראַקטער. טאָמער איז ביי איין פאָלק מער אַקצענטירט איין גוטע גייסטיקע אייגנשאַפט, איז ביי אַ צווייטן פאָלק מער אַקצענטירט אַן אַנדער גוטע אייגנשאַפט. אין סך־הכל גלייכן זיך אַלע אויס. נאָר קרענקלעכע גאווה, האַס און שנאה האָט געקאָנט געבוירן „ראַסן־טעאָריעס". אין דער אמתן, קאָן יעדעס מכלומרשט אָפּגעשטאַנען פאָלק, אַבי עס הויבט נאָר אָן באַקומען, אין אַ געהעריקער מאָס, וויסן און קולטור, שטייגן צו דער העכסטער הויך.

אויף וויפל צווישן די ווירטשאַפטלעך־ און קולטורעל־אָפּגע־

שטאַנענע פעלקער אַלס גאַנצע, אָדער אָפּגעשטאַנענע שיכטן אי־נערהאַלב די מאָדערנע פעלקער, ווערט נאָך אָנגעהאַלטן אַמאָליקער נאַציאָנאַלער שטייגער, איז עס נישט מער ווי הינטערשטעליקייט לגבי דעם מאָדערנעם קולטור־לעבן. די מאָדערנע קולטור: טעכ־ניק, בילדונג און וויסן, איז נאָכנישט אריינגעדרונגען אומעטום. ס'זענען נאָך איצט דאָ גענוג מענטשן אויף דער וועלט, וואָס לעבן ווי אין מיטלאַלטער, סיי לויט זייער אַנאַלפאַבעטיזם, פאַנאַטיזם און אַבערגלויבן, סיי לויט זייער ווירטשאַפטלעכער און הויזלעכער איינאָרדענונג. דידאָזיקע דאַרף מען ציוויליזירן. דידאָזיקע דאַרפן אָניאָגן דאָס, וואָס זיי זענען געבליבן הינטערשטעליק אויפן גע־ביט פון מאָדערנעם לעבן און זיך אויסגלייכן מיט דער צייט. קיין שום נאַציאָנאַליזם אין דער וועלט וועט דאָך אין נאָמען פון נאַ־ציאָנאַלער קולטור זיך נישט קעגנשטעלן אריינצופירן אין זיין אָפּ־געשטאַנען לאַנד טעכניק, בילדונג און לערע.

וואָלט נאָר די וועלט זיך געפירט מיט אַ סדר, וואָלטן נאָר די פעלקער געלעבט אין שלום און אחדות און די שטאַרקערע וואָלטן נישט געוואָלט אויפפרעסן די שוואַכערע און זיי דערנידעריקן און באַליידיקן; וואָלט נאָר דאָס לעבן פאָרגעזעצט דעם נאָרמאַלן אַנט־וויקלונגס־קורס, דעמאָלט וואָלט די נאַציאָנאַלע פראַגע פון זיך אַליין געלייזט געוואָרן. אַלע פעלקער וואָלטן איינגעפירט ביי זיך די בעסטע דערציערישע מעטאָדן, וואָס די פעדאַגאָגיק האָט ארויסגעבראַכט. די לערן־קעגנשטאַנדן וואָלטן אומעטום געווען די־זעלבע. עס איז דאָך נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע מאַטעמאַטיק און אַ נאַציאָנאַלע נאַטור־וויסנשאַפט! לויט איר תוך און עצם וואָלט די שול אומעטום געווען אַן איינהייטלעכע. איינהייטלעך וואָלט אויך געווען דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן: דיזעלבע פאַבריק, די־זעלבע ביוראָ, דערזעלבער האַנדלס־באַטריב, דערזעלבער טראַקטאָר און דיזעלבע שנייד־ און דרעש־מאַשין. איינהייטלעך וואָלט געווען דער אונטערהאַלט: דערזעלבער ספּאָרט־פּלאַץ, דערזעלבער קינאָ, דאָסזעלבע טעאַטער און דיזעלבע ביבליאָטעק. עס וואָלט פאַקטיש געווען אַ טאָטאַל־איינהייטלעך לעבן און קולטור אויף פאַרשידענע לשונות און מיט פאַרשידענע געשיכטעס וועגן דעם אייגענעם עבר.

דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן אַקטועל פון די נאַציאָנאַלע קולטורן איז שפּראַך. צי איז אָבער שפּראַך, אָן און פאַר זיך, קול־טור? דעמאָלט, ווען אַלץ, וואָס איז קולטור און לעבן, וואָס ווערט דורך שפּראַך אויסגעדריקט, איז פון אַלמענטשלעכן שניט, צי קאָן בלויז שפּראַך זיין קולטור? און אפילו ווען מ'זאָל דערלאָזן, אַז בלויז שפּראַך אַנטהאַלט אין זיך עטוואָס נאַציאָנאַל־קולטורע־לעס, איז עס אויך נאָר דערפאַר, וואָס אין איר זענען במשך פון אַ לאַנגער צייט געקומען צום אויסדרוק די קולטור־אייגנאַרטיקייטן פון אַ געגעבענעם פאָלק. ווען עס קומט אָבער פאַר אַ פאַרשמעל־צונג פון די לעבנס־ און קולטור־אינהאַלטן פון די פעלקער, הויבט אויך די שפּראַך אָן צו פאַרלירן אירע אייגנטימלעכקייטן, ד. ה. איר נאַציאָנאַלן קולטור־ווערט און דערנענטערט זיך צו אַן אַלגע־מיינעם טיפּ. עס בלייבט בלויז דאָס טעכניש־שפּראַכלעכע, די פאַר־שידענע מויל־באַוועגונגען.

און וואָס איז שייך שפּראַך, ווילן מיר טאַקע זאָגן, אַז דער פאַקט, אַז אין אַזאַ וועלט, ווי איצט, קאָנען זיך די מענטשן נאָכ־נישט צונויפרעדן אין אַ געמיינזאַמער שפּראַך, זעט אויס ווי אַ באַרבאַריזם און מוז אַרויסרופן שטוינונג. איצט, ווען פאַקטיש זענען די פעלקער ווי איין משפּחה, צוליב זייערע פאַרשידנסטע אינטערעסן־שייכותן; איצט, ווען די פעלקער מוזן, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן נישט, האָבן צו טאָן אַלע מינוט, איינס מיטן אַנדערן, זאָל נאָכנישט זיין קיין געמיינזאַמער לשון פאַר אַלע, אַזעלכעס זעט אויס ווי אומגלויבלעך. דאָס באַווייזט אַן איבעריק מאָל, וואָס פאַרא „קלוג און גוט" באַשעפעניש דער מענטש איז און איבערהויפּט סאַרא „גוטע און קלוגע" מענטשן עס פירן אָן מיטן לעבן און די „גוטע" כונות, וואָס אינספּירירן זייערע לייסטונגען לטובת הכלל. דאָס פעלן איצט פון אַ שפּראַך, אין וועלכער אַלע מענטשן זאָלן זיך פאַרשטיין, איז אַ רעזולטאַט נאָר פון בכיונדיקן נישט דערלאָזן איינפירן אַזאַ, ווייל נאַטירלעכערוויז וואָלט זי שוין געמוזט זיין איינגעפירט.

נישטאָ קיין איין זאַכלעכער אַרגומענט קעגן אַן אַלמענטש־לעכער שפּראַך. עס איז נישט אַפּצושאַצן די קאָלאָסאַלע נוצלעכ־

קייט, וואָס זי וואָלט געבראַכט אויף אַלע געביטן פון מענטש־לעכן צוזאַמענלעבן. דורך אַ געמיינזאַמער שפּראַך וואָלט דער ברי־דערלעכער בונד פון די פעלקער געוואָרן ענגער און ענגער. עס וואָלט, דורך איר, בטל געוואָרן די לעצטע נאַטירלעכע מחיצה, וואָס עס שטייט נאָך היינט־צו־טאָג צווישן מענטשן פון איין פאָלק און מענטשן פון אַ צווייטן פאָלק. דורך אַ געמיינזאַמער שפּראַך וואָלט זיך אָנגעהויבן אַן אינטימע, אָרגאַנישע פאַרוועבונג פון די פעלקער און זייערע קולטורן. אַ געמיינזאַמע שפּראַך וואָלט געווען דער שמעלץ־אויוון פון אַלע אייגנאַרטיקע גייסט־ווערטן פון די פאַרשידנסטע עטנישע טיילן פון דער מענטשהייט.

אונטער אַן אַלמענטשלעכער שפּראַך שטייט באַהאַלטן אַ גרוי־סער קולטור־אויפשטייג. מיר קאָנען זיך גאָר איצט נישט פאָר־שטעלן די פאָלגן, וואָס אַן אַלמענטשלעך לשון וואָלט געקאָנט האָבן. עס וואָלט סטימולירט אַלע נוצלעך־שעפערישע איניציאַטיוועס. שוין דער בלויזער באַוווסטזיין פון שאַפן דירעקט פאַר דער גאַנ־צער מענטשהייט, וואָלט געווען דער בעסטער באַוועגער צום נוצ־לעכן און ווערטפולן שאַפן. דאָס בוך אין אַ קאָסמאָפּאָליטישן לשון — קיין מעכטיקערן קולטור־אינסטרומענט איז זיך גאָרנישט פאָרצושטעלן. דאָס וואָלט דערמעגלעכט אַ פּערמאַנענטן און לעב־האַפטן אויסטויש פון דאָס בעסטע, וואָס ווערט געשאַפן צווישן מענטשן אויף אַלע געביטן. ספּעציעל וואָלט דאָס געווירקט אויף צו דערהויבן דעם קולטור־ניוואָ פון די ברייטע שיכטן, וועלכע, צוליב מאַנגל אין שפּראַך־קענטעניש, האָבן אָפט נישט קיין צוטריט צו די באַרימטסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, סיי אויפן גע־ביט פון וויסנשאַפט, סיי אויפן געביט פון קונסט. אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלע שפּראַך, אין וועלכער עס זאָל איבערגעגאָסן ווערן אַלדאָס ווערטפולע פונם מענטשלעכן שאַפן פון אַלע צייטן, וואָלט ברייט צעעפנט דעם צוגאַנג צו אַ סך גייסט־אוצרות, צו וועלכע עס קאָנען איצט צוקומען נאָר „יחידי סגולה". אָפּגערעדט שוין, אַז פאַר די שטודירנדיקע וואָלט אַן אַלמענטשלעכע שפּראַך געווען אַ געווינס גאָרנישט אָפּצושאַצן.

די עטישע וועלט־מלוכה וועט די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך

אראָפּטירן אַלס אַן אָרגאַנישן באַשטאַנדטייל אירן. זי וועט מיט דעם אַריינקריגן אין אירע הענט אַ מעכטיקן קולטור־כּלי־זיין און וועט זיך קאָנען אַוועקשטעלן אויף אַ ר ע אַ ל ן אינטערנאַציאָנאַלן יסוד.

## V

די פּרעסע, ווי זי איז איצט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ ביז־גאָר שעדלעכע אינסטיטוציע און מיר דאַרפן צו איר אָננעמען אַ נעגאַטיווע שטעלונג.

די פּרעסע דערפילט אין דער אמתן אַ פּונקט פאַרקערטע פונקציע פון דער קולטור־דערציערישער פונקציע, וואָס זי האָט גע־האַט צו דערפילן. קיין איין וואָרט, וואָס די פּרעסע רעדט אַרויס, איז נישט אמת, נישט ערלעך און נישט באַלערנדיק.

איינע פון די סיבות, וואָס האָבן געווירקט צו דערפירן די פּרעסע צו איר איצטיקן מצב איז דאָס, וואָס זי געפינט זיך אין די הענט פון פּריוואַטע אונטערנעמער און געשעפט־מאַכער. די פּרעסע איז אַן אַרטיקל צו פאַרדינען געלט. דורך אַ צייטונג קאָן מען קריגן פאַרמעגן, מאַכט און אָנזען. האָט דאָס געפירט דערצו, אַז אויפן געביט פון דער „פּרעסע־אינדוסטריע" זאָל אַנטשטיין אַן אומבאַגרענעצטע קאָנקורענץ. יעדער ערשטער בעסטער געלט־און מאַכט־גייציקער אינדיווידו איז ביכולת צו עפענען אַ צייטונגס־פאַבריק און פאַרקויפן ק ו ל ט ו ר ד ע ם ע ו ל ם.

די פאָלגן דערפון זעען מיר. מיר זעען, ווי עס גייט אָן אַ ווילדער געיעג צווישן די טויזנטער ק ו ל ט ו ר ־ ק ר ע מ ע ר. יעדער איינער זוכט אַריבערצושטייגן דעם צווייטן מיט שקרים און מיס־ווירדיקייטן. יעדער ק ו ל ט ו ר ־ א י נ ד ו ס ט ר י אַ ל זוכט צו באַ־קומען פאַר זיין ג ײ י צ י ק ע ר א י נ ד ו ס ט ר י ע וואָס מער קונים. דערצו מוז די „פּראָדוקציע" זיין פון אַ „בעסערער קוואַ־ליטעט", מוז מען האָבן דערצו די „פאַסיקע אַרבעטער", וואָס זאָלן זיך אויסטויגן צום פאַך און קענען דערלאַנגען דעם עולם, וואָס אים שמעקט...

אזוי האָט זיך אויסגעבילדעט א פּאַך פון „פּעאיקע זשורנאַ־ליסטן'', פון אַזעלכע גייסטיקע פּאַרדאַרבער, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. היות ווי פּעאיקע זשור־נאַליסטן זענען פאַראַן אַן א צאָל און היות, אויך, זיי מוזן מאַכן א קאַריערע און זיך אַרויפאַרבעטן, זוכן זיי דעריבער זיך קעגנ־זייטיק איבערצושטייגן און מען האַלט מלחמה. דער פּועל־יוצא איז, אַז טאָג־טעגלעך ווערן מיר פּאַרטויבט פון א נערוון־צעשטערערישן ציימונגס־רעש.

די פּרעסע נוצט אויס דעם לייכטזין פון פּשוטן מענטשן. זי מיסברויכט מיט אַלע שוואַכקייטן זיינע, וואָס וואָלטן באַדאַרפט פּאַסיווירט ווערן אין אים און נישט רייצן און מונטערן זיי. די פּרעסע צעבּרעכט און צעשטערט און פּאַרדאַרבט די נשמה פון דעם מאַסע־מענטש, כדי פּאַר כיטרע און עגאָאיסטישע אינדיווידן צו שאַפן געלט און מאַכט...

און דעמדאָזיקן שענדלעכן גייסט־האַנדל רופט מען „פרייהייט פון וואָרט'', „פרייהייט פון געדאַנק'' („געדאַנק''!...), פרייהייט אַרויסצוזאָגן די אייגענע מיינונג („אייגענע מיינונג''!...) א. א. וו. קאָן נאָך זיין עטוואָס קאָמישערס? דידאָזיקע לייט, וואָס זייער איינ־ציק וואָרט, זייער איינציקער געדאַנק און זייער איינציקע מיינונג איז — געלט, א געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע און לעבן א גוטן טאָג, מוזן ווירקלעך האָבן די פולע פרייהייט זיך אויסצודריקן, כדי צו דערגרייכן זייער ציל.

די פּרעסע דאַרף אַרויסגענומען ווערן פון פּריוואַטע הענט. קולטור־קרעמערייַ דאַרף פאַרבאָטן ווערן. אונזער גייסט איז נישט קיין מאַרק־אַרטיקל צו טרייבן מיט אים מסחר...

די פּרעסע־אינסטיטוציע דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן אויף אינגאַנצן אַנדערע יסודות, ווי דאָס איז איצט.

די אינפאָרמאַטיווע פּרעסע דאַרף אָפּגעטיילט ווערן פון דער אויפקלערנדיקער און קריטיקירנדיקער. די ערשטע קאָן פון דער מלוכה (נישט פון דער איצטיקער) אַרויסגעגעבן ווערן פאַרן גאַנצן לאַנד און פאַר אַלע שיכטן. אינפאָרמאַציע, אמתע און אַלזייַ־טיקע, איז פאַר אַלע בירגער דיזעלבע. אין קעגנטייל, איז פּאָליטי־

שע אויפקלערונג און קריטיק אַ זאַך פון אידעאָלאָגיע און נאָר פּאָ־
ליטישע פּאַרטייען דאַרפן האָבן דאָס רעכט אויף דעם. איצט, ווען
די פּרעסע געפינט זיך אין פּריוואַטע הענט און אויך די נייעס־
אַגענטורן זענען פּריוואַטע, ווערט אויפן ערגסטן אופן מיסברויכט
סיי מיט דער אינפאָרמאַציע, סיי מיט דער אויפקלערונג און קרי־
טיק. זיי זענען שטענדיק אַזעלכע, ווי עס פאָדערן די אינטערעסן
פון די אונטערנעמער.

צו דידאַזיקע צוויי נוצלעכע אַטריבוטן: צו אָלזייטיקער,
וויסנווערטער אינפאָרמאַציע, און צו געזעלשאַפטלעכער, פּאָליטי־
שער אויפקלערונג און קריטיק דאַרף אַבסאָלוט זיין רעדוצירט די
פּרעסע. אַלדאָס איבעריקע, ווי מאָרד־זנות־געשלעג־סענסאַציע־
ליטעראַטור, ווי בכלל „שיינע ליטעראַטור" און „פּאָפּולערע וויסנ־
שאַפט", וואָס איצט איז מיט דעם פאַרפולט די פּרעסע, דאַרפן
פון איר באַזייטיקט ווערן. איצט, ווען די פּרעסע געפינט זיך אין
די הענט פון פּריוואַטע „קולטור־פאַרשפּרייטער", איז אוממעגלעך
צו רעדן דערפון, ווייל דוקא די אויסגערעכנטע זאַכן זענען דער
הויפּט־מקור, פון וואַנען זיי ציען זייער חיונה. ווען מ׳זאָל זיי
פאַרווערן צו פאַרקויפן טראַגעדיעס און פראַלן שלאָפּצימערן, ווען
מ׳זאָל זיי פאַרווערן צו רייצן דעם שלענגערישן ענטוזיאַזם פון המון
און אים אָנציען מיט שפּאַנענדיקע פּאַסירונגען א. א. וו., איז
אויס מיט זייער „קולטור־פאַרשפּרייטונג"... ווען מ׳וועט אָבער
אַרויסנעמען די פּרעסע פון פּריוואַטע הענט, וועט מען דאָס יאָ
קאָנען דורכפירן.

און נאָך אַ גרויס קולטור־געווינס וואָלט זיך, מעגלעך, באַקו־
מען פון ענדערן די פּרעסע־אינסטיטוציע אויף די יסודות, וואָס
מיר ווייזן אָן. עס וואָלט פריי געוואָרן דער וועג צום בוך. איצט האָט
די פּרעסע אין איר אומגעצוימטער גיריקייט אַלץ צו פאַרשלינגען
זיך אַריינגעריסן אין דער דאָמיניע פונם בוך. דער לייענער קאָן
אין דער צייטונג געפינען „אַלץ, וואָס זיין האַרץ גלוסט", אָנהויבנ־
דיק פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע ביז דער גענויסטער
ביאָגראַפיע פון... אַ לויף־פערד. פאַרשטייט זיך, אַז די פּרעסע
פּאַסט אַלץ אַזוי צו צום געשמאַק פון איר גייסטיקער קליענטור,

אז צו וואָס זי זאָל זיך נאָר נישט נעמען, קומט עס ביי איר אַרויס פאַרפלאַכט, פאַרקריפּלט און פאַרפּאַסקודזשעט. ווען די פּרעסע וועט אָבער באַגרענעצט ווערן אויסשליסלעך צו געזונטער און נוצלעכער אינפאָרמאַציע און צו געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן קאָמענטאַר, וועט דערמיט פריי ווערן דער וועג צום בוך. דאָס בוך וועט ווערן אַ נויטווענדיקייט, ווייל ווען עס וועלן מער נישט זיין די גרויסע, שווערע, אַלצווייסנדיקע צייטונגען, מיט זייערע אָן אַ שיעור נאַריש־קייטן, פּוסטקייטן און ליגנס, וואָס ציען אַריין דעם לייענער און נעמען ביי אים צו גאָר זיין פרייע צייט, ווען דער לייענער וועט אַל־דאָס נוצלעכע זיך קאָנען דערוויסן אין צען מינוט און וועט מער גאָרנישט האָבן וואָס צו לייענען, וועט ער מוזן אָנהויבן לייענען אַ בוך.

די פּרעסע איז אַן עפנטלעכער דערציאונגס־אַנשטאַלט פאַרן ברייטן עולם, די פּרעסע איז אַ שול פאַר די מאַסן. ווי אַזוי דער־לויבט מען, אַז אַזאַ פּאָפּולערער דערציאונגס־אַנשטאַלט זאָל זיך געפינען אין די הענט פון אַזאַ גייסטיק־פאַרדאַרבערישן עלעמענט, ווי דאָס זענען די פּרעסע־פאַבריקאַנטן און זייערע פונקציאָנאַרן, די פּעאיקע, ביטרע און „קלוגע" זשורנאַליסטן?! ווי לאָזט מען איבער די מיליאָנען אויפן בראָט פון אַזעלכע לערער און דער־ציער און אויפקלערער?!...

מיט דעם, וואָס מען דערלויבט די פּרעסע אין איר איצטיקער פאָרם, דערלויבט מען אַן אינסטיטוציע פון מ א ס ן ־ ק אָ ־ ר ו פּ צ י ע.

VI

די עטישע וועלט־מלוכה וועט אויך אָננעמען אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו דער איצט זייער פּאָפּולערער אינסטיטוציע פון מאַסן־קאַמפן, וועלכע באַהאַלטן זיך אונטערן נאָמען פון „ספּאָרט" און „פיזישע קולטור". זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס גייט לחלוטין נישט אין קיין ספּאָרט און פיזישער קולטור, נאָר אין פּסיכישע שלאַכטן, ווו ריוואַליזירנדיקע צדדים קעמפן

און ראנגלען זיך פארביטערט צווישן זיך, ביז דער שוואכערער צד פאלט.

וואלט זיך נישט געהאנדלט וועגן קיין דערשיינונג פון סאמע בריימסטן פארנעם, וואס איבט אויס א זייער שעדלעכע ווירקונג אויף דער פסיכאלאגיע פון די מאסן, וואלט דא נישט געווען דאס ארט אויף דעם זיך אפצושטעלן.

פון פסיכאעטישן שטאנדפונקט שטעלן מיט זיך פאר די אלערליי געוועט־שפילן, וועלכע מיליאנען מענטשן קומען אנקוקן — אמתע מלחמות, אין וועלכע עס קומט פאר אומברענגונג פון שוואכע מצד שטארקע. נישט וויכטיק, וואס עס קומט נישט פאר קיין פיזישע פארניכטונג. דאס איז א פאליצייאישע פראגע און א פראגע פון עפנטלעכער זיכערקייט. וויכטיק איז דא די גייסטיקע פארניכטונג, וואס עס קומט פאר. פאר די ציוויליזירטע מלוכה־לייט איז עס אפשר א כבוד דאס, וואס אויף די סטאדיאנען, רינגען און היפאדראמען קומט נישט פאר קיין בלוט־פארגיסונג און קיין פיזישער טויט פון איינצלנע שלעגער, ווי דאס פלעגט, למשל, זיין אין די רוימישע צירקן. מיר מיינען אבער, אז ווי ליב עס זאל נישט זיין דאס פיזישע לעבן פון אן איינצלנעם, וואס פלעגט פארלוירן גיין אין די נעצנדינערישע קאמף־ספעקטאקלען, דארף אונז אבער זיין א סך ליבער דאס גייסטיקע לעבן פון מיליאנען, וואס גייט פארלוירן ביי די היינטיקע בלוט־ריינע קאמף־שפילן. פסיכאלאגיש איז די ווירקונג פון א גלאדיאטארן־קאמף און די ווירקונג פון באקס איינע און דיזעלבע. דערזעלבער אויפברויז פון די בלוטן, דיזעלבע קאלערישע היסטעריע, דיזעלבע צעטומלטע אויסגעשרייען, דערזעלבער חיהשער חשק אומצוּוואַרפן און שלאגן, דיזעלבע בלוטדורשטיקייט. מיט איין ווארט: אין אלע הינזיכטן דיזעלבע ווירקונג אויפן גייסט. פאר די צוקוקנדיקע מאסן איז אלץ איינס, צי דער געפאלענער וועט נאך יא אויפשטיין אדער נישט אויפשטיין. דאס איז, אזוי צו זאגן, זיינע, דעם שלעגערס, א פריוואט־זאך... די פראגע: מיט בלוט אדער אן בלוט, איז א פראגע פון מאדערנער נעטקייט. היינט מאכט מען די פארברעכנס נעט, ריין, מען זאל נישט איינשמירן די הענט און עס זאל נישט שא־

קירן דעם ראַפינירטן געשמאַק. די גאַנצע איצטיקע ציוויליזאַציע איז, אייגנטלעך, נישט מער ווי ראַפינירטער באַרבאַריזם. די איצטיקע קאַמף־שפּילן זענען שעדלעך ביז גאָר. זיי אַנטוויקלען אין די מאַסן דעם בעסטיאַל־אַגרעסיוון אינסטינקט, וואָס איז אַזוי אויך גענוג שטאַרק אין מענטשן. בפרט איז דידאָזיקע דערשיינונג שעדלעך, ווען זי נעמט אָן אַ מאַסן־כאַראַקטער, און — אַזאַ כאַראַקטער האָט זי איצט אָנגענומען. קאַמף און געשלעג, אין די פאַרשידנסטע פאָרמען, איז איצט דער פּאָפּולערסטער אונטערהאַלט פאַר די ברייטע מאַסן.

זעלטן ווען מענטשן זענען געווען אַזוי שלעגעריש געשטימט ווי היינט. דאָס קומט צום אויסדרוק אין די אַלערליי געשלעג־פּלעצער, וועלכע ווערן באַזוכט פון ריזיקע המונים, וואָהין זיי קומען אויסלאָדן זייער שלעגערישע ליידנשאַפט. אָבער נישט בלויז אויסלאָדן, נאָר אויך קולטיווירן. וואָס מער מען טוט זיך אַריין אין דעם, אַלץ מער ציט עס, אַלץ מער אַנטוויקלט עס דעם שלעגערישן גייסט און האָדעוועט אויף די אַגרעסיווערישע חיה אין די מאַסן.

אין די פיעלדס, רינגען, היפּאָדראָמס, ווערן די המונים צוגעגרייט צו מלחמה. דאָרט ווערן די מאַסן פּסיכיש דעמאָראַליזירט און פאַרגאָוהט. די קאַמף־אונטערהאַלטן פאַרפלאַכן און פאַרטעמפּן דעם דורכשניט־מענטש, פאַרדאַרבן זיין געפיל־לעבן און מאַכן אים קליינלעך, פאַרריסן און פּוסט.

מיר דאַרפן אַנטשלאָסן נעגירן און באַקעמפן די איצטיקע „געשלעג־קולטור" אין אַלע אירע פאָרמען. די פיזישע דערציאונג און אויסבילדונג פון דער יוגנט מוז נישט קומען דורך קיין קאַמף־ספּעקטאַקלען. „פיזישע קולטור" איז איין זאַך און „שלעגערישע קולטור" אַ צווייטע זאַך. עס קאָן זייער גוט פאַרשפּרייט ווערן פיזישע דערציאונג, וועלכע איז דורכאויס אַ פּאָזיטיווע און נוצלעכע זאַך און דאַרף פּראַקטיצירט ווערן אין ברייטסטן מאַסשטאַב, און עס זאָל דערביי אויסגעמיטן ווערן יעדע מין פאַרמעסטונג און געשלעג. דאָס פּאָזיטיווע פון אַנטוויקלען דעם קערפּער מוז נישט קומען דורכן נעגאַטיוון

פון פארדארבן דעם גייסט. יעדנפאלס האט מען יענע ספארטיווע פארוועטן, פון פיזיש־דערציערישן כאראקטער, געמעגט דערלויבן נאר פאר דירעקטע אנטיילנעמער און בשום־אופן נישט צו מאכן פון זיי עפנטלעכע ספעקטאקלען פאר מאסן צושויער. פאר די לעצטע איז דאך עס זיכער נישט קיין פיזישע קולטור, נאר פסיכישע אומקולטור.

די טענה, אז קאמף־ספעקטאקלען אנטוויקלען דעם מוט און דעם קוראזש איז א פאלשע. דער באמת שטארקער און מוטיקער וועט מיט קיינעם נישט פארפירן קיין געשלעג בלויז צוליב דעם, כדי צו באווייזן, ווער שטארקער איז. דאס גיין שלאגן זיך, כדי דער עולם זאל זען, אז איך בין שטארקער, איז נישט נאר נאריש און קליינלעך, נאר אויך פחדנותדיק.

שטארק איז נישט דער, וואס פאלט אן אויפן שוואכערן; שטארק איז דער, וואס פארטיידיקט דעם שוואכערן. באמת שטארק איז דער, וואס נוצט אוים זיין פיזישן און גייסטיקן כוח, צום שוץ פון באעוולטע און זייער גלייכשטעלונג, און נישט צו זייער פארשקלאפונג און אויסנוצונג. באמת אומדערשראקן איז בלויז דער, וואס שרעקט זיך נישט אפ פאר קיין געפארן אין קאמף פאר זיין אידעאל, פאר זיין גלויבן, פאר זיין ליבע, — פאר זיין לעבן צום געקריוודעטן מיטמענטש. די־יעניקע אלע העלדן און העלדישקייטן פון דער געשיכטע, וואס זענען באשטאנען אין אונטעריאכן און פארניכטן די שוואכערע, דאס הייסט, אויסנוצן דעם צווייטן לטובת זיך, זענען לויט זייער מהות חיהשע אויפפרעסערישקייט; העלדישקייט, מענטשלעכע העלדישקייט, עטישער העראיזם, מאראלישע גבורה, דריקט זיך אוים אין פונקט דאס פארקערטע: אין באזיגן זיך לטובת דעם צווייטן. — אט וואס פארא שטארקייט און העלדישקייט מיר דארפן לערנען אונזערע קינדער; אט אין וואס פארא מענטש־העראאישן גייסט מיר דארפן זיי דערציען...

עס איז פאראן א גאר ענגע שייכות צווישן די אלערליי קאמף־שפילן, וואס זענען איצט אזוי פארשפרייט, און עקספלואטאציע, שאוויניזם, פאשיזם, מיליטאריזם און אלע סארטן רעאקציע. דער

גייסט פון געשלעג־קולטור און דער גייסט פון רעאַקציע ליגן אויף איין ליניע; זיי זענען צווישן זיך אידענטיש; זיי בילדן איין גאַנצן פּסיכישן קאָמפּלעקס פון אינעווייניק, און איין „קולטור"־גאַנצ־קייט פון אויסנווייניק. מען קאָן נישט קעמפן קעגן איינס און גלייכצייטיק נישט קעמפן קעגן צווייטן.

ווען מיר זעען דעם גייסט פון לעבן און נישט בלויז זיין מע־כאַניק, ד. ה. מיר קומען צום לעבן פון מענטשן אַרויס, דעמאָלט מוזן מיר שטענדיק האָבן פאַרן אויג די שטרענגע פאַרבינדנקייט פון אַלע געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען און קומען צום אויספיר, אַז עס איז גאָרנישט פאַראַן קיין מינדערוויכ־טיקע סאָציאַלע אינסטיטוציע. אַלץ קומט פון מענטשנס גייסט אַרויס און גייט צוריק אַהין. און אַזוי ווי עס איז דעם מענטשנס גייסט אין איין פּונקט, אַזוי איז ער אין אַלע פּונקטן. פון גייסטיקן שטאַנדפּונקט איז שלאָגן זיך אויפן סטאַ־דיאָן און זיך שלאָגן אויפן שלאַכט־פעלד דיזעלבע זאַך, און דער קאַמף דאַרף געפירט ווערן מיט דער גאַנצער האַרבקייט קעגן ערשטן ווי קעגן צווייטן.

## VII

אויף אַלע געביטן איז אונזער איצטיק לעבן דערגאַנגען צום לעצטן גראַד פון אַבסורד. אויב אויפן מאַטעריעלן געביט באַשטייט דער אַבסורד אין דעם, אַז וואָס מער ווערטן עס קאָנען פּראָדוצירט ווערן, אַלץ ווייניקער קאָנען מענטשן פון זיי געניסן; וואָס מער רייכטום עס קאָן געשאַפן ווערן, אַלץ גרעסער איז די נויט צווישן די אַרבעטנדיקע, — מיליאָנען גייען אויס פון הונגער, אין דער צייט, וואָס באַגרענעצטע גרופּעס פאַלן אונטער דער לאַסט פון די גרויסע מאַסן גאָלד, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט, באַשטייט דער אַבסורד אויפן גייסטיקן געביט אין די אָן אַ שיעור נאַרישקייטן און פּוסטקייטן, וועלכע ווערן אונטערגעטראָגן דעם איצטיקן מענטשן. ווו דער איצטיקער מענטש זאָל זיך נישט קערן און ווענדן, טראָגט מען אים אונטער געמיינהייט, ליגן און טיפּשות.

מיר טרינקען זיך ממש אין א ים פון אומגלויבלעכע שטותערייען און פריוואליטעטן. די ראדיאס פארגראגערן דעם קאפ מיט זייערע ביז נישט־גוטקייט זיך איבערחזרנדיקע נארישקייטן און רעקלא־מעס: ווייבערישע זאכן און דזשאז, טואלעט־זייף און בעטהאוועןקאסמעטיק און פאליטישע דרשות, און אזוי ווייטער און ווידער, אן אן אויפהער. טוסטו נאר א קוועטש דאס קנעפל, איז שוין דער געלט־יעגערישער סוחר ביי דיר אין שטוב און פארקלאפט דיר דעם קאפ און דאס הארץ מיט זיינע שמאכטעס. נעמסטו אין האנט די צייטונג, דעם זשורנאל, האסטו ווידער דאסזעלבע; ווידער רעקלאמע, ליגן און טיפשות. גייסטו אין קינא, מאכט מען דיר צו נאר און מען צערייצט דיך מיט שפאנענדיקע נישט־געשעטוויגען, נישט־געפלויגן־מעשיות און ווייבעריש לייב. גייסטו צו א קאמף־ספעקטאקל, וועקט מען אויף דיינע שלעגערישע אינסטינקטן און דעם רוצח אין דיר. אלץ טראגט אויף זיך דעם חותם פון דער אי־דיאטישער און אבסורדער ציוויליזאציע...

מיר ווערן פארטויבט און פארטומלט פון דעם ציוויליזאציע־רעש. מיר האבן אויפגעהערט צו דענקען און פילן. אונזערע מוחות ווערן פארטעמפט און אונזערע הערצער פארחיהשט. ביכער גייען ארוים פון געברויך. ביבליאטעקן פוסטעווען. דער מין פאר־טראכטן זיך, נאכדענקען, פארטיפן זיך, איז אינגאנצן נישטא. דאס שטודירן איז אויבערפלעכלעך און מעכאניש. מען לערנט דאס, וואס מען מוז צוליבן פאפירל. די וויסנשאפטן זענען א זאך פון געציילטע „ספעצן"... נישטא קיין איין איינציקער גייסטיקער געביט, ווו מיר זאלן קאנען אנווייזן: אט דא איז פאראן עכטקייט און שיינקייט; אט דאס האט א מענטשלעכן אויסזען.

עס איז פאראן אן אמתע נעפאר, אז די מענטשן זאלן ווערן אידיאטיזירט אין די כל־ערליי מאדערנע לייענשטאפן, פארוויילעכצן און צייטפארטרייבן; עס מוז קומען צו א פול־שטענדיקער גייסטיקער פארטעמפונג פון דעם היינטיקן און מארגנדיקן מענטשן, אין דער ציוויליזירטער פרעסע, ראדיא, פילם, „ספארט",

קאַבאַרעט, וואָדעוויל א. א. וו. נעמט מען נאָך דערצו אין אַכט, אַז אין דער צוקונפט וועלן מענטשן מוזן האָבן נאָכ־מער פרייע צייט, ווי זיי האָבן דאָס איצט, ווערט דאָס פּראָבלעם נאָך שאַרפער, ממש דראָענדיק: וואָס וועלן מענטשן טאָן מיט זייער גרויסער, פרייער צייט? אויב די איצטיקע צייטפאַרטרייבן און אונ־מערהאַלטן וועלן שטייגן אין פּראָפּאָרץ צו דער גרעסערער פרייער צייט, וואָס די מענטשן וועלן האָבן, וועט עס קומען צו אַן אמתער פאַרווילדונג אין דער ציוויליזאַציע. עס הייסט, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ פּראָבלעם, נישט נאָר פון גייסטיקן אויסלעבן זיך פון די מאַסן, נאָר מיר האָבן פאַר זיך דאָס סאָציאַלע פּראָב־לעם אין זיין סאַמע עצם. די פאַרדאַרבנדיקע ווירקונג פון די ראַציאָ־חיהשע פאַרגעניגנס און צייט־פאַרטרייבן, מאַכט אומפעאיק די מענטשן צו אַ פרידלעך, אַרבעטזאַם און האַרמאָניש געזעל־שאַפטלעך לעבן. דידאָזיקע פאַרגעניגנס אַנטוויקלען אין מענטשן די ערגסטע נטיות. זיי מאַכן עגאָאיסטיש, פויל, שלעגעריש, תאווה־דיק, ציניש, אומפאַרשעמט און אומערנסט; זיי קאָרומפּירן גייסטיק און פיזיש. ווי קאָן מען מיט אַ פאַרדאָרבענער און קאָרומפּירטער מענטשהייט עפּעס אויפטאָן?!...

די עטישע וועלט־מלוכה וועט לייזן דאָס פּראָבלעם פון פרייער צייט און אָפּשאַפן די ראַציאָ־אַנימאַלע פאַרווילונגען, דורך באַ־שאַפן אַ לעבנסלענגלעכע שול.

איצט איז די וויסנשאַפט אַ זאַך פון איינצלנע און אויסגע־ווײילטע. די מענטשהייט אַלס גאַנצע, קער זיך מיט די וויסנשאַפטן גאָרנישט אָן. בלויז אַ קליינער טייל האָט אַ שוואַכן באַגריף וועגן זיי, די גרעסטע מערהייט לעבט מיט אַן אמת אין טיפער אומוויסנ־דיקייט און האָט אַפילו נישט קיין אַנונג וועגן דעם, וואָס ס'איז פאַראַן צו וויסן.

די עטישע וועלט־מלוכה וועט מאַכן די וויסנשאַפטן פאַרן באַ־זיץ פון יעדן, אויסשפּרייטן זיי פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. פאַרוואָס זאָלן דען מענטשן אָפּלעבן אויף אַ וועלט, ווו ס'איז פאַ־ראַן אַזויפיל צו וויסן, און שטאַרבן אין אומוויסנדיקייט! זענען דען די וויסנשאַפטן נישט דערגרייכבאַר פאַר אַלע? קאָן דען נישט

יעדער איינער זיך דעראָבערן די העכסטע מאָס וויסן?

זיך ווידמענענ די דעראָבערונג פון וויסן, דאַרף ווערן דער מענטשהייטס אַ לעבנס־ציל. די פרייד, וואָס מען פאַרזוכט ביים קריגן דערקענטעניש און וויסן איז די שענסטע און לויטערסטע. אַנשטאָט „געשלעכט״ און „געשלעג־קולטור״, וואָס פּילט איצט אָן דאָס לעבן, זאָלן עקזיסטירן אַקאַדעמיעס, וווּהין די מאַסן זאָלן קומען זיך פאַרווײַלן און אונטערהאַלטן ביים שטו־דיום, אין זייערע פרייע טעג און שעהן. מען דאַרף נאָר פון דער יוגנט אָן לערנען און דאָס בלייבט אויפן גאַנצן לעבן אַ טעטיקייט פון גרעסטן אינטערעס און שענסטן פאַרגעניגן. די איצטיקע אַני־מאַלע פאַרווײַלונגען פאַרשאַפן נישט, אין דער אמתן, דעם עולם קיין פאַרגעניגן און פרייד. טיף אין זיך, לאַנגווײַליקן זיך די מענטשן און זענען אַפּאַטיש. אָפטמאָל איז עס אַ געמאַכטע פריי־לעכקייט און אַ געמאַכטער אינטערעס.

די וויסנשאַפטן דאַרפן ווערן די אמונה, די גאָט־זוכונג, דער רעליגיעזער קוואַל פון דער נייער קולטור־תקופה, פון דער קולטור־תקופה פונם מענטשלעכן מלכות. די וויסנשאַפטן זענען דער איינ־ציקער מעכטיקער גייסט־כוח, וואָס איז אונז ביי היינטיקן טאָג פאַרבליבן זיך אַנצוקלאַמערן אין אים, כדי דורך אים זיך אַרויס־צוהויבן פון דעם פאַרווילדעוועטן און פאַרחיהשטן יאָמער־טאָל, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די איצטיקע וועלט.

די עטישע וועלט־מלוכה וועט באַשאַפן אַקאַדעמיעס פון לעבנס־לענגלעכן שטודיום פאַר די פאַרשידנסטע צווייגן פון דער וויסנשאַפט. יעדע אַקאַדעמיע וועט געפירט ווערן פון ערלעכע, פעאיקע און באַרופענע לערער. די לערן־צייט פון יעדער אַקאַדעמיע וועט זיין אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס דאַרף דויערן דאָס גרינטלעכע דערלערנען פון דער געגעבענער וויסנשאַפט.

דידאַקטישע אַקאַדעמיעס וועלן נישט טראָגן קיין ריין־אינסטרוק־טיוון כאַראַקטער, נאָר וועלן זיין פלעצער, ווו די מענטשן וועלן קומען פאַרטאָן זייער פרייע צייט, נאָכדעם, ווי זיי וועלן פריי ווערן פון זייערע אַרבעטס־פליכטן. אַהערצו וועלן קומען די אַרבעטנדיקע זיך פאַרווײַלן און אָפּרוען, זיך אָפּרוען אין דער געזעלשאַפט פון

איבערגעגעבענע, זיך קעגנזייטיק ליבנדיקע, וווילגעלערנטע פריינט. אהערצו וועלן קומען די ארבעטנדיקע תלמידי חכמים פארברענגען בחברותא אין די פיינסטע שמועסן און ויכוחים וועגן דעם געלערנטן. די אקאדעמיעס וועלן פארנעמען דאס ארט פון די איצטיקע קלובן, קאפעען, קינאס, סאלאנען א. א. וו. ביי די אקאדעמיעס וועלן אויך זיין איינגעארדנט פלעצער פאר פיזישער קולטור. מיט איין ווארט: די אקאדעמיעס וועלן ווערן דאס פאפולערסטע פובליש ארט פאר אן ערנסטער, אמת־ציוויליזירטער און אמת־קולטורעלער מענטשהייט.

אט דאס וואלט געווען א וואונדערלעכע קולטור־אינסטיטוציע, וואס די מענטשהייט האט נאך אזעלכע נישט געזען און וועלכע זי דארף שטרעבן אין דער צוקונפט צו דערגרייכן!

## VIII

אויך דאס דערציאונגס־פראבלעם וועט די עטישע וועלט־מלוכה לייזן. ערשטנס, וועט זי שאפן א געוויסע איינשטימיקייט צווישן שול און לעבן און, צווייטנס, מאראליש פארטיפן די דערציאונג גופא.

1) איצט קאן אפילו די בעסטע דערציאונג נישט זיין פרוכטבאר, מחמת די בארירונג מיטן לעבן פונם קינד און יוגנטלעכן צעשטערט די רעזולטאטן פון דער דערציאונג. מעג א קינד דערצויגן ווערן ווי מוסטערהאפט, איז ווי נאר עס וואקסט אונטער און עס הויבט אן אויפצונעמען די ווירקונג פון לעבן, פון סביבה און חברים, ווירקט דאס אויף אים מאמענטאל פארדארבעריש און פון דער גוטער דערציאונג בלייבט קיין זכר נישט. אין בעסטן פאל בלייבט א געוויסע אויסערלעכע מאנירלעכקייט.

ס'איז ווייטאגלעך צוצוזען, ווי דער איצטיקער צייט־גייסט האט צווישן די יוגנטלעכע געפונען א באזונדערס גינסטיקן באדן. פילם און קאמף־שפיל האבן אזוי פארשלונגען דעם איצטיקן יוגנטלעכן פון ביידע געשלעכטער, פון אלע קלאסן און שטאנדן, אז אויסער דעם האט ער מער קיין שום גייסטיקן אינטערעס נישט

אין לעבן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט, זייט ביי זייט מיט דעם, דער־ציאונג? דערציאונג, וואָס וויל זיין פרוכטבאַר, מוז גיין פּאַראַלעל מיט לעבן. די ווירקונג פון היים, פון גאַס, פון חברים זענען אַ סך שטאַרקער ווי די ווירקונג פון לערער און שול. אין שול, הערט מען רעדן; אינדערהיים און אין גאַס, זעט מען טאָן. די איצטיקע שול איז נישט קיין לערנענדיקע היים; איז נישט קיין אַנשטאַלט, וווּ קינדער קומען לעבן לערנענדיק אָדער לערנען לעבנ־דיק; דער אינהאַלט און גייסט פון שול און היים פאַלן זיך נישט צוזאַמען, נאָר זיי זענען זיך סותר. די איצטיקע שול שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָרט, וווּ מען לערנט די קינדער, אין בעסטן פאַל, אידעאַלע ליגנס: שוין פון קינדוווייז אָן געוווינען מיר צו אונזערע קינדער צו אַ טאָפּל־לעבן. ביים לערער אין שול קומט אַלץ אַרויס שיין און פיין. אין דער ווירקלעכקייט איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש...

אויב מ׳קאָן אויף אַ געוויסער צייט איזאָלירן דאָס קינד פון שעדלעכער היים און סביבה, קאָן מען עס נישט טאָן אויף לאַנג און אודאי נישט אויף שטענדיק. פריער אָדער שפּעטער מוז קומען דער צוזאַמענשטויס מיט דעם אַלעם, און — איין יאָר שלעכט לעבן, קאָן צונישט מאַכן צען יאָר גוטע דערציאונג. ביי אַ שלעכט לעבן איז גוטע דערציאונג אַ פרוכטלאָזע אַרבעט. לערנען קינדער צו זיין ערלעך, צו ליבן זיך קעגנזייטיק, צו זיין גרויסמוטיק און מאָראַליש שטאַרק, ווען דאָס לעבן לערנט, אינספּירירט און צווינגט אַרויף פּונקט דאָס פאַרקערטע, הייסט זיי שוין שטויסן אויפן וועג פון לעבנס־שקר.

פאַרבעסערן דאָס לעבן דורך דערציאונג איז אוממעגלעך, ווייל לעבן איז אומגעהויער שטאַרקער פאַר דערציאונג. סיי אין פאַרנעם, סיי אין דויער, שטייגט לעבן אַ סך מאָל איבער דער־ציאונג. און לעבן, ווי געזאָגט, פאַרהאַלט זיך נישט צו דערציאונג פּאַסיוו, נאָר נעגאַטיוו. דערציאונג בויט און לעבן צעשטערט. ווי אַזוי קאָן דערציאונג פּרעטענדירן צו באַאיינפלוסן לעבן, ווען לעבן שווענקט באַלד אונטער יעדן אָנהויב, וואָס דערציאונג מאַכט? קאָן מען דען פאַרשיטן אַ שטראָמענדיקן קוואַל דורך שיטן אים הויפנס

זאָמד אין וועג, ווען דער קוואַל שווענקט זיי באַלד אַראָפּ און לאָזט זיך זיי נאָרנישט אָנזאַמלען?

די עטישע וועלט־מלוכה וועט בויען שול־קאָלאָניעס, שול־שטעט, לערנענדיקע היימען, ווו די קינדער וועלן לעבן לערנענדיק און לערנען לעבנדיק. די דערציאונגס־אַרבעט וועט אָנפּאַרטרויט ווערן צו קאָרפּוסן באַרופענע פּעדאַגאָגן. ווען מלוכה וואָלט נאָר געוואָלט מאַכן פון דער שול דאָס, וואָס זי קאָן זיין, ווער ווייס, וואָס פאַרא וווּנדער זי וואָלט באַוויזן. די איצטיקע שול איז אַ שלעכטע קאַריקאַטור פון דער אמתער שול. די עטישע מלוכה, וועמענס הויפּט־אויפגאַבע וועט זיין צו דערציען די מענטשהייט, וועט דער פּריסטער שול־דערציאונג שענקען די גרעסטע מאָס אויפמערקזאַמקייט.

2) נאָר דעמאָלט וועלן מיר אין אונזער קינד, גלייך ווי דאָס הויבט נאָר אָן אַרויסווייזן סימנים פון אַ באַוווּסטזיניק לעבן, קאָנען אַרויסרופן זיין ליבע צום צווייטן קינד; נאָר דעמאָלט וועלן מיר אין אים קאָנען אַריינשניידן דעם געדאַנק און דאָס געפיל, אַז אַלע, אַלע קינדער זענען, אין אַלע הינזיכטן, גלייך; אַז דאָס שטאַרקערע קינד איז גלייך מיטן שוואַכערן און דאַרף אים שטענדיק זיין אַ חבר; אַז דאָס מער־פעאיקע קינד איז אַ גלייכער מיט אַ גלייכן מיטן ווייניק־פעאיקערן און טאָר זיך קיינמאָל נישט האַלטן גרעסער פון אים און זיך וועלן אימפּאָנירן איבער אים, ווייל — וואָס איז דאָס צווייטע קינד שולדיק, אַז די נאַטור האָט עס נישט באַשאָנקען מיט אַזעלכע פעאיקייטן און מיט וואָס פאַר אַ רעכט זאָל דאָס ערשטע קינד זיך האַלטן גרויס און מיסברויכן מיט אַ נאַטור־באַגאַבונג?

אַרויסברענגען פון די קינדער דעם מאַקסימום ליבשאַפט און זי, די ליבשאַפט, פאַרוועגדן אין דעם אַבסאָלוטן גלייכהייטס־באַוווּסטזיין פון אַלע קינדער — דאָס, מיינען מיר, דאַרף זיין דער גרונט־פּרינציפּ פון אַן אמת־מאָראַלישער דערציאונג. אונטער קיין אומשטאַנד טאָר נישט דערלאָזט ווערן קיין שום שפּור פון דער אומגלייכקייט, וואָס עס הערשט צווישן מענטשן. נישטאָ קיין מער

ריירנדיקע און טראַגישע זאַך, ווי צוזען דעם איינדרוק, וואָס עס מאַכט אויף אַן אומבאַפלעקט קינדעריש האַרץ די ערשטע דער־פאַרונג, אַז נישט אַלע קינדער זענען גלייך, אַז צוליב די און די סיבות, זענען אַנדערע קינדער מער חשוב און אַנדערע ווייניקער חשוב. נישט איינמאָל, מסתם, האָט אַ לערער מיט אַ פילנדיק האַרץ, אויפגעציטערט, צוזעענדיק ביי אַזאַ געלעגנהייט די טרערן פון אַן אָרעם אָדער ייִדיש קינד און דערפילט, אַז — מיר לערנען אונזערע קינדער פאַרברעכן! ווען מען וואָלט זיי נישט אויסגע־זאָגט דעמדאָזיקן טרויעריקן סוד, — אַז נישט אַלע מענטשן זע־נען גלייך, — וואָלט זיי קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז אַזעלכעס קאָן גאָר געמאָלט זיין.

דאָסזעלבע איז אויך מיטן אַנטדעקן פאַר אונזערע קינדער אונזער עבר. פונוואַנען נעמט זיך צו אונז אַזויפיל גזלנישע קאַלט־בלוטיקייט, אַז מיר זאָלן קאָנען פאַר אונזערע קינדער דערציילן אונזער פאַרגאַנגענהייט? סטייטש, אונזער געשיכטע איז דאָך איין גרויסער שטראָמענדיקער ים בלוט! אונזער געשיכטע איז דאָך איין לאַנגע באַשרייבונג פון גרויזאַמסטן מאַסן־מאָרד און מאַסן־רויב! ווי קאָנען מיר עס לערנען מיט אונזערע קינדער?! וואָלטן מיר נישט געוועזן אַזעלכע געשיקטע ליגנער, צו קאָנען דאָס סאַמע שענדלעכסטע איינהילן אין זיידענע שלייערן און באַפוצן מיט שיינע פראַזעלעך, נאָר מיר וואָלטן געזאָגט דעם אמת; מיר וואָלטן געוויזן אונזערע קינדער די זאַכן ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכ־קייט פאָרגעקומען, דאַן וואָלטן מיר רויט געוואָרן פון בושה, ווען עס וואָלט אונז אויסגעקומען צו דערציילן אונזערע קינדער פון אונזער פאַרגאַנגענהייט. וואָס וואָלט דעמאָלט געוואָרן פון די „נאַ־ציאָנאַלע העלדן" מיט זייער אומשטערבלעכן פאַטערלאַנד־רום? עס וואָלט פון זיי געוואָרן — מאַסן־מערדער, אונטער וועמענס איניציאַטיוו עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן טויזנטער און טויזנט־טער מענטשלעכע לעבנס, כדי צו באַרויבן דעם שכן, צונעמען ביי אים זיין ברויט און זיין פרייהייט און מאַכן אים פאַר אַ שקלאַף, אָדער כדי צו באַפרידיקן די גרויסהאַלטעריי פון דער איינגענער גרופע און די חיהשע תשוקה צו זען דעם שכן אַן אונטערטעניקן

און א נבנע און במעט שטענדיק צוליב ביידע זאכן צוזאמענגע־
נומען...

אן עכטע מ ע נ ט ש־דערציאונג וועט מוזן זיין ריין פון די שקרים און פארברעכנס, מיט וועלכע די איצטיקע דערציאונג איז איבערפולט, זי וועט מוזן זיין לויטער און ערלעך ביזן גרונט.

## IX

די עטישע מלוכה זאָל איינגעשטעלט ווערן דורך דעמאָקראַטיע, אָבער די דעמאָקראַטיע גופא דארף עטיזירט ווערן.

די ביז־איצטיקע דעמאָקראַטיע איז געווען געבויט אויף א ל י ג ן. לויט דער טעאָריע האָט עס געהייסן, אז יעדער איינער קאָן אויסגעוויילט ווערן צו זיין רעגירער. פאַקטיש האָט דער דורכשניטס־מענטש קיינמאָל נישט געקאָנט אויסגעוויילט ווערן אַלס אזעלכער, מחמת עס האָבן אים געפעלט די „נויטיקע באגאַבונגען" דערצו. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין דער קאָנסטיטוציע איז געשטאַנען, אז יעדער קאָן ווערן דער העכסטער אָנפירער פון דער מלוכה, האָבן פאַקטיש געקאָנט ווערן נאָר די, וואָס האָבן געהאט פלינקע קעפּ, געשליפענע צינגער, מאכט־ און געלט־גייציקע אינדיווידן. די מכלומרשטע גלייכקייט פון דער ביז־איצטיקער דעמאָקראַטיע איז געווען א פ י ק צ י ע. א י ן ד ע ר א מ ת ן איז אָנגעגאַנגען א סעלעקציע פון א סאָציאַל־שעדלעכן טיפּ מענטש, וואָס איז כסדר דערהויבן געוואָרן צו דער מאכט. עס איז פאַראַן א מערקווירדיקע ענלעכקייט צווישן אַלע פּאָליטישענס, דאָס הייסט, אַלע דעמאָקראַטישע מושלים, פון אַלע צייטן און אַלע ערטער. פסיכאָלאָגיש קלאַסיפיצירט איז די גרעסטע מערהייט פון דער „דעמאָקראַטישער הערשער־קאַסטע", נישט־קוקנדיק, וואָס פאַר אן אידעאָלאָגיע יעדע פארטרעט, ענלעך צווישן זיך, ווי צוויי טראָפּן וואסער.

לויט דעם, ווי די ביז־איצטיקע דעמאָקראַטיע איז געווען אין דער ווירקלעכקייט, האָט מען איר טעאָריע באַדאַרפט אזוי פאָרמולירן: „אַלס רעגירער קאָנען געוויילט ווערן נאָר פערזאָנען, וואָס

קאָנען זיין רעדל־פירער, האַלטן רעדעס, גלוסטן צו הערשן, רייסן זיך צו אַ גוטער שטעלע, קאָנען פאַרנאַרן דעם עולם א. א. וו.״ ווען מ׳האָט אָבער געזאָגט, אַז אַ ל ע קאָנען ווערן, איז עס גע־ ווען אַ ליגן. דאָס איז געווען איינע פון די הויפּט־סיבות, וואָס האָבן מיטגעווירקט צום דורכפאַל פון דער ביז־איצטיקער דעמאָ־ קראַטיע.

פאַראַן אַ פּראָפעסיאָנעלער טיפּ ״פירער״, וואָס רוקט זיך באַלד אַרויס פון אויבנאָן, אַזוי גלייך, ווי עס קומט נאָר אויף ער־ גער אַ נייע אידעע אָדער באַוועגונג: דאָס זענען די ״מענער מיט טאַלאַנט״, די ״באַגאַבטע פערזענלעכקייטן״. לויט זייער כאַראַק־ טער און גייסט שטייען דידאָזיקע אויפן ניוואָ פונם דורכשניטס־ מענטש. נישט מער, זיי באַזיצן די פעאיקייט צו עקספּלואַטירן זייער אידעאַל־אילוזאָרישע פּסיכיק און מאַכן דערפון אַ געברויך. דידאָזיקע אייביקע פּראָפעסיאָנעלע פירער האָבן צעשטערט און אַנטווערטיקט אַלע עכט־עטישע באַוועגונגען אין דער געשיכטע. די טאַלאַנטירטע רבנים האָבן צעשטערט דעם עכט־עטישן גייסט פון יידנטום; די טאַלאַנטירטע גלחים האָבן צעשטערט דעם עכט־ עטישן גייסט פון קריסטנטום; די טאַלאַנטירטע פּאַרלאַמענטאַריער האָבן צעשטערט דעם עכט־עטישן גייסט פון דער דעמאָקראַטיע; די טאַלאַנטירטע ״סאָציאַליסטישע פירער״ האָבן צעשטערט דעם עכט־עטישן גייסט פון סאָציאַליזם. ווי אַן אייביקע קללה הענגט די ווירקונג פונם ״ט אַ ל אַ נ ט״ איבערן מאָראַלישן שטרעבן פון דער מענטשהייט. לויט זייער וועזנטלעכן און אָרגאַנישן גייסט זע־ נען די אַלערליי טאַלאַנטן נישט ביכולת צו פאַרווירקלעכן דאָס גוטע. דאָס גוטע זענען זיי בלויז תופס מיט דער פאַנטאַזיע. און היות ווי זיי האָבן די פעאיקייט אויסצודריקן זייערע פאַנטאַזיעס, ווערן זיי מאָראַל־פּריידיקער, שרייבן ביכער און האַלטן דרשות. זיי זענען אָבער, אין בעסטן פאַל, נישט מער ווי מאָראַל־אימיטאַ־ טאָרס און פאַלסיפיצירער פון אמת. דער ברייטער עולם, ווען דידאָזיקע קומען מאַכן גוט און פרום, ווייס און פילט בחוש, אַז דאָס איז ביי זיי נאָר שיינע מליצה און אָראַטאָרישע (אָדער שרייבערישע) קונץ; זייערע שיינע דרשות און שיינע ביכער שטעלן

מיט זיך פאַר אַ מין מאָראַלישע (אָדער עסטעטישע) פאַרוויילונג. דער עולם קומט צו זיי רייצן די מאָראַלישע עמאָציעס און נישט מער. מיט זייער לעבן און טאָן האָט עס קיין שייכות נישט...

דעמראַזיקן הויפּט־פּעלער וועט די נייע דעמאָקראַטיע דאַרפן פאַרריכטן. די ברייטע מאַסן שטעלן מיט זיך פאַר אַ סאָציאַל־פּאָ־סיוון עלעמענט, וועלכער איז אַ סך אָפּהענגיק פון פירער און באַ־ווירקער. דאַרפן די מאַסן געפירט און באַווירקט ווערן נישט פון די, וואָס קאָנען צום שענסטן רעדן, נאָר פון די, וואָס קאָנען צומבעסטן טאָן.

*

דעמאָקראַטיע איז נישט קיין פּאָליטיש פּראָבלעם; דעמאָ־קראַטיע איז אַ טיף גייסטיק פּראָבלעם.

די פריערדיקע דעמאָקראַטן האָבן געמיינט, אַז באַגרענעצטע גרופּקעס הערשער נעמען, אויף כוח, צו די פרייהייט פון פרייע מאַסן; זיי האָבן געמיינט, אַז טיראַנען, דיקטאַטאָרן און אַליינ־הערשער פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק. בכן, איז זייער עצה געווען דאָס פאָלק איין מאָל צו באַפרייען פון זיינע באַהערשער און באַ־דריקער און — עס וועט שוין אויף שטענדיק זיין פריי. מיר, היינט, ווייסן, אַז נישט באַגרענעצטע גרופּקעס הערשער נעמען אויף כוח צו די פרייהייט ביים פרייען פאָלק, נאָר דאָס שקלאַ־פישע פאָלק דערהויבט איבער זיך גרופּקעס היירשער; דאָס פאָלק טראָגט די שקלאַפהייט אין זיך. נישט די געוואַלט־הערשער פאַר־קנעכטן די מאַסן, נאָר די קנעכטישע מאַסן קרוינען די געוואַלט־הערשער.

דאָס פּראָבלעם פון דעמאָקראַטיע איז: ווי אַזוי באַ־פרייט מען דאָס פאָלק פון זיין אינערלעכער שקלאַפעריי; ווי אַזוי שלאָגט מען אַרויס ביים פאָלק זיין שקלאַפן־נשמה און מען זעצט אים אַריין אַ נשמה פון אַ פרייען מענטשן?

דעם, וואָס איז נאָר פאַרקנעכטעט אויסערלעך, איז נישט שווער צו באַפרייען. שווער צו באַפרייען איז דעם, וואָס איז אי־נערלעך אַ שקלאַף.

דאָס פאָלק דאַרף מען פערמאַנענט און אָנהאַלטנדיק באַ־פרייען; באַפרייען, נישט פון קיין אויסערלעכער פאַרגוואַלטיקונג, נאָר פון דער הכנעה און שפלות, וואָס עס טראָגט אין זיך. ווען די מענטשן וועלן ווערן אינערלעך פריי, וועט די אויסערלעכע פרייהייט זיין אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַ נויטווענדיקייט, וואָס אַנדערש וועט עס גאָרנישט קאָנען זיין.

אויב ס'איז איצט אַ שלעכטע דעמאָקראַטיע, איז דאָס דער־פאַר, וואָס ס'זענען שלעכטע מענטשן. ווען ס'וועלן זיין גוטע מענטשן, וועט זיין אַ גוטע דעמאָקראַטיע. דאָס פּראָבלעם איז: ווי אַזוי מאַכט מען גוט די מענטשן. צו וואָס פאַר אַ געביט פון לעבן מען זאָל זיך נישט צורירן, וועלן מיר זיך שטענדיק אָנטרעפן מיט איין און דעמזעלבן פּראָבלעם: מיטן מענטש־פּראָבלעם. הייסט עס, אַז מיר האָבן פאַר זיך איין איינציקע אויפגאַבע: גוט־מאַכן דעם מענטשן.

כדי עס זאָל אַמאָל קאָנען זיין אַ גוטע דעמאָ־קראַטיע, מוז פריער זיין אַ שלעכטע דעמאָקראַ־טיע. אויב מירן זיך שוין אַנטווישן אין דער פאָלקס־הערשאַפט און איינשטעלן איבערן פאָלק אַן אויבערהערשאַפט וועט די מענטשהייט זיין פאַרמשפּט צו אייביקער אונטערגעוואָרפנקייט און ויעט שטענדיק זיין אָפּהענגיק פון כלערליי „שטאַרקע הענט" און „געוואַגטע מענער" — טיראַנען און רשעים. אויב מיר וועלן דאָס פאָלק, נאָך זיינע ערשטע פעלערן, נישט צולאָזן צו ווייטערדיקער פּראַקטיק, וועט עס קיינמאָל נישט קענען. מ'מוז דער מאַסע לאָזן טאָן ווי זי טוט, און ביי דער „אַרבעט" איר לערנען. די מאַסע דאַרף לערנען פון אירע באַגאַנגענע פעלערן. מען קאָן נישט טאָן קיין גרעסערן שאָדן דער מאַסע, ווי דעמאָלט, ווען מ'וויל איר אויף כוח אויסלערנען צו זיין גוט.

די, וואָס האַסן די מאַסע, ווייזן אָן אויף אירע פעלערן און שוואַכקייטן, כדי צו מאַכן דעם אויספיר: די מאַסע איז פעלער־האַפט און מ'מוז איבער איר הערשן; די, וואָס ליבן די מאַסע, ווייזן אָן אויף אירע פעלערן און שוואַכקייטן, כדי צו מאַכן דעם אויספיר: די מאַסע איז פעלערהאַפט און מ'מוז איר אויסבעסערן.

די בּיז־איצטיקע דעמאָקראַטיע האָט לחלוטין גאָרנישט געטאָן פאַר דער אמתער און אינערלעכער אויסבּעסערונג פון די מאַסן, אָט אין וואָס עס איז באַשטאַנען איר הויפּט־פעלער. די צוקונפטיקע דעמאָקראַטיע וועט דעמדאָזיקן הויפּט־פעלער דאַרפן פאַרריכטן.

אמת, זאָגן מיר, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך לויט זייערע *רעכטן*, נישט אַלע זענען אָבער גלייך לויט זייערע קרעפטן (כאַראַקטער און פעאיקייטן). די אומגלייכקייט פון די מענטשלעכע קרעפטן איז אַ נאַטור־פאַקט און מוז אומבאַדינגט קומען אין באַטראַכט, ווען מ'רעדט וועגן געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. עס הייסט: *נישט אַלע מענטשן* קאָנען זיין רעגירער. רעגירער קאָנען בלויז זיין *באַגאַבטע* מענטשן. איז אָנשטאָט דעם, וואָס ביז איצט האָבן רעגירט *שלעכטע* באַגאַבטע, זאָלן אויף להבא רעגירן *גוטע* באַגאַבטע. פריער פון אַלץ דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט די *מאָראַלישע קוואַליטעט* פון רעגירנדיקע פּערזאָנען און ערשט נאָכדעם זייער באַגאַבטקייט.

די נייע דעמאָקראַטיע וועט דאַרפן האָבן אַלס איר גרונט־תנאי, אַז געוויילט ווערן אין דער מלוכה קאָנען נאָר אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס זענען באַקאַנט מיט זייער עטישער נאַטור, זאָגן זיך אָפּ פון רייכטום און באַזיץ און ווידמען זייער גאַנץ לעבן דער דינסט פון דער געזעלשאַפט...

קאַפּיטל זעקס

# ווי זאָל מען אנהויבן?

I

א נייע מאכט מוז אויפשטיין אין אונזער לעבן. דער מאָראַל־מענטש, וואָס האָט שוין אַזויפיל מאָל דערוואַכט אין דער געשיכטע, מוז איצט ווידעראמאָל דערוואַכן. פון היינט אָן דאַרף ער שוין אויף שטענדיק בלייבן דער אָרגאַניזירטער פירנדיקער כוח, וועלכער זאָל פּערמאַנענט אויסאיבן זיין השפעה אין דער געזעלשאַפט.

עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ מאָראַליש־פּאָליטישע געמיינשאַפט, וועלכע זאָל דורכאַנאַנד ווירקן פאַר אַ שענער לעבן. דאָס זאָל זיין אַ מין „געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלער פאַרבעסערונג" און די מיטגלידער פון דערדאָזיקער „געזעלשאַפט" זאָלן מאַכן פאַר דער איינציקער און אויסשליסלעכער אויפגאַבע פון זייער לעבן סאָציאַלע אַקטיוויטעט. זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון פירן אַ פּריוואַט לעבן און האָבן פּערזענלעכע אינטערעסן. דאָס זאָל זיין אַ געמיינשאַפט פון סאָציאַליסטישע קעמפער, וואָס זייער איינציקער באַרוף איז צו ווירקן צווישן דער עפנטלעכקייט פאַרן נייעם לעבן.

אָנהויבן ווי אַ מאָראַליש־פּאָליטישע געמיינשאַפט און ענדיקן ווי די וועלט־מלוכה. די סאָציאַלע אַקטיוויטעט פון עטישן

מענטשן דאַרף זיין אויסגערעכנט אויף יאָרצענדליקער, אויף יאָר־הונדערטער, אויף דורות. צו־קאָמפּליצירט און צו־טיף איז די אויפגאַבע — ווער וועט נאָך היינט וואגן צו צווייפלען אין דעם!— אַז מען זאָל נעמען פאַר דער אַרבעט באַגרענעצטע צייט־מאַסשטאַבן.

די נייע געמיינשאַפט זאָל אין זיך פאַראייניקן דעם מאָראַ־לישן און פּאָליטישן פּרינציפּ. מאָראַל אָן פּאָליטיק איז אַ געשריי אין דער מדבר, פּאָליטיק אָן מאָראַל איז טויט, מעכאַניש, פאַר־גוואַלטנדיק. מאָראַל אָן פּאָליטיק איז אַ נשמה אָן אַ גוף. פּאָלי־טיק אָן מאָראַל איז אַ גוף אָן אַ נשמה. אויב דער פעלער פון על־טערן סאָציאַלן געדאַנק (פון רעליגיע) איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַנוצט בלויז מאָראַל און פּאָליטיק גאָרנישט, באַ־שטייט דער פעלער פון מאָדערנעם סאָציאַלן געדאַנק דערין, וואָס ער באַנוצט בלויז פּאָליטיק און מאָראַל גאָרנישט. דער סאָציאַלער געדאַנק פון דער צוקונפט וועט דיביידע מאָמענטן פאַראייניקן.

אין דעם וועט באַשטיין דער אונטערשיד צווישן אונזער גע־מיינשאַפט און די רעליגיעזע. די אויפגאַבע פון די רעליגיעזע גע־מיינשאַפטן איז געווען אַ מאָראַליזירנדיקע: דורך פרײדיקן, דורך טאָן גוטע טאַטן, דורך לערנען. די מאַכט האָט באַדאַרפט בלייבן און איז געבליבן ביי טיראַנען. אונזער געמיינשאַפט וועט אויך פּריידיקן, אויך טאָן גוטע טאַטן, אויך לערנען, אָבער צוגלייך מיט דעם וועט זי אָפן אַרויסשטעלן פּרעטענזיעס איבערצונעמען די מאַכט.

פאַרוואָס דען זאָלן די אַלע, וואָס זענען פאַראייניקט ווענט־לעך און אָרגאַניש, זיך אויך נישט פאַראייניקן מיט זייער געדאַנק און אידעע און בילדן אַ סאָציאַלע איינהייט און ווערן אַ סאָציאַל־ווירקנדיקע קראַפט! נישט, ווי ביז איצט, דאָגמע, נישט קאָדיפי־צירטער פּראָגראַם און פאָרמול, נאָר דאָזיין, גייסט, זאָל זיין די באַזע פאַר דער נייער פאַראייניקונג. דאָגמע קאָן אויסגעלײדיקט ווערן פון אינהאַלט און בלייבן ווי אַ פּוסטע נוס. גייסט איז אָבער דער אינהאַלט גופא און קאָן זיך פון זיך אַליין נישט אויסליידיקן.

קאָדיפיצירטער פּראָגראַם קאָן בלייבן ליגן פון וואָרט, גייסט אָבער מוז זיך אויסווירקן אין לעבן, מוז קריגן פאַרענטפערונג און מוז ווערן באַוועג־קראַפט. פאָרמולן, ווי אידעאַל זיי זאָלן נישט זיין, זענען אַזוי עלאַסטיש און בויגזאַם, אַז זיי קאָנען מיט דער צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם אייגענעם היפּוך. גייסט קאָן זיך אין דעם אייגענעם היפּוך נישט פאַרוואַנדלען, נאָר מוז שטענדיק בלייבן אַזוי ווי ער איז. ווען דער „זיי גוט" שטייט אין פּראָגראַם, האָט אונז די דערפאַרונג שוין צופיל מאָל דערוויזן, קאָן דער אמתער טייטש דערפון זיין: אינקוויזיציעס, אויטאָדאַפעען, געצנ־דינערישע ריטואַלן און צערעמאָניעס. ווען דער „זיי גוט" שטייט פאַרשריבן אין גייסט, דעמאָלט מוז עס טאַקע אין דער ווירקלעכ־קייט זיין אַזוי. ווען גלייכהייט און פרייהייט שטייען אין פּראָגראַם, האָט אונז די דערפאַרונג דערוויזן, קאָן דער ווירקלעכער טייטש דערפון זיין אומפרייהייט און אומגלייכהייט. ווען פרייהייט און גלייכהייט זענען פּאָסטולאַטן פון גייסט, פון גייסט, וואָס קומט־אויף יעדע מינוט אין אונז, דעמאָלט מוז דער לעבעדיקער טייטש פון פרייהייט און גלייכהייט זיין טאַקע אַזוי ווי ער איז. ליכט קאָן דאָך נישט אַרויסגעבן פון זיך קיין פינסטערניש.

די איינציקע רעאַלע באַזע פאַר אַ געאייניקטער סאָציאַל־עטישער באַוועגונג וואָלט באַדאַרפט זיין דער גייסט. די אַלע, וואָס זייערע נשמות בילדן צווישן זיך אַן ענלעכקייט, די אַלע, וואָס פילן דעמזעלבן דראַנג צו גוטס, די אַלע, וואָס רייסן זיך צום זעלבן ליכטיקן ציל, די אַלע, וואָס ווערן געפּייניקט פון איין און דיזעלבע פאַרלאַנגען, פאַר וועלכע זיי ווילן קריגן אַ פאַרענטפערונג אין לעבן, די אַלע דאַרפן זיך צוזאַמענגיסן און בילדן איין גרויסע איינהייט און געמיינזאַם אָנהויבן דעם באַפרייאונגס־קאַמף פאַר דער מענטשהייט.

נישט פּונקטן זענען דער עיקר, נאָר די מענטשן, וואָס גייען די פּונקטן דורכפירן. ד א ס פ ר א ג ר א ם, ד א ס א י ז ד ע ר מ ע נ ט ש! גייסטיקע איינשטימיקייט דאַרף זיין פּרעדאָמינירנ־דיק איבער מכלומרשטער אידעאַישער איינשטימיקייט. דאָרט, וווּ עס איז פאַראַן גלייכקייט פון דער פּסיכיק, דאָרט קאָן, עווענטועל,

זיין צוזאַמענאַרבעט. ביז איצט איז די זאַך געווען פאַרקערט: די אַזוי־גערופענע אידעאישע געמיינשאַפטן פלעגן מיט זיך פאַרשטעלן דעם גרעסטן צוזאַמענגעמיש פון גייסטיק קאָנטראַסטירנדיקע יחידים, און דערפאַר איז כסדר געווען דורכפאַל. די דאָגמע דאַרף אויפהערן שפּילן די ערשטע ראָל ביי סאָציאַלער פאַראייניקונג. אויפן ערשטן פּלאַן דאַרף שטיין די פראַגע פון נשמה־אייניקייט, פון איינשטימיקייט פון די הערצער. וועט נאָר זיין האַרמאָניע פון די הערצער, וועט מען שוין וועגן פּראָגראַם מושוה ווערן. מיר האָבן דאָך שוין אַזויפיל פּראָגראַמען און אידעאָלאָגיעס און מיר זענען דאָך שוין אַזוי קלוג און דערפאַרן אויפן דאָזיקן געביט „וואָס צו טאָן" — ווייסן מיר שוין אויף אָן א שיעור אופנים. דאָס, וואָס עס פעלט, איז גייסט צו טאָן און אויף דעם דאַרף מען איצט לייגן דעם הויפּט־געוויכט.

פראַגן פון ריין־פילאָזאָפישן כאַראַקטער דאַרף מען איבער־לאָזן פאַר יעדן איינעמס איבערצייגונג. ווי אַזוי, למשל, איינער אינטערפּרעטירט זיין עטישן גייסט: צי ער פאַרטייטשט עס, אַז דאָס איז גאָט אין אים, אָדער דאָס איז זיין מענטשלעכער זיין, דאָס איז זיין זאַך און עס איז אָן אומרעכט, ווען איין צד אָדער דער צווייטער וויל צווינגען צו דענקען דוקא אַזוי ווי ער. דאָס, וואָס דאַרף גענומען ווערן אין אכט, איז דער בלויזער פאַקט פון גע־מיינזאַמען פילן און טאָן. דו ליבסט די מענטשהייט און דו זאָגסט, אַז די ליבע איז גאָט, איך ליב די מענטשהייט און איך זאָג, אַז די ליבע איז מענטש. דער פאַקט איז, אַז ביידע ליבן מיר, במילא מוזן מיר, אין אָנקלאַנג צו דער ליבע, טאָן דאָסזעלבע. איז דאָס שוין גענוג, אַז מיר זאָלן קאָנען צוזאַמענאַרבעטן.

ביז איצט זענען אַלע פאַראייניקונגען געווען באַזירט אויף דער איינהייט פון פּיקציעס. לויט זייער גייסט זענען די אידעען־חברים און גלויבנס־ברידער געווען צעריסן און צעשפּאָלטן און זיך ווידערשפּרעכנדיק ביז גאָר. די פאַראייניקונג פון דער צוקונפט דאַרף זיין באַזירט אויף אינערלעכער געמיינזאַמקייט, נישט קוקנ־דיק אויף אַלע אויסערלעכע פאַרשידנקייטן. די אַלע, וואָס זענען חברים און ברידער פון באַשאַף, די אַלע דאַרפן דורכגענומען ווערן

מיטן באַוווּסטזיין פון זייער אינערלעכער איינהייט און ווערן א סאָציאַל־קעמפנדיקע אידעאישע איינהייט. דאָס וואָלט געווען די ערשטע אמתע געמיינשאַפט אין דער געשיכטע. זי וואָלט נישט גע־ ווען קיין אויסערלעכע און אויבערפלעכלעכע, נאָר אַן אינערלעכע און א טיפע. צו דערדאָזיקער געמיינשאַפט וואָלט מען נישט גע־ קערט נישט דורך קיין אוניפאָרם, נישט דורך קיין מארקע און פּאַרטיי־ביכל פאַר א טאָלער א חודש, נאָר דורך דער נשמה. אַזאַ געמיינשאַפט וואָלט נישט געווען באַזירט אויף אילוזאָרישע ליגנס, נאָר וואָלט געווען באַזירט אויף אמת, אויף אמת פון ליבּ און נשמה.

אונזער קולטור־טראַגעדיע איז שטענדיק באַשטאַנען און באַ־ שטייט עד היום אין דעם, וואָס מענטשן לעגיטימירט מען נישט לויט זייערע נשמות, נאָר לויט זייערע „מיטגליד־קאַרטעס", מענטשן לעגיטימירט מען נישט לויט דעם, וואָס זיי ז ע נ ע ן, נאָר לויט דעם, וואָס זיי ז אָ ג ן.

דער עטישער מענטש איז פון דער נאַטור באַשטימט צו זיין דער פאַרבּעסערער פון דער מענטשהייט, ער איז באַשטימט צו זיין דער אויפבלאָזער פון דעם פונק־מענטש, וואָס טליעט אין די הערצער פון אַלע, ער איז די הייוון אינם געזעלשאַפטלעכן טייג, ער איז „דאָס ליכט" און „דאָס זאַלץ" פון דער וועלט און ער דאַרף דעריבער ווערן באַוווּסטזיניק אויף זיין גרויסער סאָציאַלער מיסיע און זי נעמען דורכפירן.

II

מיר דאַרפן אַוועק צווישן די אָרעמע, אויסגענוצטע און עקס־ פּלואַטירטע, כדי מיט זיי איינאיינעם צו לעבּן און זיי צו דינען. מיר דאַרפן אַוועק אין ערטער פון נויט און ליידן און דאָרט העלפן, דאָרט טרייסטן, דאָרט מוטיקן און דערהויבן.

מיט קיין רייד, ווי שיין און קלוג זיי זאָלן נישט זיין, וועט מען מענטשן מער נישט באַווירקן. דאָס איינציקע, וואָס איז נאָך יאָ בכוח צו ווירקן אויף מענטשן, איז זיי מיט מעשים באַווייזן,

אַז דאָס, וואָס מען זאָגט, מיינט מען ערנסט. דעמאָלט, ווען ס'איז פאַראַן דער באַווייז פון טאַט, דעמאָלט גלויבט מען דאָס וואָרט.

ביז איצט האָט מען געשיקט צו די מאַסן פלינקע רעדנער, זיי זאָלן זיי מאַכן „קלוג" און „באַוווּסטזיניק". די מאַסע האָט נישט געזען קיין איין גוטע טאַט, די מאַסע האָט נישט געהערט קיין איין וואַרעם וואָרט. קאַלטע דאָקטרינערע רייד, פוסטע אויסגעקליגלטע ווערטער, וואָס האָבן זיך נישט צוגעקלעפּט און זענען נישט אַריינגעדרונגען אין האַרצן, האָט מען גערעדט צו דער מאַסע. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז די מאַסע האָט געמוזט בלייבן קאַלט און פרעמד.

דער נייער וועג דאַרף זיין: אָנרעגן דאָס גוטס, וואָס איז פאַראַן אינעם מאַסע־מענטש; צערויען און אויפרודערן די עטישע קוואַלן, וואָס זענען פּאַסיוו אין אים. מונטערן זיין ליבע און סטימולירן זיין מאָראַלישן ווילן.

די הויפּט־שוועריקייט באַשטייט דאָ אין דעם, וואָס מיר קאָנען זיך נישט דערשלאָגן צו יענער טיף אין דעם מענטשנס נשמה, ווּ עס ליגט פאַרבאָרגן דאָס גוטע. דאָס גוטע אינעם מענטשן איז אַרומגעהילט מיט אַ דיקן שיכט שלעכטס, פאָרסירט פון דערציאונג, געוווינהייט און דורות־לאַנגער טראַדיציע. די ביז־איצטיקע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך באַוועגט אויפן געביט פון דער קאַלטער לאָגיק און דעם מענטשנס האַרץ האָט זי געלאָזט גלייכגילטיק.

מיט אַן אמת הערן גאָרנישט מענטשן, וואָס מען רעדט צו זיי. ווען אַפילו מיט זייערע פלייסיקע אויערן הערן זיי מכלומרשט יאָ און זענען מסכים, הערן זיי נאָך אַלץ נישט. זיי זענען מסכים א י ל ו ז א ר י ש, אָבער נישט אָ ר ג אַ נ י ש. כדי מענטשן זאָלן מיט זייער גייסט ד ע ר ה ע ר ן אַן עטישן געדאַנק, דאַרף עס אין זיי אַרויסרופן אַן אינערלעכע באַוועגונג און טעטיקייט; זיי דאַרפן דערפילן, אַז עפּעס אַ ניי ליכט האָט אויפגעשיינט אין זיי. ערשט דעמאָלט קאָן מען זאָגן, אַז זיי האָבן דערהערט.

און דעמאָלט, ווען מענטשן ווערן דורכגענומען מיט אַ געדאַנק, אַז זיי טוען אומרעכט, זיי דערפילן עס, עס ווירקט אין זיי

דערדאַזיקער באַוווּסטזיין, וועלן זיי, מיט דער צייט, עס מוזן אויפֿ־דערן טאָן. די שוועריקייט איז נאָר זיי צו מאַכן דעם אומרעכט דערפֿילן; מאַכן, אַז ער זאָל אין זיי אָנהויבן לעבן און ווירקן ווי אַ זעלבסטשטענדיקע אידעע־קראַפֿט.

*מענטשן דאַרף מען נישט מאַכן קלוג, נאָר מאַכן גוט; מענטשן דאַרף מען נישט געבן צו פֿאַרשטיין, נאָר געבן צו פֿילן; מענטשן דאַרף מען נישט איבערצייגן, נאָר באַווירקן.*

ביז איצט איז געווען אַזוי, אַז אין פּראָגנט פֿון סאָציאַליזם האָבן זיך אַרויסגערוקט פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפֿן געביט פֿון *זאָגערײַ*. זיי זענען געוואָרן די פֿירער, די פּאַרלאַמענטאַריער און וואַזשנע לייט; זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו הויכע שטעלעס און אָנגעהויבן פֿירן אַ לעבן פֿון רייכקייט און גלאַנץ. צום אויסגענוצטן און עקספּלואַטירטן פֿאָלק איז מען געקו־מען אין צייט פֿון וואַל־קאַמפּיינען. דעמאָלט האָט מען געלאָזט די צונג אין פֿולן גאַלאָפּ. „קלוגע רייד", „איבערצייגנדיקע רייד", שאַרפֿע, שפּיציקע, וויציקע רייד האָבן זיך געשאָטן ווי אַן אמתער מבול. און — די המונים אָרעמע זענען געפֿאַלן אונטערן היפּנאָ־טישן כוח פֿון דער נעשליפֿענער צונג און דערהויבן די באַ־פּראַקטע פּאַריזייער צו מאַכט, אָנזען און געלט.

קיינמאָל האָט זיך פֿאַר די דאָזיקע „גרויסע סאָציאַליסטישע פֿירער" נישט געשטעלט די פֿראַגע: סטייטש, מיר שטעלן זיך עס אַזוי איין פֿאַרן סאָציאַליזם; מיר האַלטן אַזעלכע שאַרפֿע און הי־ציקע סאָציאַליסטישע דרשות, ווי קומט עס, וואָס מיר לעבן אין רייכטום? פֿאַרוואָס לעבן מיר נישט ווי די אָרעמסטע צווישן די אָרעמסטע; פֿאַרוואָס גייען מיר נישט געקליידט אין לייוונטענע בגדים און וווינען נישט אין אָרעמע צימערן און גיבן נישט אַוועק אַלץ, וואָס מיר האָבן, פֿאַר דער אַלגעמיינער זאַך? אויב מיר ווילן נישט, אַז מען זאָל אונדז אָננעמען פֿאַר קאָמעדיאַנטן און מיר זע־נען דערפֿאַר, אַז די גאַנצע מענטשהייט דאַרף לעבן אין גלייכהייט, דאַרפֿן מיר דאָך די ערשטע געבן בײַשפּילן דערפֿון; דאַרפֿן מיר די ערשטע באַווײַזן, אַז מיר מיינען ערנסט, וואָס מיר זאָגן; דאַרפֿן

מיר נישט ווארטן, ביז אלע וועלן אזוי טאָן, נאָר דארפן אליין טאָן. דעמאָלט, ווען מען וויל עפּעס מיט אַן אמת און מען מיינט טאַקע ערנסט, וואָס מען זאָגט, ווארט מען נישט אויף קיינעם, נאָר מען טוט, וואָס מען וויל, וואָס מען מוז!... פאַרוואָס האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געשטעלט פאַר די סאָציאַליסטישע בעלי דרשנס אָט די זייער לאָגישע פראַגע? פאַרוואָס נעמט מען בכלל אָן דידאָזיקע פראַגע פאַר אַ נאַאיווע?

וואָלטן נאָר די מאַסן  ג ע וו ו אָ ל ט  אַ בעסער לעבן, וואָלט שוין נישט געפעלט קיין סך, אַז עס זאָל זיין איינגעשטעלט. דער עיקר איז מאַכן, אַז אַלע די, פאַר וועלכע אַ גערעכטע וועלט וואָלט געווען אַ טובה, זאָלן אים טאַקע מיט אַן אמת וועלן. איצט ווילן זיי אים נישט! און מיר זעען, אַז די מעטאָדן און מיטלען, וואָס זענען ביז איצט אָנגעווענדט געוואָרן איר יאָ צו מאַכן וועלן, זע־נען געווען דערפאָלגלאָז: זיי האָבן נישט געמאַכט, אַז אַלע, וואָס זענען אָרעם און ליידן, זאָלן וועלן סאָציאַליזם.

צו מאַכן, אַז די מאַסן זאָלן וועלן אַ גערעכט לעבן, איז פאַראַן נאָר איין וועג: לעבן צווישן זיי, זיי דינען און זיי לערנען. דאָס אַלץ זאָל געטאָן ווערן מיט ליבשאַפט, פון ברידער צו ברידער, פון גלייכע צו גלייכע. דאָס וואָלט אויפגעוועקט דאָס גוטס, וואָס דרעמלט אין האַרץ פון כלל־מענטש און אָנגעצונדן זיין אינער־לעך ליכט.

נישט מיט פירן קיין שרייענדיקע וואַל־קאַמפּיינען, נישט מיט דורכפירן קיין רעשיקע פּראָפּאַגאַנדע־טורן, נישט מיט קיין דרוקן רופנדיקע, פאַלש־פאַרפירערישע קילאָמעטערדיקע פּלאַקאַטן, נישט מיט קיין ספּעציעלער וואַל־ליטעראַטור א. א. וו. דאָס אַלץ, וואָס איז היפּנאָז און פאַרטומלעניש פון מאָמענט, דאָס אַלץ, וואָס איז נערוון־רייסעניש און מאָמענטאַלע פּסיכישע פאַרגוואַלטיקונג פון די מאַסן, דאָס אַלץ דאַרפן מיר אָפּשאַפן.

אונזער פּאָליטישע טעטיקייט וואָלט זיך באַדאַרפט אויסצייי־כענען מיט איר ערנסטקייט און גייסטיקער פאַרטיפונג. „אונזער פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע" וואָלטן מיר באַדאַרפט פירן שטענדיק,

א גאַנץ יאָר און אַלע טאָג. מיר וואַלטן זיך שטענדיק באַדאַרפט געפינען צווישן די אָרעמע און ליידנדיקע און אויסגענוצטע אין דער איצטיקער וועלט; שטענדיק זיי העלפן מיט וואָס מיר קאָנען. מיר וואַלטן זיי באַדאַרפט זיין ברידער און שוועסטער אין זייער נויט און אין זייער שווער לעבן. מיר וואַלטן באַדאַרפט אין זיי איינפלאַנצן דעם באַוווּסטזיין, אַז מיר זענען בעסערע מענטשן פאַר די קאַפּיטאַליסטישע אונטערדריקער. דורך אונזערע שטענדיקע לייסטונגען און דינסטן וואַלטן מיר זיך באַדאַרפט, ווייט און ברייט, קונה שם זיין צווישן די מאַסן; אונזער אומאויפהערלעכע גוטס־טואונג זאָל אונז מאַכן אונזער פּאָליטישע רעקלאַמע.

דעמאָלט, אויב מירן אַזוי טאָן, וועלן מיר מער נישט דאַרפן קיין ספּעציעלע וואַל־קאַמפּיינען, ווייל מירן טאָן ערב די וואַלן דאָס, וואָס מיר טוען אַ גאַנץ יאָר. מירן נישט דאַרפן פּאַרטומלען און פאַרנאַרן די מאַסן מיט אַ רעש פון ווערטער און רעפּעראַטן און פּלאַקאַטן, אין מאָמענט, ווען מ׳דאַרף צו זיי אָנקומען, נאָר די מאַסן וועלן שטענדיק זיין אונזערע. דורך מאָראַלישער אַטראַק־ציע וועלן זיי זיך צו אונז ציען. און די וויניקע, די גאָר שלעכטע, וואָס וועלן נישט קומען, דאַרפן מיר זיי נישט פאַרנאַרן. אונזער באַזע דאַרף זיין אַ סאָלידע און פעסטע. די, וואָס וועלן זיין מיט אונז, וועלן עס דאַרפן זיין מיט דער גאַנצער נשמה און נישט מיט קיין וואַל־שטימונג, וואָס צעגייט זיך ווי רויך.

און — ווען מירן טאָן, וועט דאָס אונז געבן אַ רעכט אויף רעדן און פּריידיקן. צום ערשטן וועלן מיר טאָן און נאָכדעם וועלן מיר רעדן. ווען אונזערע רייד וועלן זיין נישט מער, ווי קאָמענ־טאַרן צו אונזערע טאַטן, וועט מען אונזערע רייד גלויבן, זיי וועלן ווירקן, זיי וועלן אַריינדרינגען. מירן זיך אויסהיטן, אַז אונזערע רייד זאָלן זיין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט אמת.

אַזוי אַרום וועט זיך אונזער פּאָליטישע באַוועגונג פאַר־וואַנדלען אין אַ מאָראַליזירנדיקער באַוועגונג. נישט מער, מירן האָבן אַ פּאָליטישן ענדציל, וועלכער וועט דאַרפן ממשותדיק פאַרווערטיקן דעם גייסטיקן אויפרודער, וואָס מירן האָבן אַרויסגע־ריפן צווישן די מאַסן. עס וועט הייסן, אַז אויסער וואָס אַזאַ עטיש־

פּאָליטישע אַקציע וועט זיין אַ גרויסע קולטור־אַרבעט אַן און פאַר זיך, וועט זי אויך פאַרענטפערן דעם פּאָליטישן ציל.

דידאַקטיזיקע עטיש־פּאָליטישע אַקציע וועלן מיר דאַרפן אָנפירן פּערמאַנענט און אָנהאַלטנדיק. נישט מיד ווערן און זיך נישט אַנטוישן. אַרויסווייזן דעם מאַקסימום אויסדויער און עקשנות, מיט וועלכע אונזער באַוועגונג דאַרף זיך בכלל אויסצייכענען. מיר דאַרפן דערגרונטעוועון די נשמה פון די אָרעמע און אייסגענוצטע און צוקומען ביז יענער טיף, ווו עס ליגט דאָס גוטס און עס פאַר יעדן פּרייז אַרויסברענגען. און וועלן מיר די באַוואָלטע אין דער איצטיקער געזעלשאַפט איבערצייגן אין אונזער ערנסט און אָנרירן זייער עטישן איך, וועלן זיי זיין אויף שטענדיק געוואונענע פאַר אונזער זאַך.

וואָס נאָך ווירקט אַזוי אויף אָרעמע און אונטערדריקטע מענטשן, ווי ווען זיי זעען, אַז מ׳נעמט אָנטייל אין זייער גורל, מ׳זוכט זיי צו העלפן און פאַרלייכטערן, און דאָס, מיט ליבשאַפט און צערטלעכקייט. די שפּורן, וואָס עס לאָזט איבער אַ גוטע טאַט אין אַן אָרעם האַרץ, זענען נישט אָפּצווישן.

און דאַן, געשיקטע פון דער געוואונענער מאַסע, וואָלטן מיר געקומען אין דער מלוכה און דאָרט אָנגעהויבן אויסאיבן אונזער ווירקונג.

ביז איצט האָבן זיך די סאָציאַליסטישע פאָרשטייער אין דער מלוכה מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון די קאַפּיטאַליסטישע, וועלכע זיי זענען געקומען באַקעמפן. ביידע האָבן זיי געלעבט ווי גלייכע מיט גלייכע. דער אונטערשיד צווישן ביידע איז געווען דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט געזאָגט דעם אמת; ער האָט געזאָגט אַזוי ווי ער האָט געלעבט; ער האָט געפּריידיקט אַזוי ווי ער האָט געהאַנדלט; ער איז געווען אין דער אידעע דאָס, וואָס ער איז געווען אין דער טאַט. דער סאָציאַליסט, אין קעגנטייל, האָט כסדר געהאַלטן אין איין זאָגן ליגן. ער האָט געלעבט פּונקט פאַרקערט, ווי ער האָט געדרשנט; זיינע האַנדלונגען זענען געווען אַן אָפּלייקענונג צו זיינע דרשות און זיינע אידעען זענען געוואָרן ווידערשפּרוכן פון זיינע טאַטן. האָט זיך באַקומען אימפּאָטענטער ווערבאַליזם. די

פארלאַמענטן זענען געוואָרן אַראַטאָרישע גאַלעריעס און די סע־סיעס — רעדנער־טורנירן...

אַנדערש וועט עס זײַן, ווען אין די פּאַרלאַמענטן וועלן קומען אָרגאַנישע סאָציאַליסטן, אויטענטישע, לעבעדיקע, אַזעלכע, וואָס וועלן זיך פריער פון אַלץ אויסצייכענען מיט דער גרעסטער מאָס מסירת־נפשדיקער אַרבעט פאַרן כלל און נשמה־שיינקייט; אַזעלכע, וואָס וועלן אַליין לעבן ווי אָרעמע; אַזעלכע, וואָס וועלן זיך האָבן דערהויבן צו דער שטופּע פון פירער נישט מיטן כוח פון זייער גע־שליפענער צונג און געדאַנקען־זשאָנגלעריי, נאָר מיטן כוח פון אומדערמידלעכער, אָפּפערווויליקער אַרבעט פאַר דער מענטשהייט.

ווען דידאַזיקע וועלן פון די געזעצגעבערישע טריבונעס אַראָפּ פּראָקלאַמירן די איצטיקע אָרדענונג, אין וועלכער מאַסן לעגאַלע רויבער האָבן מיליאָנען און די אַרבעטנדיקע — הונגער און נויט, אַלס חיהשע און וועלן פאָדערן איינצושטעלן אַן אָרדענונג, ווי אַלע זאָלן גלייך אַרבעטן און גלייך באַלוינט ווערן, וועט עס אַריינדרינגען און ווירקן; ווען דידאַזיקע וועלן שטעמפּלען די איצ־טיקע גערעכטיקייט אַלס „רויב־ און געוואַלט־גערעכטיקייט", ווי די שטאַרקע פרעסן אויף די שוואַכערע, וועט מען עס דערפילן און פאַרשטיין. מען וועט עס דערפילן און פאַרשטיין דערפאַר, ווייל עס וועט זיין אמת, לעבן און ווירקלעכקייט, וואָס וועלן דאָס געבן צו פילן און צו פאַרשטיין...

## III

אונזער רים מיט דער איצטיקער וועלט דאַרף פאָרקומען גלייכצייטיק אויף אַלע פראָנטן. מיר דאַרפן אָנהויבן אַלץ פונדאַסניי. אין איצטיקן לעבן איז נישט געבליבן קיין איין געזונט אָרט. אַלץ איז קראַנק, צעפוילט און פול מיט ירידה.

דער טראַגישסטער שטריך אין דער איצטיקער צייט איז דער אָרגאַנישער שקר, וואָס האָט אַלץ און אַלעמען אַרומגענו־מען. דער איצטיקער מענטש איז ציניש פאַלש סיי צו זיך אַליין, סיי צו אַנדערע, סיי באַוווּסטזיניק, סיי אומבאַוווּסטזיניק. עק־

זיסטירן דאך אזעלכע מעכטיקע אינסטיטוציעס, וועמענס אויס־שליסלעכע עובדה עס איז צו קולטיווירן, פארשפרייטן און פאר־ווארצלען ליגן אין מענטשן. די אלץ־פארשרייענדיקע רעקלאמע, די אומעטום־אריינדרינגענדיקע פרעסע, ראדיא, פילם און ענלעכע.

א מענטשהייט פון ליגנערס און א קולטור, וואס איז דורך און דורך שקר. — קיין ערגערס קאן דאך שוין נישט זיין! דאס מיינט, אז מיר זענען אריין אין א כישוף־קרייז, פון וועלכן ס'איז קיין אויסגאנג נישטא...

מוזן מיר דעמדאזיקן כישוף־קרייז דורכברעכן און רופן צום *ווידערגעבורט* פון דער *מענטשהייט*; רופן צו תשובה און צו דער *באנייאונג* פון *גייסט*.

ווו זאלן מיר נעמען דעם נייעם גייסט? דער *נייער גייסט* *איז אין אונז*. נישט מער, איצט איז ער פאסיוו אין אונז; איצט איז אקטיוו אין אונז דער שלעכטער, דער חיה־שער גייסט; *איצט פארלייקענען מיר און דריקן־אונטער די בעסטע העלפט פון אונזער נאטור*; איצט באגייען מיר כסדרדיקן זעלבסטמארד איבער אונזער מארא־לישן איך.

מיר קומען צום מענטשן און זאגן צו אים:

מענטש! אין דיר איז פאראן ליכט; אין דיר איז פאראן לי־בע; אין דיר איז פאראן גוטס. *באקער דיך צו דיין אייגן גוטס!* זע עס איין אין דיר, ווי אן אומפארמיידלעכ־קייט; וויל, אז דאס גוטס אין דיר זאל לעבן. פארלייקן נישט די העכסטע נאטור־פונקציע, וואס קומט פאר אין דיר, נאר גיב זיך איר איבער. דאס וועט דיר פארשאפן גליק און פרייד. דו וועסט דערפילן דאס גרויסע גליק און די ג"ויסע פרייד, וואס עס גיט ליבע צו דער מענטשהייט, וואס עס גיט ערלעכע, ריינע און איבערגעגע־בענע ברודערשאפט. דיין יחידיש און געזעלשאפטלעך לעבן וועט ווערן א לאנגע קייט פון ווילזיין און פרידן. עס וועט אויפהערן אונטערדריקונג, עס וועט אויפהערן ארעמקייט, עס וועט אויפהערן פיינטשאפט. און דו וועסט דיינע אלע יארן אויף דער ערד פאר־ברענגען אין גליקזעליקייט און תענוג.

הער אויף צו האַסן! צוים דאָס שלעכטס, וואָס פּראָדוצירט זיך אין דיר; האַמעווע און טאָרמאָזיר דיין אייגענע חיה רעה, דעם רשע, וואָס וווינט אין דיין אינגעווייד און וואָס שטויסט דיך צו וועלן אַריינכאַפּן די גאַנצע וועלט פאַר זיך; וואָס שטויסט דיך זיך אויפצוהויבן איבער דיין שוואַכן מיטמענטש, אים אונטערצודריקן, אים אויסצונוצן, אים צו מאַכן פאַר דיינעם אַ שקלאַף און אַ נכנע.

אויפן שטייגער ווי דאָס האָט געטאָן עטישע רעליגיע, רופן מיר די מענטשן צו דער באַקערונג פון זייער אייגענעם גוטס; צו דער טויפונג אין זייערע אייגענע ליבעקוואַלן. די מענטשן קאָנען ווערן גוט, זיי דאַרפן נאָר וועלן דאָס גוטס פון זיך אַרויסרופן; זיי דאַרפן נאָר זיין איבערציינגט אין זייער עטישן זיין און אים אַרויסבּרענגען מכוח אל הפועל.

מיט אונזער גאַנצן באַוווּסטזיין און מיט אונזער גאַנצן ווילן, דאַרפן מיר זיך אומווענדן צו אונזער אינערלעך פּאָטענציעל גוטס און פון דאָרטן אָנהויבן אונזער באַנייאונג. פּונקט ווי רעליגיע האָט זיך אָנגעקלאַמערט אין דער אידעע פון אַן אַלדערבאַרעמדיקן גאָט, וואָס זיצט אין די הימלען, און האָט דורך אים גערופן די מענטשהייט זיך צו ראַטעווען, אַזוי דאַרפן מיר זען די אַלדערבאַרעמדיקייט זיצן אין אונז אַליין און דורך אונז אַליין דאַרפן מיר זיך ראַטעווען. וואָלט דידאָזיקע העכסטע מאָראַלישקייט נישט געווען אונזער אייגענער אַן אַטריבוט, וואָלט קיינמאָל אַזאַ גאָטהייט נישט פאַרפאַסט געוואָרן!...

אמת, אַז שטענדיק האָט מען דעם מאָראַלישן כוח פאַלסיפיצירט, מיסגעבּרויכט מיט אים; שטענדיק האָט דאָס מאָראַלישע געדינט אַלס מאַסקע פאַר שווינדלער, נאָכקרימער און היפּאָקריטן פון די פאַרשידנסטע סאָרטן. געווען מאָראַלישע שווינדלער, וואָס האָבּן יענעם באַשווינדלט; געווען אַזעלכע, וואָס האָבּן זיך באַשווינדלט און געווען אַזעלכע, וואָס האָבּן באַשווינדלט סיי זיך און סיי יענעם. בשוגג און במזיד, באַוווּסטזיניק און אומבאַוווּסטזיניק, מיט גאָט און אָן גאָט, — אויף די פאַרשידנסטע אופנים האָט מען אונזער מאָראַלישן דאָזיין געשענדעט, פאַרשוועכט און פאַרהאַנדלט. ביז ס'איז געקומען דערצו, אַז מ'האָט די מאָראַלע נאַ־

טור אינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן; מ'האָט איר אָנגעהויבן צו פאַרלייקענען און באַקעמפן. און דאָס האָבן לעצטנס געטאָן, טיילווייז, די אמתע מאָראַל־מענטשן. דאָס איז אַ טעות! אַוועקוואַרפן אַן אוצר, דערפאַר, וואָס ער איז אימיטירט, פאַלסיפיצירט און געפעלשט געוואָרן, קיין גרעסערע נאַרישקייט קאָן דאָך נישט זיין!...

נישט אַוועקוואַרפן און פאַרלייקענען אונזער מאָראַלישע נאַטור דאַרפן מיר, נאָר, פאַרקערט, איר אויפהויבן ביזן העכסטן גראַד. די שווינדלער און נאָכקרימער וועלן שוין אַליין אַוועקפאַלן.

**ליבע באַוועגט די וועלט!**

**דער אינערלעכער אָנשטויס איז דער באַלעבנדיקער כוח פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט.** ווען עס הערט אויף צו שלאָגן די קראַפט אין אַ וועזן, הויבט עס אָן אָפּצושטאַרבן. מען קאָן נישט רעדן וועגן איבערשאַפן **לעבן** און נישט רעדן וועגן איבערבאַשאַפן דעם **ווילן** פון לעבן. נישטאָ קיין גרעסערער אַבסורד, ווי שטרעבן צו אַ לעבן פון פרייהייט און גלייכהייט און צו דערזעלבער צייט אָפּלייקענען די מאָראַלישע נאַטור פון מענטשן. אָן מאָראַלישן כוח איז דער מענטש אַ דענקענדיקע חיה. די איצטיקע טיף־דעגענערירטע און חרובע וועלט קאָן זיין אַ גוטע לעקציע פאַר די אַמאָראַליסטן. זעט — זאָגן מיר צו זיי — ווי אַזוי עס זעט אויס אַ לעבן, וואָס אין אים פעלט דער מאָראַלישער כוח. די גאַנצע מאָדערנע קולטור, סיי אין איר בירגערלעכן טייל, סיי אין איר פּראָלעטאַרישן טייל, איז איינגעפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל. ווייל, וואָס פאַרא האַפט און ממשות האָט אַ קולטור, וועלכער עס פעלט דער אינערלעכער אָנשטויס, די שלאָגנדיקע ענערגיע, וואָס קומט פון די טיפענישן פון די מענטשן! היינט איז זי דאָ, מאָרגן איז זי נישטאָ. איצט פאַלט זי אַראָפּ פונם לעבנס־בוים ווי אַ פאַרדאַרט האַרבסט־בלעטל. דער „מאָדערנער פּראָגרעס" איז געווען אַן אויבערפלעכלעכע, פאָרמעלע דערשיינונג. קיין וואָרצלען אין דעם מענטשנס פּסיכיק האָט ער נישט געשלאָגן; קיין באַלעבנדיקע זאַפטן האָט ער פון ערגעץ נישט געצויגן; ער איז געווען בלויז אויבנאויפיקייט, בלויז שלייער, בלויז סאָציאַלע מעכאַניק. די שטראָמען, וואָס זענען געגאַנגען פון אונטן,

זענען געווען סעגנזעצלעכע צו די אויסערלעכע פֿאָרמען. איז דער באָדן אונטערגעשווענקט געוואָרן און דערמעגלעכט, אַז בייזע אָנקו־מענדיקע ווינטן זאָלן דעם גאַנצן בנין איינוואַלגערן און צע־שטערן...

אָן אונזער מאָראַלישער נאַטור ווען מיר נישט עקזיסטירן. די צוקונפט — אויב מיר ווילן האָבן אַזעלכע — מוז זיין אינגאַנצן באַהערשט פון איר!

קאַפּיטל זיבן

# ר ו ף

דער עטישער מענטש לעבט פון שטענדיק אָן אין אַנאָנימער קנעכטשאַפט אין דער אומגערעכטער וועלט. ער איז ווי אַ געפאַנגענער און אַ פרעמדער אין דער אַנימאַל־קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די אומגערעכטע געזעלשאַפט איז סותר די סאַמע יסודות פון זיין גייסט. זיין נ אַ ט י ר ל ע ך לעבן וואָלט באַדאַרפט זיין גאָר אינגאַנצן אַנדערש איינגעאָרדנט, ווי דאָס איז. אומאויפהערלעך, דורך דער געשיכטע, האַלט ער אין איין רעוואָלטירן. ער קאָן נישט שווייגן, ווייל זיין בלוט שרייט און פּראָטעסטירט אין אים. אין אָנבליק פון אומגערעכטיקייט שווידערט ער אויף און עס צעיאָמערן זיך אַלע אַטאָמען פון זיין לייב. ער איז פאַרפייניקטע קרעאַטור, פאַרלעצטער באַשאַף, מאַרטיריזירטע בריאה.

ווי לאַנג נאָך וועט עס דויערן?! ווי לאַנג נאָך וועלן זיי איינזאַמע ארומוואַנדלען אין דער געשיכטע און וואַרפן זייערע רופן, ווי רופן אין דער מדבר?! שטענדיק און אייביק וואַנדלען מיר ארום אין אַלע עקן פון וועלט און צייט און מיר קעמפן דעם קאַמף פון אונזער נאַטור און מיר זיגן נישט. פאַרוואָס? ווייל מיר זענען צעטיילט און צעשפּאָלטן און צעשפּליטערט אויף טויזנטער און מיליאָנען שפּליטער און יעדער פון אונז רעדט אויף אַ באַזונדער

לשון, און יעדער פון אונז וועבט אַרום די ציטערן פון זיין האַרץ מיט אַן אַנדער געדאַנקלעכן שפּינוועבס. איינציקווייז גייען מיר אויף אונזער היסטאָרישן מאַרטירער־וועג; איינציקווייז ווערן מיר פאַרלאָזן פון אונזערע מכלומרשטע אידעען־חברים; איינציקווייז ראַנגלען מיר זיך אין אונזער צוריקגעצויגנקייט און ווערן צעפּרעסן פון אַנטוישונג און יאוש. מיר אַנטלויפן פון מענטשן, מיר ציען זיך צוריק פון דער עפנטלעכקייט, מיר פאַרשטעקן זיך אין פאַר־וואָרפענע ווינקלען און טראַכטן אויס פילאָזאָפיעס פון פעסימיזם און וועלט־שמערץ. אונזער לעבן, וואָס וואָלט באַדאַרפט זיין פול מיט העלער פרייד, ווערט איבערפולט מיט פּיין און אינערלעכן געראַנגל. — מיר וועלקן און ווערן אַלט פאַר דער צייט. דור נאָך דור חזרט זיך איבער דיזעלבע געשיכטע און ענדיקט זיך קיינמאָל נישט! שטענדיק איז דאָס לעבן פון גוטן און גערעכטן מענטשן שווער און ביטער!...

מען האָט אויסגעטראַכט פאַר אונז אַזעלכע נעמען, ווי: אי־דעאַליסטן, טרוימער, דאָן־קיכאָטן, אָבער ניין, מיר זענען נישט מער, ווי גוטע באַשעפעניש ן. אונזערע שטרעבונגען זע־נען נישט מער, ווי שטרעבונגען פון גוטע וועזנס זיך אויסצולעבן נאַטירלעך. אונזער אייביקער קאַמף איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דער קאַמף פון אַ פאַרפּייניקטן סאָרט ברואים, וואָס זוכט זיך צו באַפרייען פון אַן אומנאַטירלעך און געצוווּנגען לעבן. אין דער אַנימאַלער געזעלשאַפט הענגען קייטן אויף אונזערע נשמות און מיר זוכן די קייטן אָראָפּצוּוואַרפן. מיר קעמפן דעם קאַמף פון גוטס און גערעכטיקייט, ווייל דאָס מוזן מיר טאָן; ווייל דאָס שטויסט אונז נאַטור אַזוי צו טאָן. און דערפאַר ווערן מיר מאַרטי־ריזירט פון דער מאַכטהאָבנדיקער, דענקענדיקער בעסטיע, וואָס ווייל אונז האַלטן פאַרשקלאַפט צו איר לעבנסשטייגער.

ביז איצט איז נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע נישט געווען קיין אָרגאַניזירטע מענטש־באַוועגונג. עס זענען געווען ספּאָנטאַנע אויפשוווּנגען פון אַזאַ. אַ באַוועגונג אָבער, וואָס זאָל זיין באַגרינדעט, פּלאַנירט, אַלזייטיק אָרגאַניזירט און זאָל אַרומנעמען אַלע געביטן פון לעבן, אַזאַ איז נאָך ביז איצט נישט

געוועז און, אזא דארפן מיר, איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַשאַפן. אַזא באַוועגונג איז אומפאַרמיידלעך. די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איז אַן עדות פון איר אומפאַרמיידלעכקייט! מען דאַרף זיך נאָר דורכנעמען מיטן עטישן באַוווּסטזיין פון דער געשיכטע און זען, ווי אַזוי דער קאַמף פאַר מענטש־לעבן טויכט אויף אַלע מאָל מיט אַ נייער קראַפט און נייעם אימפּעט, כדי איינצוזען, אַז אַזאַ באַוועגונג מוז קומען.

אָן אַ שיעור מאָל האָט שוין דער גערעכטיקייטס־מענטש דער־וואַכט; אָן אַ שיעור מאָל איז שוין די מענטשלעכע געשיכטע אויפ־געטרייסלט געוואָרן ביז איר יסוד. ווער קאָן דען צווייפלען אין דער מאַכט פון דעם גערעכטיקייטס־מענטש? שטענדיק אָבער איז געקומען אַ דורכפאַל, ווייל עס האָט געפעלט די פאַראייניקונג, וואָס זאָל זיין באַזירט דורכאויס אויף דער געמיינזאַמקייט פון גייסט. עס זאָלן זיך פאַראייניקן אַלע די־יעניקע, וואָס די נאַטור האָט פאַראייניקט. ביז איצט איז געווען אַזוי, אַז דער עטי־שער מענטש פלעגט זיך אויסמישן מיט געשיקטע מאָראַל־אימיטאַ־טאָרס און אונטערן צייכן פון אַ פאַפירענעם פּראָגראַם, פון אַ דאָגמע, אַ גלויבעכץ — אידעאַלער שקר — פלעגן זיי מכלומרשט קעמפן פאַר זייער „געמיינזאַמער" זאַך. אין דער ווירקלעכקייט, אָבער, ווי הימל־ווייט, ווי פאַרשידן זענען געווען די עטישע מענטשן פון זייערע מכלומרשטע אידעען־חברים. דאָס, וואָס ביים עטישן מענטשן איז דאָזיין, בלוט פון זיין בלוט און פלייש פון זיין פלייש, איז ביים „ווערבאַלן אידעאַליסט" — שיינע אילוזיע, אויסדאַכטונג, ליגן פון דער פאַרשטעלונג.

אָט וווּ עס שטעקט די סיבה פון אונזערע אַלע ביז־איצטיקע דורכפאַלן. מיר האָבן ביז איצט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, ווו עס געפינט זיך דער אמתער כוח, וואָס שטויסט אונז צו גיין אויף דעם שווערן און פיינפולן וועג פון אונזער לעבן, אַ וועג, וועלכן מיר מוזן גיין און ווילן גיין און, מיר האָבן זיך ביי דעם כוח נישט געהאַלטן. שטענדיק זענען מיר פאַרקראָכן אויף זיי־טיקע אומוועגן און האָבן אַראָפּגענויגט פון דעםברייטן שליאַך

פון אונזער דאַזיין. אַלע מאָל האָבן מיר זיך אָנגעכאַפּט אין אַן אַנ־דער פיקציע און מיר האָבן געמיינט, אַז מיר האָבן געפּאַקט דעם העכסטן אמת און אין נאָמען פון דעם האָבן זיך ברידער, ברי־דער אין גייסט און זיין, אָפּגעטיילט פון איינאַנדער און זענען זיך געוואָרן שונאים און קעגנער.

לאָמיר דעמדאָזיקן טעות איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרריכטן. לאָמיר זיך אַריינקוקן איינער דעם אַנדערן אין די הערצער און דאָרט זיך דערקענען, דאָרט זיך אידענטיפיצירן. לאָמיר פון זיך אַראָפּרייסן די אויסערלעכע שלייערן, וואָס צעטיילן אונז אין סאָ־ציאַלע גרופּן און מיט אונזערע נאַקעטע נשמות זיך פּרעזענטירן. די אַלע, וואָס פילן, אַז זייער האַרץ צאַפּלט אויף פון פרייד אין אָנבליק פון גוטס און גערעכטיקייט; די אַלע, וואָס הערן אין זיך דעם רוף פון ליבשאַפט; די אַלע, וואָס פילן, אַז אין זייער שטאָף באַשאַפט זיך כסדר און כסדר גוטער ווילן צו זייערע מיטמענטשן; די אַלע, וואָס בענקען נאָך אַ לעבן פון ברידערלעכקייט, חברותא, פרידן, אמת, וויסן און שיינקייט, — די אַלע, וואָס פילן, אַז דאָס איז זייער סטיכיע, זייער יסוד, די אַלע זאָלן זיך פּרעזענטירן.

דער עטישער מענטש דאַרף ווערן באַוווּסטזיניק אויף זיין זיין און געמיינזאַם אָנהויבן פירן דעם באַפרייאונגס־קאַמף. נישט אין נאָמען פון קיין געטלעכע מאָראַלן, נישט אין נאָמען פון קיין הימלישע פּרינציפּן, נאָר אין נאָמען פון זיין זיין: ער איז אַ גוט באַשעפעניש און אַלס אַזעלכער וויל ער זיך פריי אויס־לעבן און אויך שלעפּן דעם ברייטן כלל אויפן וועג פון ווירקלעכער פּאַרמענטשלעכונג.

ביז איצט איז דער עטישער מענטש אָראָפּגעשוועקט געוואָרן מיטן שטראָם פון מאַסע. מיר מיינען, אַז די בעסטע, די ערלעכ־סטע, די צוממייסטן מאָראַליש שטאַרקע און געוואַגטע דאַרפן זיך אויסטיילן און זיך קאָנסטיטואירן אין אַן איינהייט און ווערן אַ פּערמאַנענט־ווירקנדיקער, עטיזירנדיקער, סאָציאַלער כוח. נישט אויסטיילן זיך צוליב אָפּטיילן, נאָר, פאַרקערט, אויס־טיילן זיך, כדי זיך אויסצומישן מיטן ברייטן כלל און אים

אויפהויבן, כדי צו דינען דעם כלל, כדי בעסער צו קאָנען פאַרטיידיקן די אַלגעמיינע זאַך.

די מאַסן זענען דער עיקר; די אָריענטאַציע דאַרף גיין דורכ־אויס צו די מאַסן און דורך די מאַסן. אָן די מאַסן איז אַ סאָציאַ־לע באַוועגונג גאָרנישט ווערט, ווייל זי בלייבט רעדוצירט צו סעק־טאַנטיזם. ליבנדיק די מאַסע און וועלנדיק איר זען אויף דער העכסטער שטופע פון קולטור און וווילזיין, מוז מען איר אָבער נישט צושרייבן אַזעלכע מעלות, וועלכע זי באַזיצט, אין דער אמתן, נישט. די געשיכטע פון די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר, — כדי נישט צו גיין ווייט זוכן, — האָט אונז גאַנץ גענוי באַוויזן, אַז די מאַסע האָט פעלערן. סיי אין דער דעמאָקראַטיע, סיי אין די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטריטן, האָט מען אַרויסגעזען אָן אַ שיעור שוואַכע זייטן אין דער מאַסעס כאַראַקטער. (דאָס וועלן אַרויפ־וואַרפן די שולד אויף שלעכטע פירער, הויבט נישט אויף די מאַ־סע, נאָר, פאַרקערט, דערנידעריקט זי נאָך מער. — זיך לאָזן כסדר „פאַרפירן" איז די אומפאַרצייַלעכסטע פון די שוואַכקייטן...).

דער דורכפאַל פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַווע־גונג, אינגאַנצן גענומען, איז געקומען פון אַ פאַלשן אָפּשאַצן די מאַסן־פּסיכאָלאָגיע. מען האָט די מאַסן אידעאַליזירט. ווי נאָר מען האָט אַרויסגערעדט די ווערטער: „דאָס פאָלק", „די מאַסע", אַזוי האָט מען גלייך געזען פאַר זיך אַן אידעאַל געשטאַלט. אין דער ווירקלעכקייט איז עס נישט אַזוי. ליבע, פונקט ווי האַס, שטערן צו זען די זאַכן אין זייער ווירקלעכער שיין. דערפאַר, וואָס מען האָט די מאַסן צופיל געליבט, דערפאַר האָט מען זיי געזען אַזוי, ווי מען האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיין. מיר דאַרפן קענען דעמדאַזיקן פּסיכישן אורטייל־פעלער, וואָס איז פאַר־וואָרצלט אין אונז אַליין, זיין געוואָרנט.

די מאַסע איז נאָך גאַנץ ווייט צו זיין אידעאַל. זי קאָן, אָבער, דורך אַן אַקטיווער און אָנהאַלטנדיקער ווירקונג פון אידעאַליסטישן מענטשן אין איר מיט, אויסגענוצט ווערן אויף איינצושטעלן אַ ווי ווייט מעגלעך גוט און גערעכט לעבן. דער אידעאַליסטישער מענטש

דאַרף נאָר אין דער ריכטונג אָריענטירן זיין איניציאַטיוו און אויפגעבן זיין באַשיידנקייט.

ווען עס גייט וועגן ר ע כ ט, דאַרף יעדער איינציקער מענטש, ווי גרויס און באַגאַבט ער זאָל נישט זיין, זיך פילן גלייך מיטן קלענסטן פון די קלענסטע. די גרויסקייט און באַגאַבטקייט דאַרף נישט און טאָר נישט קריגן קיין שום אויסדרוק אין וועלכער עס איז סאָציאַלער פּריווילעגיע. עס איז דאָך אָבער נישט גוט, ווען דער שטאַרקערער מאַכט זיך פאַר אַן אמת, — דערפאַר, וואָס ער ו ו י ל אַזוי, — אַז אַלע זענען אַזוי שטאַרק ווי ער און דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז סיי ער און סיי די שוואַכערע ווערן געשלאָגן פון זייער געמיינזאַמען שונא...

דער שונא נוצט זיך אויס מיט דער אידעאַלקייט פון זיין כאַראַקטער. דערפאַר, וואָס די בעסטע ווילן זיך נישט שטעלן אין דער שפּיץ פון די מאַסן, רוקן זיך אַרויס אין דער שפּיץ די ערגסטע און זיי ווערן די פירער פון די מאַסן, האָבן די ערגסטע פאַרכאַפּט די מאַכט איבער דער וועלט און זי אַריינגעפירט אין אַ פינסטערן, אויסגאַנגסלאָזן תהום. קוקן מיר זיך צו צו דער איצטיקער וועלט, מוז מען אויפשוידערן פון שרעק. קיינמאָל איז די חיה אין מענטשן נישט געווען אַזוי אויפגעברויזט, ווי איצט. עס גייט אַן אַ פּראָצעס פון אמתער פאַרווילדונג פון די מענטשן. ס'גרייטן און דערנענטערן זיך די קומענדיקע וועלט־מלחמות: די ערד וועט זיך אָנצינדן פון אַלע זייטן. אַלע ימען וועלן ווערן אָפּגעפאַרבט אויף רויט; אַלע קרוינשטעט וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין חורבות. אַלע שטעט וועלן אויסגעגליייכט ווערן מיט דער ערד. מען וועט מער נישט הערן דאָס פייפן פון פאַבריקן און רוישן פון מאַשינען. באַנען וועלן מער נישט אַרומלויפן איבער די קאָנטינענטן און שיפן וועלן מער נישט קרייצן די אָקעאַנען. מען וועט מער נישט זען קיין פויער, וואָס זאָל אַקערן די ערד און קיין פעלד, וואָס זאָל גרינען. פּוסט וועט זיין די ערד. אונזער פּלאַנעט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן בית־עולם. קופּעס מתים, דערשטיקטע פון גאַזן, פייער־באָמבעס און אָנגעשיקטע מגפות, וועלן צודעקן גאַנץ זיין אויבערפלאַך. אומענדלעכע מחנות קראָען וועלן פרעסן די

פוילנדיקע צווייפיסיקע נבלה און דער געשטאַנק וועט דערגרייכן ביז צום ווייטסטן פון די שטערן און די זון וועט זיך שעמען צו לייכטן און די לבנה וועט נישט וועלן אויפגיין....

— — — — — — — — — — —

ס'איז נישט קיין שווארצער אַפּאָקאַליפּסיס פון אַ בייזן נביא, נאָר די שטרענגסטע ווירקלעכקייט. פרעגט, אדרבא, ביי די קריגס־מיניסטאָרן און ביי די געוועיר־פאַבריקאַנטן. פרעגט ביי דידאָזיקע תלינים אונזערע, וואָס פאַרא בלוטיקע שווישפּילן זיי גרייטן צו. עס איז אומפאַרמיידלעך — אויב עס וועט נישט פאָרקומען קיין ראַדיקאַלער אומבייט אין יענע גרונט־כוחות, וואָס באַשטימען אונזער געזעלשאַפטלעך לעבן — די טאָטאַלע זעלבסטפאַרניכטונג פון דער צווייפיסיקער בעסטיע, וועלכע האָט געהאַט דאָס גרויסע אומגליק אַריינצוקריגן אין אירע הענט אַזעלכע מעכטיקע וואָפן, ווי עס איז די מאָדערנע קריגס־טעכניק.

אויב עס זענען גערעכט יענע „פּראַקטישע'' דענקער, וואָס האַלטן, אַז „מלחמות זענען שטענדיק געווען און וועלן שטענדיק זיין'', מוז מען פונדעסטוועגן זאָגן, אַז גאָר לאַנג וועלן שוין קיין מלחמות נישט זיין... מיט אַזעלכע מלחמה־מיטלען, ווי די איצטיקע, און די צוקונפטיקע, וועלן זיכער מענטשן נישט פירן אַזוי לאַנג מלחמה, ווי זיי האָבן געפירט... נישט וויכטיק, צי די קומענדיקע מלחמה וועט זיין די לעצטע, אָדער די צווייטע צי די דריטע. אַזוי שטעלן די פראַגע, הייסט איר נישט פאַרשטיין. די פראַגע דאַרף שטיין אַט ווי: אויב דער גייסט פון לעבן וועט ווייטער זיין דערזעלבער, וואָס ביז איצט, און די צעשטערונגס־מיטלען וועלן אַלע מאָל ווערן ברייטער און גראַנדיעזער, מוז עס אומפאַרמיידלעך קומען צו דער פולקאָמער זעלבסט־פאַרניכטונג פון מין מענטש.

די מענטשהייט איז מיט איר איצטיקער ציוויליזאַציע גע־שטעלט געוואָרן פאַר אַ פּרוּוו. דאָס, וואָס זי האָט מיט איינמאָל אַריינבאַקומען אין איר רשות אַזעלכע ברייטע מעכאַנישע מיטלען אויף צו באַרייכערן איר מאַטעריעל לעבן, האָט זיך געקאָנט פאַר־וואַנדלען סיי אין דער גרעסטער ברכה פאַר איר, סיי אין דער־

גרעסטער קללה. א ברכה וואָלט עס געווען דעמאָלט, ווען די מענטשן וואָלטן געווען גוט און וואָלטן זיך קעגנזייטיק געלייסטעט. דעמאָלט וואָלטן די נוצן פון די נייע מיטלען זיך צעפאַלן אין אַ גלייכער פּראָפּאָרציע אין אַלע זייטן און אַלע אינדיווידן וואָלטן גלייך גענאָסן זייער חלק שפע און ווילזיין. אַ קללה איז עס איצט, ווען די מענטשן זענען שלעכט, עגאָאיסטיש און זעלבסטזיכטיק, ווען די ערגסטע טיפן פון מין, האָבן זיך מיט אַן אומדערהערטער גיריקייט אַרויפגעוואָרפן אויף די ניי־געשאַפענע מיטלען און ווילן זיי אינגאַנצן פאַרכאַפּן, עקספּלואַטירן און אויסנוצן נאָר פאַר זיך און די איבעריקע זאָלן אומקומען. עס הייסט, אַז די מענטשהייט האָט דעם פּרוּוו נישט אויסגעהאַלטן; עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בעסטיעס זענען נישט ראוי צו באַזיצן קיין הויכע ציוויליזאַציע, ווייל זי פירט צו זייער אייגענער פאַרניכטונג. אַזוי וואָלט אויך פּאַסירט, ווען די ווילדע חיות אין וואַלד וואָלטן באַקומען ברייטע אויסראָטונגס־מיטלען. זיי וואָלטן זיך זיכער איינער דעם צווייטן גאָר גיך אָוועקגעפּטרט. פאַר חיות איז אַ ברכה, ווען זיי זענען ווילד און זיי האָבן נישט איבעריק וואָס און נישט מיט וואָס צו פאַרטיליקן זיך...

אַלע וועגן, וואָס זענען ביז איצט אויסגעפּרוּווט געוואָרן אויף אָוועקצושטעלן אונזער לעבן אויף דער באַזע פון שכלדיקייט, יושר און פרידן, האָבן געליטן אַ דורכפאַל. איז שוין טאַקע מער קיין אויסוועג נישטאָ? איין איינציקער אויסוועג איז נאָך געבליבן. דאָס איז די דערוואַכונג פון עטישן מענטשן און דאָס איבערנעמען די אָנפירונג מיט דער געזעלשאַפט אין זיינע הענט.

אויב די מענטשהייט וויל האָבן אַ צוקונפט, אויב זי וויל, אַז די צוקונפט זאָל זיין שיין און גליקלעך, קאָן זי עס דערגרייכן נאָר דורכן איבערגעבן די אָנפירערשאַפט פון דער וועלט אין די הענט פון די בעסטע מענטשן. איבערגעבן די וועלט אין די הענט פון די בעסטע, מיינט זי אַרונטערשטעלן אונטער דער ווירקונג פון אַ לעבעדיקער מאָראַל־קראַפט און נאָר דאָס איז די איינציקע גאַראַנטיע, אַז שיינקייט און גערעכטיקייט וועט בליען אין לעבן...

# אינהאלט:


| | | | |
|---|---|---|---|
| | | | זייט |
| קאַפּיטל | איינס: | די מענטשלעכע טבע (פּסיכאָענערגיע) | 3 |
| " | צוויי: | סאָציאַלע אָרדענונג איז נאַטור־אָרדענונג | 19 |
| " | דריי: | פאַשיזם — די לעקציע פון אונזער צייט | 53 |
| " | פיר: | סאָציאַליזם און די עטישע טענדענץ אין דער געשיכטע | 77 |
| " | פינף: | די איבערגאַנגס־געזעלשאַפט | 101 |
| " | זעקס: | ווי זאָל מען אָנהויבן? | 156 |
| " | זיבן: | רוף | 171 |